STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09713

FAYERN IN NAKHT

Isaac Kozinitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. י. קאַזיניץ

פייערן אין נאַכט

דראַמען.

ניו יאָרק, 1939.

COPYRIGHT 1939

BY

ISAAC KOZINITZ

208

מײַן פּרווּ אַ מתּנה

אויפפירן, איבערזעצן אָדער איבערדרוקן
אָן דער דערלויבעניש פון מחבר
פאַרבאָטן.

אינהאַלט:

אין צוזאַמענבּרוך.
דראַמע אין 4 אַקטן און 7 בּילדער.

די אויסגעצוימטע
דראַמע אין 1 אַקט.

באַדערנאַכט
דראַמע אין 1 אַקט.

אין די פּאַראָהעס
דראַמע אין 4 אַקטן.

ארויסגעגעבן פון :

באַלטיק־וויטעבסקער ברענטש 33 א. א. א

באַלטיק־וויטעבסקער ברענטש 333 א. א. א.

פאַראייניקטע קאָמיטע פון ביידע ברענטשעס :

(עקזעקוטיוו־מיטגלידער).

אייראָף, צבי הירש
בערקאָוויץ, רחל
בריליאַנט, קאָפּל
גודמאַן, זעלדע
גאָלדענפאַרב, אהרן
גאָלענטער, מרדכי

טאַראַנט, ליזאַ
לערנער, אהרן
ליפשיץ, בען
מייבלום, סאַראַ
סילווערמאַן, ראָוז
ספּאַנדזשין, מאַקס

סיגאַל, פיליפ
פיעלד, שמואל
ריימאַנט, וואולף
רייכלסאָן, דוד
שועל, בערטאַ
שעפּקאָוויטש, ליובאַ

עקזעקוטיוו פון באַלטיק־וויטעבסקער ברענטש 33 א. א. א.

אַראָנאָוו, רחל
געלער, א.
גרונער, דאָראַ
וואָלקין, מרים
יודאָווין, מאַלע
לעהמאַן, אַנאַ
לערנער, עליזאַבעט
נאַכבאַר, ר.
נאַכבאַר, דזשעק
סטאַרק, ב.
סימס, ר.

פינסקי, פרידאַ
פינסקי, יאַנקל
פרידבערג, פ.
קינג, סעם
קריווין, ס.
ראָזנטאַל, האָוארד
שאָהן, סידני
שאָהנוועטער, ליליען
שאַפּיראַ, אַנאַ
שנייער, וויליאַם
לאַקס, בערטאַ

עקזעקוטיוו פון באַלטיק־וויטעבסקער ברענטש 333 א. א. א.

אַראָנסאָן, בארני
בראַון, אירווינג
גאָלדענפאַרב, סאָניאַ
גאָלדענפאַרב, געניאַ
גאָלדפאַרב, מ.
געלקין, מ.
האָפמאַן, ראָוז
מילענקאָ, ק.
מירין, א.
מילער, ב.

סאָלאָמאָן, ס.
סלאָבאָדקין, נחמן
פּאָל, מאָניאַ
קרעמער, מ.
רייזמאַן, נאַט
שטייפעל, א. דר.
שטיינבערג, אַנאַ
קאָזיניץ, ליליען
הוק, סימאָן
.לענדיס, איידאַ

אין צוזאַמענברוך

דראַמע אין 4 אַקטן און 7 בילדער.

פערזאָנען:

מר. דייוו אייזיקסאָן.
ענע, זיין פרוי
לואיס, זייער זון, יונגער לאָיער.
ראָוז, זייער טאָכטער, פאַרהייראַט פאַר דעם יונגן בראַונער.
ליאָן, לואיסעס חבר, יונגער לאָיער.
דאָראַ סילווער.
מר. סעמיועלס.
דזשין, זיין טאָכטער.
מר. סטאָון, לאָיער.
דאָקטאָר.
דזשעק, אַרבעטער באַ מר. אייזיקסאָנען אַפן גאַז־סטאַנציע.
סעם, אַרבעטער באַ מר. אייזיקסאָנען אַפן גאַז־סטאַנציע.
דזשאָן, אַרבעטער באַ מר. אייזיקסאָנען אַפן גאַז־סטאַנציע.
דזשים, לואיסעס באַגלייטער.
בעני, לואיסעס באַגלייטער.
דזשאַן, לואיסעס באַגלייטער.
יונגער אַרבעטער מיט ליפלעטס.
מאַן פון ערשטער פּאָרל.
מאַן פון צווייטער פּאָרל.
מאַן פון דריטער פּאָרל.
מאַן פון פערטער פּאָרל.
ערשטער אין צילינדערהוט.
צווייטער אין צילינדערהוט.
ערשטער מאַן.
צווייטער מאַן.
ערשטער אין די פערציקער.
צווייטער אין די פערציקער.

אויסגעדאַרטער מיט גרויסער קאָפּ געגרייזלטע האָר.
ערשטער מאַן מיטן מאַנטל אַפן אָרם.
צווייטער מאַן מיטן מאַנטל אַפן אָרם.
ערשטע מיטליאָריקע פרוי.
צווייטע מיטליאָריקע פרוי.
מאַן מיט ווייכער הוט.

שכנים, שכנות, מענטשן פון גאַס, מענטשן אין קאָורט, קאָורט־
אָנגעשטעלטע, רעפּאָרטערס, פאָטאָגראַפן, פּאָליסלייט,
מיטגלידער פון מר. אייזיקסאָנס קאָנגרעגיישאָן.

צ י י ט : — 1930—1931.

אָ ר ט : — פאַראייניקטע שטאַטן.

ערשטער אַקט.

ערשטע בילד.

די בינע.

גרויסע גאַזאָלין־סטאַנציע אַפּן ווינקל פון צוויי עוועניוס. אין לינקער העלפט — פון פראָנט ביזן הינטערגרונט — אין צוויי רייען זעקס קאָלאָנען פאַר גאַזאָלין צו איין עוועניו אַרויס; רעכטס, אינדערטיף: פון ווייסן קאַכל אַ ווינקל פון סטאַנציע־אָפּיס. איבערן סטאַנציע גרויסע שילדן מיט רויטע אויפשריפטן אַף אַ ווייסן עמאַלירטן גרונט. הינטערן סטאַנציע־אָפּיס אין הינטערגרונט קרייצט די צווייטע עוועניו און עס זעען זיך גאַזאָלין־קאָלאָנען פון דער צווייטער זייט סטאַנציע.

דזשאָו, דזשעק און סעם שטייען אָנגעשפּאַרט אין פאַרשיידענע פּאָזעס אָן די גאַזאָלין־קאָלאָנען און קוקן אין דעם אַנטקעגן פון דער סטאַנציע.

זוניקער אָקטאָבער־טאָג. מוזיק פון דער צווייטער זייט עוועניו, לינקס.

סעם:

אַט אַ טאָג באַ זיי!...

דזשאָו:

דריי סענט אַפּן גאַלאָן ביליקער, אַ קען אויל אומזיסט אַלס סואַ־ווענירן...

סעם:

אַט אַן אַנגעלאָף!...

דזשעק:

וואָס וואונדערסטו זיך? — דערעפענונג! מוזיק פון אינדערפרי, סואוועניר־פּרייזן... אויטאָמאָבילן מיט סיינס און לאַודספּיקערס אַרויסגעשיקט איבער די עוועניוס און ראָודס...

סעם:

אַ פּאַרפּלייצונג, אַן אַנשווימעניש פון אַלע זייטן!.. מאַשינען אין פינף רייען!...

דזשאָו:

מיר מעגן זוכן דזשאָבס...

דזשעק:

אַט דאָס איז, באָיס, אַ קאָמפּאַני... הויבט דאָס אָן, הויבט דאָס אָן גרויס: מיט דעם מאַקסימום, וואָס ס'איז נויטיק אין דעם סעקשאָן, מיט די נייעסטע באַדינונגס־אווטאָמאַטן און מיט דעם מינימום מענטשן...

דזשאָו:

מיר מעגן זוכן דזשאָבס!.. און איצטער — געפינען אַ דזשאָב...

סעם:

נעווער מאַינד. היינט איז זייער חתונה, און חתונה איז איין מאָל אין לעבן; באַ בעריעס בלויז עטלעכע מאָל...

דזשעק:

ס'איז אַ קאָמפּאַני, באָי! זי האָט הונדערטער סטיישאָנס איבערן לאַנד!... זי קען דאָ שפּילן אַ לעבן פון הוילע חתונות און די איבע־ריקע סטיישאָנס וועלן צאָלן פאַר די קלעזמער...

ד ז ש אָ ו:

מר. אייזיקסאָן איז אַ יאָלד: געדאַרפט פאַרקויפן די סטיישאָן פאַר־ראַיאָרן... געהאַט אַ גאָלדענעם טשענס...

ס ע ם:

אים איז ניט איינגעפאַלן, אַז מ׳וועט אים אויסבויען אַ סטיישאָן אונטערן נאָז... און אין אַ קריזיס נאָך דערצו...

ד ז ש ע ק:

ביליקער דער בויען.

ד ז ש אָ ו:

מ׳וועט אים איצט אויסרויכערן... (פּאַוזע).

ד ז ש ע ק:

אָט אַזוי איז דאָס, באָיס: בלויז מיט אונדז שפּילט מען זיך ניט!... מיט די אייזיקסאָנס קען מען זיך אָבער דערלויבן צו שפּילן! מ׳לאָזט זיי שווימען: פריי און גאוהדיק שווימען און — מ׳שטעלט אויף איין גענזאָלין־סטיישאָן אָט אַף איין קאָנער, אָט אַף אַ צווייטן, אָט אַף איין ראָוד און אָט אַף אַ צווייטער; גאַנץ געלאַסן און שפּילעוודיק וועבט זיך די נעץ פון טשיין־סטאָרס אַף יעדן קאָנער און קאָנערל: גענזאָלין, גראָסערי, סיגאַר־סטאָרס, דעפּאַרטמענט־סטאָרס מיט פלאָרס אין הימל אריין... איז דאָס ניט גענוג, העלפט אונטער אַ „קריזיסל" פון צייט צו צייט...

ד ז ש אָ ו:

סאָם קריזיסל...

ד ז ש ע ק:

מ׳גרייט שטריק אַפן האַלדז און מ׳זינגט וועגן גאָלדענע ציגן אין הימל...

ס ע ם:

סאָם שפּיל...

ד ז ש אָ ו:

סאָם שפּיל איז ראָיט...

(דאָראַ קומט. שיינע שאַרפע שטריכן, אָנגעטאָן מיט אַ סך געשמאַק).

ד אַ ר אַ:

העלאָו, דזשעק.

ד ז ש ע ק:

(קוקט זיך אום) העלאָו, דאַראַ!... (גייט איר אַנטקעגן).

ד אַ ר אַ:

שטאַרק ביזי?

ד ז ש ע ק:

ניט צו שטאַרק. זיי העלפן היינט אַרויס... (ווייזט אַף דער דער זייט, פון וואַנען עס הערט זיך די מוזיק).

ד אַ ר אַ:

פיינע אַרויסהעלפער...

ד ז ש ע ק:

ראַיט...

ד אַ ר אַ:

ווייטער אוים דזשאַב?

ד ז ש ע ק:

קוקט אוים אַזוי...

ד אַ ר אַ:

מ'קען אייך אַף אַ פּאָר ווערטער?

ד ז ש ע ק:

קיינער ניטאָ. ליגן דאַכט זיך אַרום די בענק פון אינדערפרי.

ד אַ ר אַ:

העלפן אָנהאַלטן דעם „ראַן"?

ד ז ש ע ק:

קוקט אוים אַזוי...

ד אַ ר אַ:

אַף אַ פּאָר ווערטער. (גייען אָפּ אָן אַ זייט) איר מוזט אומבאַדינגט זיין. אונדז פעלן רעדנער. ווי איר ווייסט, האָבן מיר אַף היינט אָר־גאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פון אַלע דעפּאָזיטאַרס צו סיטי־האָל. איז אינדערפרי אונטערגעשפּרונגען דער נייער „ראַן" און נאָך עט־

לעכע בענק האָבן זיך צוגעמאַכט. נייע צענדליקער טויזנטער אַנגע־וואָרן ביז אַ סענט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו ענדערן דעם מאַרשרוט. די דעמאָנסטראַציע וועט זיך ציען אַפּריער אַרום די נאָר וואָס צוגעמאַכטע בענק און פון דאָרטן צו סיטי־האָל...

ד ז ש ע ק:

קלוג געטאָן.

ד אַ ר אַ:

מיר מוזן אייך האָבן. איך האָב אָפּגערופן אין דער פּאַרטיי, קיינעם ניט געפונען.

ד ז ש ע ק:

איר זייט איינע אַליין?

ד אַ ר אַ:

איך און מעקס. מעקס איז אָבער אַ שוואַכער גאַסן־רעדנער און דאָ איז נויטיק פייער!.. אָנצוצינדן טויזנטער...

ד ז ש ע ק:

אָלרייט.

ד אַ ר אַ:

אָנעלעקטריזירן ביזן גליפּונקט און ברענגען צו סיטי־האָל!..

ד ז ש ע ק:

איי׳ל טריי מיי בעסט.

ד אַ ר אַ:

מיר פאָדערן אויסצוצאָלן די קלענערע דעפּאָזיטס, אַן אונטערזוכונג פון די בענק און אַ קאָמיטע פון דעפּאָזיטאָרס בײַ דער אונטער־זוכונג. די טעמע קלאָר?

ד ז ש ע ק:

קלאָר.

(לואיס מיט פּאָרטפעל אונטערן אָרם, גייט שנעל דורך אין אָפיס. באַ־מערקט ניט דאַראַן, ווייל זי שטייט אין דעם מאָמענט מיטן רוקן צו אים).

זייער בײַ געקומען. אָלרייט. סאָולאָנג...

ד אַ ר אַ:

אין אַ האַלב, העכסטנס — דריי פערטל שעה. באַ דער באַנק אַף דער צווייטער עווענױ װעלן מיר האָבן דעם ערשטן גאַסן־מיטינג...

ד ז ש ע ק:

אַנטקעגן אונדזער צווייטער זייט סטיישאַן?

ד אַ ר אַ:

יעס.

ד ז ש ע ק:

די שוין אויך צוגעמאַכט?

ד אַ ר אַ:

אַזוי גוט ווי צוגעמאַכט; אויפגעהערט אויסצאָלן; טויזנטער דעפּאָזיטאָרס אַרום.

ד ז ש ע ק:

(גייט אָפּ צום ווינקל פון אָפיס און כאַפּט אַ קוק אַף דער צווייטער עווענױ). יאָ־אָ!... (קומט צוריק צו דאַראַן) אָ־קעי. סאָ־לאָנג...

ד אַ ר אַ:

סאָ־לאָנג... (דזשעק אָפּ אין אָפיס. דאַראַ פאַרריכט די האָר אַנטקעגן פּאָקעט־בוק־שפּיגעלע. לואיס קומט פון אָפיס. אַן פּאַרטפעל).

ל ו א י ס:

(צו סעמען) ווי איז היינט?

ס ע ם:

גאַנץ לעבעדיקע מיוזיק.

ל ו א י ס:

לעבעדיקע מיוזיק איז ראַיט... (דערזעט דאַראַן). דאַראַ! ווער וועמען איך זע!.. העלאָו!.. (גיט זיך אַ וואָרף צו איר) אָט אַ סורפּרייז!.. העלאָו, דאַראַ!... (כאַפּט איר אַרום, דריקט איר צו זיך, גרייט צו קושן, אין לעצטן מאָמענט לאָזט ער איר אָפּ, ווי עפּעס וואָלט אויסגעוואַקסן צווישן זיי ביידן. דריקט איר בלויז די האַנט. פילן זיך ביידע אומאַנגענעם אַ ווײלע, נאָכדעם לאַכן זיי זיך פונאַנדער) אָט אַ סורפּרייז!...

ד אַ ר אַ:

טאַקע אַ סורפּרייז... איר האָט מיך איבערגעשראָקן...

לואיס:

איי׳ם סאָרי. צו אונדז?

דאָראַ:

נאָו.

לואיס:

וואָס־זשע טוט איר דאָ?

דאָראַ:

געדאַרפט זען אימיצן...

לואיס:

באַ אונדז?

דאָראַ:

דאָס איז ווירקלעך אַ סורפּרייז!.. ניט דערוואַרט אייך צו טרעפן דאָ... אייער סטיישאָן?

לואיס:

אונדזערע... פּאַפּס... וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס?

דאָראַ:

אָט אַזוי אַ: זון, ליכטיק, לעבעדיק!... עוועריטהינג ז׳פיין!...

לואיס:

גלעד...

דאָראַ:

טהענקס. האַו אַר יו?

לואיס:

עי לאַט טו טאָק...

דאָראַ:

(מיט אַ שמייכעלע) אַ שאָד, וואָס מ׳קען דאָס ניט מאַכן קורץ... כ׳וועל אייך מוזן זאָגן אַ גוד־באַי... (שטרעקט אים אויס די האַנט).

לואיס:

(נעמט איר האַנט) שוין? ווהאַטס די האַרי?

דאָראַ:

ביזי. כ׳דאַרף זיין צו אַ באַשטימטער צייט...

ל ו א י ס:

(האַלטנדיק איר האַנט) איך קען אייך ניט אוועקלאָזן אַט אזוי־אַ!..
אזוי לאַנג אייך ניט געזען!.. קומט אריין כאַטש אַף איין מינוט...
אייך אָנקוקן ווי ס'איז נויטיק!...

ד אַ ר אַ:

קוקט. אַט בין איך אינגאַנצן פאַר אייך...

ל ו א י ס:

ביוטיפול...

ד אַ ר אַ:

ריעלי?...

ל ו א י ס:

ביוטיפול... (מיט געבעט) אַף אַ פאָר מינוט, דאַרא... (נעמט איר האַנט אונטער זיין אָרם).

ד אַ ר אַ:

כ'דענק ניט, אז ס'איז קלוג צו ריען אין אש פון אמאַליקע שיי־טערס...

ל ו א י ס:

כ'קען אייך ניט אוועקלאָזן, דאַרא... (דאַרא פרואווט באַפרייען איר האַנט פון זיין אָרם. ער לאָזט ניט). איך קען ניט, דאַרא... (לאַכן ביידע).

ד אַ ר אַ:

(קווייקלט זיך) וו־וו־וועל... (קוקט אַפן האַנט־זייגערל) בלויז אַף אַ פאָר מינוט...

ל ו א י ס:

טהענקס. אזוי לאַנג אייך ניט געזען!...

ד אַ ר אַ:

קאַנקורירט מיט ראקפעלערן?

ל ו א י ס:

סאמטהינג לאַיק דהאַט....

(לאַכן. ביידע אָפּ אין אָפיס).

(פ אָ ר ה א נ ג).

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט.

צ ו ו י י ט ע ב י ל ד.

ד י ב י נ ע.

אָפיס פון מר. אייזיקסאָנס גאַזאָלין סטאַנציע. צוויי שרייב־טישן, שטולן, טעלעפאָן, צוויי פענצטער מיט אַ טיר צו איין עוועניו אַרויס, צוויי פענצטער מיט אַ טיר — צו דער צווייטער עוועניו.

דאַראַ און לואיס קומען אַריין, פון דרויסן מוזיק.

לואיס:

היר ווי אַר. עי סיט, פּליז. (רוקט איר צו אַ שטול. דאָראַ זעצט זיך). לאַנג, לאַנג אייך ניט געזען!... שענער, איינדרוקספולער, רייצנדער געוואָרן...

דאָראַ:

ריעלי?

לואיס:

אוהום.

דאָראַ:

טהענקס.

לואיס:

גלעד. (דערלאַנגט איר אַ סיגאַרעט). איז וואָס זשע מאַכט איר?

דאָראַ:

אָט אַזוי... (לואיס גיט איר פייער. דאָראַ פאַררויכערט). וווערטהינג ז'פיין!...

לואיס:

געלייענט וועגן אייך אין דער פרעסע...

דאָראַ:

פּאָפּולער געוואָרן.

לואיס:

אָנפירן מיט אַ סטרייק אין די סיטי־האָספּיטלס, פאַר וואָכן אין צענטער פון געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט, קען מאַכן פּאָ־פולער...

דאָראַ:

געזעלשאַפטלעכע אַרבעט באַצאָלט זיך...

לואיס:

לוקס לאַיק. נאָך אין האָספּיטל?

דאָראַ:

ניט פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע נויִרסעס...

לואיס:

אָנגעוואָרן דעם דזשאָב?

דאָראַ:

נאָו מאָר דזשאָבס פאַר מיר אין האָספּיטאַלס!...

לואיס:

פאַרן אָנפירן מיטן סטרייק?

לואיס:

יעס.

לואיס:

וואָס זשע טוט איר?

דאָראַ:

אָט אַזוי... פּאַראַדאָקס פון אונדזער פּראָפעסיע: דאַרף האָפן, אַז אימיצער וועט קראַנק ווערן...

לואיס:

פּאַראַדאָקס איז ראַיט... סאָו, פאַר די צוויי יאָר באַוויזן אַי צו קריגן, אַי צו פאַרלירן אַ דזשאָב אין די האָספּיטאַלס?...

דאָראַ:

יעס.

לואיס:

איי סי.

דאָראַ:

(מיט לייכטער איראָניע) און וואָס מאַכט עפּעס אונדזער לאָיער? פון וועג אַלע לעבעדיקע בוימדעלעך אויסגעהאַקט פאַר לייטערלעך צום סוקסעס...

לואיס:

ניט אַזוי... באַט — אָלרייט...

דאָראַ:

נישקשהדיקע לייטערלעך אַרויסגעקומען?

לואיס:

גרויסע קרעפּטיקע לייטערס.

ד אַ ר אַ:

ריעלי? גראַטולירט אייך.

ל ו א י ס:

טהענקס.

ד אַ ר אַ:

(באַטראַכט אים). קנייטשן... אומעטיקע פּייערלעך אין די אויגן... שוין דעם פּעלצל פון עלטער — אף די פּלייצן?

ל ו א י ס:

קנייטשן מאַכן — סאָלידער, באַדייטונגספולער, חכמהדיקער... יוגנט זייער ניט וואָגיק אין אַ לאַיערשן אָפּיס...

ד אַ ר אַ:

טרימינג?...

ל ו א י ס:

הונדערט פּראָצענט עכט.

ד אַ ר אַ:

עכט? גאָר ניט אַזוי גוט. ור־ור־וועל... וויש יו לאַק...

ל ו א י ס:

טהענקס. וואָס איז וועגן אַ דעיט אף מיטוואָך?

ד אַ ר אַ:

(קוקט אים אָן אַ מינוט שאַרף, נאָכדעם מיט אַ פאַרצוקערנדיקן שמייכל). נאָו, ביזי...

ל ו א י ס:

שבת צו אַ דענס?

ד אַ ר אַ:

ביזי.

ל ו א י ס:

זונטיק פאַר אַ מאַשין־ראַיד?

ד אַ ר אַ:

נאָו, ביזי.

ל ו א י ס:

וואָס איז וואָגיקער, דער „נאָו", צי דער „ביזי"?

ד אַ ר אַ:

איך דענק, אַז דער „נאָו".

ל ו אַ י ס:

טהענקס...

ד אַ ר אַ:

יו וועלקאַם... (לאַכן).

ל ו א י ס:

וואו און ווען קען מען אייך טרעפן, אַז מ׳זאָל אייך וועלן זען?

ד אַ ר אַ:

איי ריעלי דאָנט נאָו...

ל ו א י ס:

ניט געוואוסט — אַזוי פאַרזינדיקט. ביז איצט גערעכנט, אַז אַלע זינדיקע שטראָפט מען אַף יענער וועלט...

ד אַ ר אַ:

צדיקים אַלע מאָל אַף דער וועלט... (לאַכן).

ל ו א י ס:

אַז איך בין אַ צדיק, ניט געוואוסט...

ד אַ ר אַ:

(נאָך אַ קליינער באַדענקונג ערנסט) כ׳בין געווען זייער ניט קיין געווינטשטע גאַסט באַ אייערע עלטערן אין הויז צו דער פּאַרטי. (מיט לייכטער איראָניע) געציטערט איך זאָל אייך פון זיי ניט אַרויסכאַפּן... זאָל ניט אומגליקלעך מאַכן זייער איין־און־איינציק בעיבי־באָי!.. סאָו, צו וואָס פאַרשאַפן עלטערן פאַרדרוס איבער קליינישקייטן?...

ל ו א י ס:

וואָס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט? איך קען ביז איצט ניט דערגיין! פאַרוואָס אַוועק אַן אויפגעקאָכטע אין רעכטן מיטן פון דער פּאַרטי און אַלץ אָפּגעבראָכן צווישן אונדז? וואָס האָב איך אַזוינס אָפּגע־טאָן? נו, ריעלי, וואָס? ווהאַי?...

ד אַ ר אַ:

מסתמא פאַרדינט. אַפּוינטמענטס, ליכטשלעסער אין דער לופטן!..

דאָס לעבן איז ניכטער און שאַרף — ניטאָ קיין אָרט פאַר סענטי־מענטן!.. (גייט איבער צו אַ שמייכל) מ׳דאַרף פאַרגעבן און פאַר־פאַרגעסן!...

לואיס:

מיטן פאַרגעבן איז אַלרייט...

דאָראַ:

צוויי באַזונדערע מענטשן, צוויי באַזונדערע וועלטן; פאַרביידן בעסער אַזוי...

לואיס:

אָבער שווערער איז מיטן פאַרגעסן. בין געווען צו אַן אויסשטע־לונג לעצטע וואָך. געלאָפן נאָך אַן עקסידענט־קעיס. די איינציקע אינ־דוסטריע, וואָס ווייס ניט פון קריזיס. ווי געוויינטלעך, זיך גאַרנישט אויסגעלאָזט. בין געווען גייסטיק אויסגעשעפּט. געפילט אַ נויטווענ־דיקייט זיך אויפצומונטערן. בין איך אַריין אין דער קונסט־גאַלעריי. אַן אוצר פון פאַרסטאַטישסטער לעבנס־דינאַמיק. זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ גוירל־סקולפּטור. ביודיפול אַרבעט!.. צוגעצויגן מיינע גע־דאַנקען, מיינע געפילן...

דאָראַ:

גוירל?... געפילן?... פו!.... געמוזט זיין אויסערגעוויינלעכעס...

לואיס:

דערמאָנט אַן אייך.... אויפגעלעבט ערינערונגען, איבערלעבונגען... מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז די שיינהייט זאָל זיך קענען צוהערן צו מיר, מיך פאַרשטיין!.. איך האָב געפילט אַזאַ טיפע נויטווענדיקייט זיך אַראָפּצוריידן פאַר איר!...

דאָראַ:

אַן אמת טראַגישע לאַגע. געדאַרפט מאַכן אַן אַפּוינטמענט...

לואיס:

ווען קען איך אייך זען?

דאָראַ:

איך האָב ניט דאָס געמיינט...

לואיס:
אַ טיפּע נויטווענדיקייט, דאָראַ...
דאָראַ:
איי ריעלי דאָנט נאָו...
לואיס:
אַ סך אַראָפּצורייַדן פון דאַנען... (ווייזט אָפּן האַרץ).
דאָראַ:
און איך בין די איינציקע?
לואיס:
פאַר דאָ (ווייזט אָפּן האַרץ) די איינציקע, דאָראַ...
דאָראַ:
(באַטראַכט אים אַ ווײַלע) ווי־וואַ־וועל... אויב אַזוי פיל אָנגעקליבן... ווער קען דאָס ביישטיין אַ געלעגנהייט אַראָפּצוהערן פון אימיצנס אַ האַרצן...
לואיס:
טהענק יו וועריע מאַטש. (נעמט אַרויס אַ בלאָקנאָט צום פאַרשרייבן).
דאָראַ:
ווי־וואַ־וועל... זונטיק בײַ דער גוירל־סקולפּטור, וואָס האָט אָפּ אייך געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק... לאָמיר אויך זען וואָס דאָרטן איז אַזוינס...
לואיס:
קען מען פאַרצייכענען אייער אַדרעס?
דאָראַ:
שרייבט: זונטיק; 12 פּינקטלעך; גוירל־סקולפּטור... (לאַכן).
לואיס:
טהענקס. דאָ איז דער אַדרעס פון דער אויסשטעלונג. (גיט איר דעם אַדרעס און לייגט אַריין דעם בלאָקנאָט אין בוזים־קעשענע).

(מר. אייזיקסאָן קומט, בלייבט שטיין געפּלעפּט. דאָראַ מאַכט זיך, אַז זי זעט אים ניט. מר. אייזיקסאָן קומט צו זיך, גייט צו צום צווייטן טיש, נעמט אַרויס פּאַפּירן פון שופלאָד, ריעט זיך אין זיי מיט ציטערנדיקע הענט. קליינע שווערע פּאַוזע).

ד אַ ר אַ:

(קוקט אַפֿן זייגערל) צייט. (הויבט זיך אויף).

לּ ו א י ס:

זונטיק...

ד אַ ר אַ:

צוועלף פּינקטלעך.

(לואיס באַגלייט איר אַרויס. ביידע אָפּ. מוזיק הערט אויף. מר. איי־זיקסאָן גיט אַ וואָרף די פּאַפּירן. שפּאַנט צערודערט. לואיס קומט צוריק).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אויפגעהערט אויסצוצאָלן.

לּ ו א י ס:

געפּלאַצט?

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אויסגעפּעלט קעש. מאָרגן, זאָגן זיי, וועט מען ווייטער אויסצאָלן. קיינער גלויבט ניט. און דאָ זענען נאָוטס, בילס, בילס און בילס...

לּ ו א י ס:

זיי קענען ניט דערלאָזן...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

און פאַרשטיקט די באַנק־אַקאַונטס, איז אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל. איינגעטונקט איבערן קאָפּ אין חובות; די סטיישאָן אין מאָרגע־דזשעס, די הויז אין מאָרגעדזשעס; די טשעקס וועלן קומען צוריק און מיט וואָס צו צאָלן איז ניטאָ... און דאָ די קאָמפּאַני־סטיישאָן, ווי אַ חלף איבערן האַלדז...

לּ ו א י ס:

זיי קענען ניט דערלאָזן דעם קראַך פון דעם באַנק! ס'וועט פירן צו אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענבראָך...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

פון אַלע זייטן פאַרן גאָרגל!... פון אַלע זייטן...

לּ ו א י ס:

זיי וועלן קריגן קעש! זיי וועלן מוזן קריגן קעש!...

מר. אייזיקסאָן:

אריינגעטראָגן שווער פאַרהאָרעוועטע דאָלערן, איצט וועט מען זיין גליקלעך צו קריגן אַ קוואָדער פאַרן דאָלער. נאַראָנים וועלן זיי זיין דורכצולאָזן אַזאַ טשאַנס...

לואיס:

ס'איז נאָך ניט אַזוי שוואַרץ...

מר. אייזיקסאָן:

(אַנגעכאַפּט) באַ דיר איז קיין זאַך ניט שוואַרץ!... מיט דער סטיישאָן דאָ — איין גאָט ווייס וואָס ס'וועט זיין; באַ דיר אין אָפּיס — ווייזט זיך קיין לעבעדיקער הונט ניט; איך דאַרף צאָלן די רענט און דו — לויפסט נאָך איר ווייטער אַרום, ווי אַ הונט נאָך אַ צויג!... זי וועט דיר שאַפן פאַרבינדונגען, זי וועט דיר שאַפן אַ נאָמען, זי וועט דיר שאַפן ביזנעס!...

לואיס:

פּליז, סטאַפּ!..

מר. אייזיקסאָן:

מ'קען ניט אויסגיין מיט מר. סעמיועלס טאָכטער און נאָכלויפן נאָך יעדער צויג!.. און אָט־די צויג וועט דיך אָפּקוילענען אָן אַ מעסער!... אָפּקוילענען אָן אַ מעסער!...

לואיס:

(בייז) סיק ענד טייערד!..

מר. אייזיקסאָן:

מיס סעמיועלס איז — אַ טיר צו אַ ברייטער וועלט: געלט, אַ נאָמען, כבוד, סוקסעס!.. און דו קריכסט אין פייער אריין!.. אין אַ צייט, ווען די ערד האָט זיך אַ וויג געטאָן אונטער די פיס — אין אַזאַ צייט — ציט דאָס... און שלעפּט... און ברעקלט זיך...

לואיס:

(אָנגעצונדן) סיק ענד טייערד!.. ווהאַט דו יו וואָנט?

מר. אייזיקסאָן:

אַן אַנדער וואָלט שוין לאַנג גענומען און חתונה געהאַט!... און דאָס ברעקלט זיך, און ברעקלט זיך.... און פון דער שטוקע זאָלסטו זיך היטן!...

ל ו א י ס:

(גיט אַ פייער מיטן פויסט אין טיש) ווהאַט דו יו וואָנט? ווהאַט דו יו וואָנט? איבער צוויי יאָר איר ניט געזען... היינט צופעליק געטראָפן... ענד איי'ם גלעד!.. עט ליסט אַ מענטש, צו וועמען מען קען אויסריידן אַן ערנסטן וואָרט!...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(מישט איבער) אַ מענטש!.. סמענטש!.. ערנסטן וואָרט!...

(ליאָן, ראָוז און דזשין קומען פון טיר רעכטס).

אַ ל ע ד ר י י:

העלאָו!.. העלאָו, פּאַפּ!.. העלאָו, לואיס!... העלאָו מר. אייזיקסאָן!... העלאָו, ליו דיער!...

ל ו א י ס:

העלאָו

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

העלאָו... העלאָו, דזשין, דיער...

ל י אָ ן:

געגאַנגען צוזאַמען אָנקוקן דעם „ראָן", צוגעגאַנגען צום באַנק אנטקעגן אייער סטיישאָן, ערשט מיר דערהערן מוזיק, טאָ ווי גייט מען ניט אַריין... זען וואָס איז פאַר אַ יום טוב אין מיטן דערינען... (דריקט מר. אייזיקסאָנען די האַנט).

ד ז ש י ן:

(הייגגט זיך אָן לואיסן אַפן האַלדז און שטעלט אים אויס די ליפּן צום קושן. לואיס קושט קאַלט). עי לאַט אוו פאָן, ליו... עי ראָן אַן אָל דהי בענקס!...

ל ו א י ס:

ווהאַטס דהי „פאָן"?

ד ז ש י ן:

אַזוי פיל מענטשן ארום!... אַזוי פיל!..

ל ו א י ס:

אָ, איי סי...

ד ז ש י ן :

נאָט „פּאַן״ ?

ל ו א י ס :

אוו קאָורס... שור...

(ענע קומט).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן :

(פּאַטערלעך צו דזשין) עי סיט, דיער. (דערלאַנגט איר אַ שטול).

(דזשין צו — ראָוזן ; ליאָן צו — לואיסן, דריקן זיך די הענט ; מר. איי־זיקסאָן — צו די פּאַפּירן ; ענע זעצט זיך צו צו אים און פרעגט אים עפּעס אינדערשטיל. דזשין דערציילט עפּעס ראָוזן אַפן אויער, לואיס איז מכבד ליאָנען מיט אַ סיגאַרעט).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן :

(אַן ענטפער אַף ענעס פראגן) יעס, אויפגעהערט... (ענע זיפצעט אָפּ שווער).

ל ו א י ס :

(צו ליאָנען) וואָס הערט זיך בא דיר ? (פאַררויכערן).

ל י אָ ן :

ראטן.

ל ו א י ס :

ווען עפנסטו אָן אייגענעם אָפיס ?

ל י אָ ן :

ניטאָ מיט וואָס.

ל ו א י ס :

ס׳פעלן לאָיערס.

ל י אָ ן :

יע ?

ל ו א י ס :

ווי נאָר מ׳עפנט אַן אָפיס, שטייט מען פאַר שטונדן אין לאַין...

ל י אָ ן :

ווי בא דיר ?

ל ו א י ס :

אומגעפער...

ל י אַ ן:

ראַטן!...

ל ו א י ס:

אַ צו מילדער אויסדרוק... (גייען איבער אַף שטיל).

ד ז ש י ן:

(גייט איבער פון שטיל אַף העכער) איי סאַ מייסעלף...

ר אָ ו ז:

ריעלי?

ד ז ש י ן:

אליין געזען!.. מיט מיינע אייגענע אויגן...

ר אָ ו ז:

עפטער אָל...

ד ז ש י ן:

ער האָט איר געקושט און געקושט... אזוי ליידנשאַפטלעך געקושט!.. יו נאָו... ער איז מיינער אַ קאַזין... באַט... יו נאָו.... איי וואָז שאָקד!...

ר אָ ו ז:

איי דאָנט קער...

ד ז ש י ן:

אָ, דיער, האו קען יו לאָוו הים?... האו קען יו?... איך וואָלט אים געהאַסט!....

ר אָ ו ז:

עפטער אָל... ניט אַזוי טראַגיש...

ד ז ש י ן:

ווי קענסטו אַזוי?... ווי קענסטו?... יור האָזבענד...

ר אָ ו ז:

אַלע מענער זענען אַזוי... איט דאָז ניט מין אַ טהינג...

ד ז ש י ן:

אָלע? נאָט ליו...

ר אָ ו ז:

איי האָפּ — נאָט...

(דזשין גייט איבער אַף שטיל. דערציילט איר עפּעס אַפּן אויער און שיסט אויס אין אַ געלעכטער. ראָוז צוריקגעהאַלטן. שמייכלט קינסטלעך).

ל י אָ ן:

(צו לואיסן) עך, ווען איך קען עפּעס קריגן אַ קאָונטעס מיט מיליאָנען!...

ל ו א י ס:

וויפיל מיליאָנען?

ל י אָ ן:

וואָס מער...

ל ו א י ס:

יונג, שיין קלוג?...

ל י אָ ן:

איי דאָנט קער...

ל ו א י ס:

ביסטו אָלרייט. און וואָס איז מיט די געפילן?

ל י אָ ן:

הו קערס פאַר געפילן? ווער גיט אַ פּעני פאַר זיי?

ל ו א י ס:

ראַיט. ביי דהי ועי — נאָך אַלץ פאַרליבט אין ראָוזן?

ל י אָ ן:

צו וואָס ריען וואונדן?

ל ו א י ס:

נאָך דאָ אַזאַ זאַך ווי וואונדן, ווי ס'קוקט אויס...

ל י אָ ן:

צום באַדויערן...

ל ו א י ס:

מיט אַזעלכע „וואונדן" טייגסטו ניט פאַר אַ קאָונטעס...

ל י אָ ן:

עך, לאָמיר ריידן וועגן עפּעס פריילעכערעס!... (צו ראָוזן, דזשין און לואיסן) ווייסט איר וואָס, קומט לאָמיר גיין אָנקוקן מר. אייזיקסאָנס מוזיקאַלישן קאָנקורענט...

ד ז ש י ן:

(כאַפּט זיך אָן) אָלרייט!...

ר אָ ו ז:

אָלרייט.

ל ו א י ס:

מ׳קען גיין.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(צו לואיסן) וועסט איבערקוקן די ביכער פאַרן לעצטן חודש... כ׳וויל ווּיסן וואו מיר האַלטן...

ל ו א י ס:

אָלרייט.

(אַלי פיר אָפּ).

ע נ ע:

ראָוז האָט אים ווידער אויפגעשפּילט א סקאַנדאַל היינט אינ־דערפרי...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס ווייטער שוין?

ע נ ע:

האָט אויסגעווײנט דאָס האַרץ פאַר מיר... ער גאַנצע נעכט מיט אַנדערע... איצט זיך עפּעס אַריינגעלאָזן אין א זינגערין...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(ריענדיק זיך אין די פּאַפּירן) הם?

ע נ ע:

געוואָרן א האַלבע... קען מער ניט אויסהאַלטן... דרייט זיך אַרום דאָרטן אַן עלנטע, א פרעמדע... אַלע ווייסן, אַלע ריידן, אַלע דער־ציילן איר... זי מאַכט זיך, אַז איר אַרט דאָס ניט... געוואָרן א האַלבע...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

האַלבע, סמאַלבע!... אָט אַזוי לעבט מען באַ זיי אַלעמען!.. באַ זיי אינדערהויך איז אַן אַנדער לעבן!... ט׳זיך צוגעוואוינען!...

ע נ ע:

קען מער ניט אויסהאַלטן... גייט אוים ווי אַ ליכט... מ׳דאַרף עפּעס זען... מ׳דאַרף דורכריידן מיטן אַלטן בראַונער...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

ט׳זיך צוגעוואוינען!.. אַן אַנדער לעבן באַ זיי אויבן!.. און האָבן קינדער און האָבן קינדס־קינדער און ס׳איז אַלרייט!.. ט׳זיך צוגע־וואוינען!... (הויבט זיך אויף פון טיש. ענע נאָך אים.ביידע אָפּ).

(ראָוז און ליאָן קומען. ראָוז פאַררויכערט. ליאָן שפּאַנט דורך אַ פּאָר מאָל איבערן אָפּיס, שטעלט זיך אַנטקעגן ראָוזן און קוקט אַף איר).

ל י אָ ן:

איך קוק אַף דיר: צוזאַמען אויסגעוואַקסן... אַזוי פיל יאָרן ארומ־געגאַנגען... ביידע געחלומט הייראַטן, גליקלעך זיין... און מיטאַמאָל — באַקענט זיך באַם ים מיט דעם יונגן בראַונער... דורכגעשוואו־מען... דורכגעטאַנצט זיך... און — חתונה געהאַט!.. אין איינע פינף טעג!...

ר אָ ו ז:

וועלכן אויספיר דאַרף מען מאַכן?

ל י אָ ן:

איי דאָנט נאָו...

ר אָ ו ז:

אַז די קורצע באַקאַנטשאַפט האָט אַזוי טיף אין דער נשמה אריינ־געטראָפן, אַז זי האָט אַלע אונמעגלעכקייטן מעגלעך געמאַכט.

ל י אָ ן:

ליבע אָדער — די בראַונערס רייכקייט?

ר אָ ו ז:

אָן אָן אָדער: דאָס ערשטע.

ל י אָ ן:

ניט ארויסגערופן פון דאָס צווייטע?

ר אָ ו ז:

איז דען אַן אונטערשייד פון וואָס דער געפיל פון ליבע ווערט אַרויסגערופן?

ל י אָ ן:

גליקלעך?

ר אָ ו ז:

יעס.

ל י אָ ן:

ניט קענטיק אף דיר. טרויעריק... אַ צונויפגעקלאַמערטע נערוועזי־טעט... זייער, זייער שטאַרק געענדערט...

ר אָ ו ז:

ריעלי? (קוקט אין שפּיגעלע). גליק קלינגט ניט אַלעמאָל אַרויס מיט פויגל־געזאַנג...

ל י אָ ן:

ראַיט. (נאָך אַ קליינער פּאַוזע). דערנקסטו ניט, ראָוז, אַז איך האָב דיך געדאַרפט פיינט האָבן מיט אַלע פיינטשאַפטן פון מיין נשמה?

ר אָ ו ז:

איך דענק, אַז — געדאַרפט.

ל י אָ ן:

איך קען אָבער ניט!.. די העל נאָוס... — איך קען ניט!.. נאָך דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, האָב איך נאָך דיך ליב!.. וואָלט וועלן אַרומנעמען... קושן... ווי אַמאָל...

ר אָ ו ז:

האָב מיך בעסער פיינט, וועט זיין בעסער פאַר דיר...

ל י אָ ן:

געוועזן אַ צייט, וואָס איך האָב געפילט אַריינצולאָזן אין אים אַ האַלבן צענדליק קוילן... געקויפט אַ רעוואָלווער... אַרומגעטראָגן זיך מיט אים... און צולעצט אוועקגעגעבן אים לואיסן, כדי ניט אָפּצוטאָן דאָס, וואָס איך האָב אַזוי שאַרף און ווייטיקדיק געפילט דורכצופירן...

ר אָ ו ז:

וועגן אַזאַ ערנסטקייט קיין באַגריף ניט געהאַט....

ל י אָ ן:

זייערע ערנסטע מאָמענטן געווען...

(לואיס קומט).

ל ו א י ס:

איך שטער?

ל י אָ ן:

נאָו. אַלץ איז אָפּגערעדט. נאַכווייעניש ן.

ל ו א י ס:

עך, ווען מען קען אָפּריידן זאַכן!...

ר אָ ו ז:

ראַיט. (צו ליאָנען) גייסט? ער דאַרף איבערקוקן די ביכער... יעס, ליאָ, דאָס לעבן איז פול מיט זייער אַ סך ערנסטע מאָמענטן...

ל י אָ ן:

יעס... לעטס גאָו!

(ראָוז און ליאָן אָפּ. מוזיק הויבט אָן פון דרויסן. לואיס נעמט אַרויס אַ געשעפטס־בוך און קוקט אַריין. דזשין קומט טאַנצנדיק אונטערן טאַקט פון דער מוזיק).

ד ז ש י ן:

לעטס דענס, ליו... (נעמט אים אַרום).

ל ו א י ס:

ניט אונטער יעדע מוזיק קען מען טאַנצן.

ד ז ש י ן:

ווהאַי נאַט?

ל ו א י ס:

אין דער מוזיק ליגט אַזוינס, פון וואָס מ׳דאַרף וויינען...

ד ז ש י ן:

ווהאַי, ליו?

ל ו א י ס:

ביסט אַזאַ בעיבי!... עפּטער אַל — ס׳איז אַ ביזנעס־אָפּיס און ניט קיין דענס־האָל...

ד ז ש י ן:

(לאַשטשענדיק־פּיעשטשענדיק זיך) לעטס דענס, ליו...

ל ו א י ס:

סאָרי... איי קעננאָט!... סאָרי!.. איך פיל ניט ווי... איך קען ניט!.. ביסט אַזאַ בעיבי!... (זעצט איר אַוועק לעבן זיך).

ד ז ש י ן:

איי לאָוו יו סאָו מאַטש, ליו... (שטעקט אים אויס די ליפּן. ער קושט קאַלט). יו נאָו ליו? פּאַפּ טאָקד טו מי אַגען...

ל ו א י ס:

(קוקנדיק אין בוך) הי דאָז נאָט לאַיק מי?

ד ז ש י ן:

הי דאָז נאָט וואָנט יו אין די פעמילי...

ל ו א י ס:

איי נאָו איט...

ד ז ש י ן:

(ווישט טרערן) יו נאָו, ליו דאַרלינג... (פאַלט אַף אַ פּלאַן) לעטס מעיק טהעם עי סופּרייז!.. (מיט באַגייסטערונג) קיינעם ניט זאָגן... אוועק אין געהיים... אַרויסנעמען אין אַ ווייטן ווילעדזש מעריעדזש לייסנס... און אַוועק ווייט־ווייט ערגעץ אַף האָנימון!.. זיי וועלן זיין זיכער, אַז געקידנעפּט!.. סטאָרים אין אַלע פּייפּערס... פּיקטשורס... די גאַנ־צע פּאַלים אונדז זוכן!.. יו נאָו... וויפיל עקסייטמענט!.. וויפיל עקסייטמענט!.. ענד האָו העפּי פּאַפּ און מאַם וויל בי, אַז זיי וועלן דערוויסן, אַז ניט געקידנעפּט, נאָר מעריעד... האָנימון!.. וואָוד נאָט איט בי וואַנדערפול?...

ל ו א י ס:

(נעמט איר אַן פּאָר ביידע הענט, קוקט איר שאַרף אין די אויגן און זייער ערנסט, אָפּגעצויגן איין וואָרט פון צווייטן) דאָס... אַלעס... צווישן... אונדז... בלויז... צו קידנעפּן... דיין פּאַפּס נאָמען... זיינע פּאַר־בינדונגען זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט!... און דו — אַ קרבן!... בלויז אַ מיטל צום ציל... אַ מיטל... צו... (האַקט אָפּ און קוקט איר מאָדנע שאַרף אין די אויגן).

ד ז ש י ן:

(אויפגעציטערט) יו ריעלי מין איט?...

ל ו א י ס:

(קוקט זייער ערנסט אין אירע אויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם גייט איבער זיין פּנים אין אַ שמייכל) און קאָורס נאָט. יו וואוד בעליוו איט?

ד ז ש י ן:

נאָו! נאָו!

ל ו א י ס:

איי האָופּ — נאָט...

(פון דרויסן דערהערט זיך אַ רעוואָלוציאָנערער געזאַנג. מר. אייזיקסאָן לויפט אַריין אַ בלייכער און גלייך צום טעלעפאָן. ענע נאָך אים. ליאָן און ראָוז קומען באַלד נאָך זיי).

ל י אָ ן:

אַ דעמאָנסטריישאָן!... אַ דעמאָנסטריישאָן פון דעפּאָזיטאָרס!...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

געפּלאַצט די באַנק... (אין טעלעפאָן) העלאָו... העלאָו... מר. אייזיק־סאָן ספּיקינג....

ד ז ש י ן:

וואָט איז אָל אַבאוט, ליו?

ל ו א י ס:

עי דעמאָנסטריישאָן. (גייען צו צו די פענצטער).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(מיט ציטער אין קול) העלאָו!... העלאָו!.. העלאָו!.. איז דאָס אמת? די באַנק.. די באַנק!... איז דאָס אמת? די באַנק!... די באַנק!...

(געזאַנג פון דרויסן שטאַרקער. לואיס, דזשין, ליאָן און ראָוז אָפּ).

ע נ ע:

(האַלט זיך פאַרן האַרצן) גאָט מיינער...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(מיט ציטער אין קול) מר. אייזיקסאָן ספּיקינג!... מר. אייזיק... אמת... אמ־מת... (לייגט אַוועק די טרייבל מיט ציטערנדיקע הענט) פאַר־מאַכט... פאַר־מ־מאַכט... פאַר־מ־מ־מ־אַכט...

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

ערשטער אַקט.

דריטע בילד.

די בינע.

מר. אייזיקסאָנס גאַזאָלין־סטאַנציע מיט דער זייט, וואָס גייט אַרויס צו דער צווייטער עוועניו. רעכטס — אין צוויי רייען זעקס קאָלאָנען פאַר גאַזאָלין. לינקס — פון וויסן קאַכל וואַנט פון אָפיס. אַריינגאַנג. שילדן איבער דער גאַנצער לייגג פון דער סטאַנציע. אין הינטערגרונט קרייצט די עוועניו, וואָס איז אין דעם ערשטן בילד געלעגן לינקס.

פלאַץ אָנגעפילט מיט מענטשן. קוקן אָנגעשטריינגט אין דער עוועניו אַרויס. רעוואָליוציאָנערער געזאַנג טראָגט זיך פון דאָרטן.

יונגער אַרבעטער מיט ליפּלעטס:

(אין פראָנט פון עולם טיילט און וואַרפט ליפלעטס) דעמאָנסטרעיט אַגענסט דהי ראָבערי! דעמאָנסטרעיט עווערי באַדי! דעמאָנסטרעיט ענד יו׳ל געט יור מאָני! דעמאָנסטרעיט אַגענסט דהי ראָבערי! איף יו וואָנט יור מאָני — פייט פאָר איט! (אָפּ. עס הערן זיך זיינע אויסגעשרייען).

(לואיס, ליאָן, דזשין און ראָוז שטופּן זיך דורך צום פראָנט. דאָ שטייען אויך דזשאָו און סעם).

דזשין:

(צו ראָוזן) וואָט דו דהעי וואָנט?

ראָוז:

איי דאָנט נאָו.

שטימען:

סאָם דעמאָנסטריישאָן! סאָם דעמאָנסטריישאָן!

לואיס:

(צו סעמען) וואו איז דזשעק?

סעם:

געקראָגן אַ הערדיק. אוועק אַהיים.

לואיס:

איי סי.

שטימען פון איין אָרט פון עולם:

— דענקסט, אַז מיט דעמאָנסטריישאָנס קען מען אַרויסקריגן די געלט פון די בענק?

— איי דאָנט טהינק סאָ...

— אַלע זאָלן אַזוי אַרויסגיין, קען מען באַ זיי אַרויסנעמען די נשמה אינאיינעם מיט די געלט!..

— טריי און געט איט!

— די נשמה אינאיינעם מיט די געלט!...

— מעגסט דאָס נאָך אַמאָל זאָגן!...

— די צרה איז, וואָס מ׳גלויבט ניט אין די אייגענע כחות...

ד ז ש אָ ו:

(צו סעמען) סאַם דעמאָנסטריישאָן! אַ וואַלד מיט פּלאַקאַטן! (מיט־אַמאָל) דזשעק!... דזשעק אין פראָנט פון דער דעמאָנסטריישאָן! קען יו אימאַדזשין!...

ל ו א י ס:

(צו סעמען) סאַם העדיק!...

ס ע ם:

(פאַרענטפערט זיך) אַזוי מיר געזאָגט...

ש ט י מ ע ן פ ו ן אַ צ ו ו י י ט ן אָ ר ט פ ו ן ע ו ל ם:

— ניט מער ווי רעכט!...

— זיי פאָדערן מ׳זאָל אויסצאָלן אַלע דעפּאָזיטס ביז 300 דאָלער!...

— ניט מער ווי רעכט!...

— פּוירפּעקט ראַיט ענד אָנעסט!...

— ד׳וועסט פון זיי קיין פּעני ניט אַרויסרייסן, אַז דו וועסט ניט מאָנען!...

ש ט י מ ע ן פ ו ן א ד ר י ט ן אָ ר ט פ ו ן ע ו ל ם:

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט סיטי האָל? די בענק באַלאַנגען ניט צו סיטי האָל!..

— וואו זענען די סיטי אָפישלס?

— וואו איז דער בענקינג דעפּאַרטמענט?

— פאַרוואָס וואטשן זיי ניט?

— די שאַרקס זאָלן ניט אַרומפלינדערן די פּור פּיפּל!...

— און ווער זענען די וואַטשערס?

— דער טייפל דאַרף דאָס היטן זיין באָבען!..

ש ט י מ ע ן:

(פּלוצלונג פון אַלע זייטן).

— קוק! קוק!

— לוק! לוק!

— קוק! קוק!

— לוק! לוק!

— אויפגעהויבן אַ גוירל אויף די שולדערס!

— עי גוירל אַן די שולדערס!
— רעדט! רעדט!
— עי גוירל אַן די שולדערס!
— רעדט! רעדט!
— אַ בלאָנדע מיט צעשאָטענע קוירלס!..
— אָ, באָי!
— קומט הערן!
— קומט הערן!
— אָ, באָי!
— לאָמיר גיין!...
— לאָמיר גיין!...

(דער עולם גיט זיך אַ לאָז צו דער דעמאָנסטראַציע. ס'בלייבן עטלעכע קופּקעס).

ל י אָ ן:

(צו לואיסן) דאַרא! קען יו אימאַרזשין!..

ל ו א י ס:

יעס, דאַרא...

ל י אָ ן:

דיין אָלד סוויטהאַרט... וואָס האָט דיך אָוועקגעוואָרפן...

ל ו א י ס:

טהענקס.

ל י אָ ן:

דאַרא קען ריידן. פון איר וואָלט געווען אַ גלענצנדער לאָיער...

ל ו א י ס:

אַ גלענצנדער לאָיער, איז ראַיט.

ד ז ש י ן:

וואַט איז שי טאָקינג אבאוט?

ל ו א י ס:

איי דאָנט נאָו. (נעמט ניט אַראָפּ אָף קיין איין מינוט זיינע אויגן פון דעם פּונקט, אין וועלכן זיי זענען די גאַנצע צייט איינגעשפּאַרט).

ד ז ש י ן:

הו איז שי?

ל ו א י ס:

עי גוירל.

שטימען פון איין קופּקע:

— פריער האָט מען פאַרשפּראָכן, אַז מאָרגן וועט מען ווידער אויס־צאָלן, אָבער ווי נאָר מען איז זיך צעגאַנגען, אויסגעהאַנ־גען צעטלען, אַז פאַרמאַכט...

— סמאַרט !...

— סאַנאָווע בבביטשעס !...

— קרוקס !

— מורא געהאַט פאַר אַ ראַיאָט...

— צונויפגעלאָפן זיך דזשאָסט דהי סעים !...

שטימען פון אַ צווייטער קופּקע:

— די דעמאָנסטריישאָן דזשאָסט אין צייט !

— דאָס זענען די נייע דעפּאָזיטאָרס ?

— די אַלטע.

— איצט וועלן שוין די נייע אויך...

— סמאַרט !

(אַלאַרם־סיגנאַלן פון פּאָליס דערנעענטערן זיך מיט מוראדיקער שנעלקייט פון אַלע זייטן).

אויפגערודערטע שטימען פון אַלע זייטן פון דער עוועניו:

— פּאָליס !...

— פּאָליס !...

— פּאָליס !...

— פּאָליס !...

— פּאָליס אף מאָטאָרסוירקלס !...

— פּאָליס אף פערד !...

— אף מאָטאָרסוירקלס !...

— אף פערד !...

(מענטשן לויפן אין פאַניק פון אַלע זייטן פון דער עוועניו. גרויסע מאַסן — אָפּ. דרייסטערע פילן אויס דעם גאַנצן אָרט פון דער גאַזאָלין־סטאַנציע).

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן אַ ף ד ע ר ס ט אַ נ צ י ע:

— מיט די פערד אין די מענטשן!...

— מיט די קלאָבס!..

— מ׳פייט די פּאָלים!..

— מ׳פייט!...

— מיט די קלאָבס!..

— מ׳פייט די פּאָלים!..

— מיט די קלאָבס!..

— מ׳פייט!...

— מ׳פייט די פּאָלים!..

— מ׳פייט!...

— און זי רעדט!

— מ׳לאָזט ניט דורכרייסן צו דער רעדנערין!...

— און זי רעדט!

— מ׳לאָזט ניט דורכרייסן צו דער רעדנערין!...

— און זי רעדט!

— מ׳לאָזט ניט!...

— מ׳לאָזט ניט!...

— סאָם גוירל!...

— סאָם גוירל!...

— סאָם גוירל!...

ל י אָ ן:

סאָם בעיבי!.. האָט אַ וועלט מיט נוירוו!..

ל ו א י ס:

(הערט אים ניט. שרייט אויס אויפגערודערט) ב־ב־בעסטאַרדס!... ס־ס־סאַ־נאָווע ב־ב־ביטשעס!...

אויפגערודערטע שטימען:

— זיך דורכגעריסן מיט די פערד צו דער גוירל!..
— צו דער גוירל!..
— זיך דורכגעריסן!...
— צו דער גוירל!..
— זיך דורכגעריסן!...
— צו דער גוירל!..
— זיך דורכגעריסן!...
— מיט די קלאָבס!...
— מיט די קלאָבס איר!...
— מיט די קלאָבס!...
— מיט די קלאָבס איר!...
— סאַנאָווע ביטשעס!...
— סאַנאָווע ביטשעס!...
— בעסטאַרדס!..
— בעסטאַרדס!..

לואיס:

(גיט זיך אַ ריס אַן אויפגעציטערטער מיט אויפגעביילטע פויסטן אינדערהויך) דאַנטשיו דער!... דאַנטשיו דער!... דאַנטשיו דער!... (גיט זיך אַ וואָרף צו דער דעמאָנסטראַציע. עס הערן זיך זיינע אויסגעשרייען: „דאַנטשיו דער!“).

דזשין:

ליו!... ליו!.. (צו ליאָנען) הו'ז דהאַט גוירל?

ליאָן:

איי דאָנט נאָו...

ראָוז:

הי איז קרעיזי!...

ענע:

אונטער די פערד!... אונטער די פערד!..

דזשין:

(היסטעריש) דהעי'ל קיל הים!.. דהעי'ל קיל הים!..

ר אָ ו ז:

(היסטעריש) אונטער די פערד!... געפאלן!.. מיט די פערד אף אים!... מיט די פערד!...

ל י אָ ן:

(נעמט ראָוזן אונטערן אָרם) פליז, ראָוז...

(היסטערישע גוואַלדן פון ראָוזן און דושין. ענע כאַפּט זיך פאַרן האַרצן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

צווייטער אַקט.

אף מאָרגן.

די בינע.

גרויסער צימער. ווייכע מעבל. פּיאַנאָ. פאָדלאָגע־לאָמפּן מיט געפרענזלטע פאָלערינגע־אַבאַזשורן. הויכע פאַרגאַרדינעוועטע פענצטער. אַ טרעפּ רעכטס פירט צום „אַפּסטערז" פון דער הויז. באַ ביידע זייטן פון די טרעפּ — סטאַנדאַרי־זירטע פיגורן, וואָס באַלייכטן מיט לאָמטערנדלעך דעם אַרויף־טרעפּ. טירן: צוויי — לינקס, איינע — רעכטס.

אָוונט. די לאָמטערנדלעך וואַרפן אַן אומעטיקע שיין פון רעכטס.

לואיס — אַפן סאָפע. אַרומגעבאַנדאַזשירט די קאָפּ און די לינקע האַנט; די האַנט איז אַף אַ ווייסן באַנד איבערן האַלדז; דער פּנים אָנגעשוואָלן. לעבן סאָפע אָנגעוואָרפן צייטונגען.

(ענע קומט).

ע נ ע:

ווי פילסטו? (פאַריכט אונטער זיין קאָפּ די קישעלעך).

ל ו א י ס:

אָלרייט.

ע נ ע:

ניט פארלירן זיך און ניט אראָפּפאַלן ביי זיך... (צינדט אָן דעם אַבאַ־זשור־לאָמפּ בײַ זיין צוקאָפּנס).

ל ו א י ס:

טהענקס, מאַ.

ע נ ע:

מ'דארף עסן, מ'דארף טרינקען און — מ'דארף די הענט ניט אראָפּלאָזן...

ל ו א י ס:

טהענקס.

ע נ ע:

און מ'דארף נעמען אַן עקסרעי...

ל ו א י ס:

מ'דארף ניט.

ע נ ע:

שור?

ל ו א י ס:

שור.

ע נ ע:

פון זיכערקייט וועגן — געדארפט נעמען...

ל ו א י ס:

מ'דארף ניט. (ענע זיפצט אָפּ, נעמט צונויף די צייטונגען פון אַרום סאָפע און אָפּ. פּאַוזע. טעלעפאָן קלינגט. לואיס נעמט מיט דער רעכטער האַנט די טעלעפאָן־טרייבל פון טישל לעבן אים). העלאָו. ליאָן? יעס, לואיס. הע־לאָו. וו־וו־וועל... א נאַק־אוט!... פערד, בלוט, אמבולאַנס, האס־

פּיטל... פּיקטשעס אין אַלע פּייפּערס... אַ פּיפּיקער קאָרעספּאָנדענט באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן... צופּיל פּובליסיטי איז ראַיט... (גיט זיך מיט־אַמאָל צערודערט אַ הויב אויף פון סאָפע) דאַ־דאַראַן צעשלאָגן? שטאַרק? ווהער איז שי? האַו איז שי? (אָטעמט אָפּ גרינגער) אָ, דו פרעגסט באַ מיר? (לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אַפן סאָפע) איי דאָנט נאָו... איי וואוד בי גלעד טו נאָו... איך האָב קיין אנונג ניט... טהענקס... ביי־ביי...

(לייגט אַוועק די טרייבל. פאַררויכערט. אָטעמט שווער).

(מר. אייזיקסאָן קומט. ער איז פינצטער אין געזיכט).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

געטאָן ביזנעס אַף גאַנצע צוויי דאָלער מיט דרייסיק סענט... פאַר אַ גאַנצן טאָג — צוויי דאָלער מיט דרייסיק סענט!... (שפּאַנט אַרום צע־טראָגן). און דאָ — נאַ דיר: נעמט מיט אַ געזונטן קאָפּ און שפּרינגט אין פייער אַריין!... מיט אַ געזונטן קאָפּ אין פייער אַריין!... נאָך וואָס ביסטו געפלויגן? וועלכע שדים האָבן דיך געטראָגן?

ל ו א י ס:

ד'ווערסט אפשר אַמאָל וויסן.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אין אַלע צייטונגען!.. מען האַלט אַ גאַנצן טאָג אין איין קלינגען אין טעלעפאָן: איינער וויל וויסן וויפל געלט פאַרקוועטשט אין די בענק, אַ צווייטער — צי ס'איז אמת, אַז דער קראַך פון דעם באַנק האָט מיך אַוועקגעשטעלט פאַר בענקראָפּסי; אַ דריטער — צי ס'איז אמת, אַז אין דער גאַנצער מעשה איז פאַרמישט אַ לאָוו־סטאָ־רי... מ'גריבלט, מ'נישטערט, מ'וויל אַלץ וויסן, מ'וויל אַלץ דער־גיין!... אַז אַ זון אַ לאָיער האָט זיך אַריינגעוואָרפן ביז בלוט אין אַ דעמאָנסטריישאָן קעגן די בענק, איז מסתמא גוט פאַרן גאָרגל אָנגענומען!... וועלכער משוגענער וועט איצט אַ פענע לייען? איצט, ווען פון אַ לאָאַן הייבגט אָפּ — לעבן אָדער טויט!... ווייסטו לכל הפחות וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן?

ל ו א י ס:

איך דענק, אַז איך ווייס... אויב דיך קען דאָס טרייסטן...

(ענע קומט).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

גערדאַרפט ניט נאָר צעקלאַפּן, געדאַרפט אָראָפּברעכן אַזאַ קאָפּ!.. דאָס איז ווייניק!..

ל ו א י ס:

אַ שאָד...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אי זיך, אי אונדז אַלעמען אין דער ערד אַוועקגעלייגט!.. די סעמיור־עלס וועלן דאָך אים מער איבערן שוועל ניט אַריבערלאָזן!... וועסט זיי קענען בלעימען?.. ווער וועט אים איצט ערגעץ צולאָזן?... אַלע האָפנונגען באַגראָבן און באַשאָטן!.. גענומען און אָפּגעקוילעט זיך אָן אַ מעסער!... וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן? וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן?

ל ו א י ס:

איי דאָנט נאָו.

ע נ ע:

לאָז אים איצט צורו.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

און קיינער ווייס דאָך ניט, אַז דאָס אַלץ איז איבער אַ צוויג!... קיי־נער וועט דאָך ניט גלויבן!...

ל ו א י ס:

(בייז) סיק ענד טייערד!... (אָנגעצונדן) ווהאַט דו יו וואָנט?.. (ענ־דערט דעם טאָן) ס'וועט זיין געזינטער, אַז איך וועל גיין אַפּסטערז... (הויבט זיך אויף פון סאָפע און גייט אַפּסטערז).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(שרייט אים נאָך) אַנטלויף, אַנטלויף!.. ער מיינט מ'קען פון דעם אַנטלויפן!..

(לואיס אָפּ).

ע נ ע:

לאָז אים איצט צורו.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

קיינער וועט דאָך ניט גלויבן, ס'איז אָבער יענע צװיג!... געדענקסט זיין נוירס? נעכטן געפונען איר מיט אים אין אָפיס!... שוין גאָרניט געהערט פון איר, ערשט — נאַ דיר — ווייטער דאַ!... זאָל אַף אים קומען א פּאַהיבעל!...

ע נ ע:

איך האָב די גאַנצע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

גיי ווייס, אַז מ'נעמט אַ נוירס צו אַ קראַנקן אַף אַ פּאָר וואָכן, וועט מען פון דעם ניט קענען פּטור ווערן!... זאָל אַף אים קומען אַ פּאַ־היבעל!...

ע נ ע:

געדענקסט לואיסעס פּארטי?

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

צי געדענק איך!...

ע נ ע:

האָט איר לואיס איינגעלאַדן צו דער פּארטי, געדענקסט?

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

צי געדענק איך!...

ע נ ע:

האָב איך איר גענומען צו זיך אַפּסטערז און האָב איר אַף אַ זייער איידעלן אופן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זוכן באַקאַנטשאַפט מיט אירס גלייכן; איך האָב איר געוואָרנט, אַז לואיסעס אויסגיין מיט איר קען, באַ ניט געגוג פּאָרזיכט, פירן צו אַן אומגליק און, אַז זי קען ניט דערוואַרטן, אַז לואיס וועט מיט איר חתונה האָבן... איך האָב איר געזאָגט אָפן, אַז לואיס דאַרף אַנדערע פּאַרבינדונגען פאַר זיין צוקונפט...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

און איך האָב איר געזאָגט אָן קונצן, אַז איך וויל איר מער באַ זיך אין הויז ניט זען...

ע נ ע:

איך האָב איבערגענומען אין זכרון יעדן טראַט זיינעם. ניט געהערט רושין זאָל זיך באַקלאָגן, אָבער עפּעס איז ניט דאָס... עפּעס איז ערגעץ... עפּעס איז געבליבן איינגעבאַקן...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

איינגעבאַקן, איינגעסמאַקן!...

ע נ ע:

יערנפאַלס, דיין צוגאַנג איז ניט דער וועג, מיט וועלכן מ׳דאַרף צוגיין צו לואיסן. מיט שרייען „צויג", וועסטו אים אין קיין זאַך ניט איבערצייגן... אַט האָב איך דאָס יעמאָלט דורכגעפירט אַף אַ גאַנץ אַנדער אופן...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

איך וועל אַנטאָן זיידענע הענטשיקעס!.. זיידענע הענטשיקעס וועל איך אַנטאָן!.. דאָס לעבן אוועקגעלייגט... וואָס? ווען? וואָס טוט מען איצטער? ער האָט מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען...

ע נ ע:

גיי נעם עפּעס אין מויל אַריין. אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט ניט געגעסן...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

ס׳קריכט אין האַלדז ניט...

(ראָוז קומט. וואַרפט זיך אַריין אין ווינקל פון סאָפע און ברעכט אויס אין געוויין).

ע נ ע:

וואָס שוין ווידער?

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס שוין ווייטער?

ע נ ע:

(צו מר. אייזיקסאָנען) גיי אין קיטשן, דאָרט איז צוגעגרייט סאָפּער...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס שוין ווייטער, וואָס? פון אַלץ מאַכט דאָס אַ וועזן, פון אַלץ — טרערן!... ווי נאָר וואָס, גלייך — צו טאַטע-מאַמע!.. אַזוי איידל געפּיעשטשעט, אַז ס׳איז גאָר אַ סכנה!...

ע נ ע:

ניט דיינע ביזנעס. סאַפּער שטייט אין קיטשען...

(מר. אייזיקסאָן גיט אַ שפּיי אויס מיט כעס, גיט אַ טראַסק מיט דער טיר, אָפּ. ענע זעצט זיך צו ראָוזן אַפן סאָפע).

ע נ ע:

ווידער אַן ארגומענט מיט אים? (ראָוז וויינט, ענטפערט ניט). ווידער אַן ארגומענט?

ר אָ ו ז:

סאַם ארגומענט...

ע נ ע:

איבער יענער? (ראָוז וויינט, ענטפערט ניט). איבער יענער?

ר אָ ו ז:

(פאַלט דער מוטער אַפן ברוסט) איך קען מער ניט... איך קען מער ניט... (וויינט ביטער).

(מר. אייזיקסאָן קומט).

ע נ ע:

דו ועסט מער אהין ניט גיין, ביז עס וועט געסעטלט ווערן...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס מיינסטו, זי וועט מער ניט גיין אהין?

ע נ ע:

פליז, דייוו...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

נעווער מאַינד! וואָס פאַר פּראָטשקעס?...

(ראָוז צוריק אין ווינקל פון סאָפע).

ע נ ע:

(הויבט זיך אויף פון סאָפע). ניט דיינע ביזנעס, דייוו...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

פון קאָפּ ארויסשלאָגן אזעלכע זאכן!.. באלד שוין וועלן א גט אויך!... וואָס נאָך?...

ע נ ע:

ניט דיינע ביזנעס... לאָז דאָס צו מיר...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(ווילד) מיינע ביזנעס!... מיינע ביזנעס!.. מיינע ביזנעס!..

ע ב ע:

טו מיר אַ טובה און גיי אַרויס פון דאַנען...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

פון קאָפּ אַרויסשלאָגן אַזעלכע זאַכן!.. פון קאָפּ אַרויסשלאָגן אַזעלכע זאַכן, געהערט?

ע ב ע:

פּליז, דייוו...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

מיינע ביזנעס!... מיינע ביזנעס!... מיינע ביזנעס!...

ע ב ע:

טו מיר אַ טובה און גיי אַרויס פון דאַנען!.. נו, שאַ, נו, ניט!..

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

נייע זאַכן!.. פון קאָפּ אַרויסשלאָגן!...

ע ב ע:

(העכער) נו, שאַ! נו, ניט!... (מיט טרערן) פּליז, דייוו, גיי אַרויס פון דאַנען...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

פון קאָפּ אַרויסשלאָגן... (אָפּ).

ע ב ע:

(שפּאַנט איבערן חדר). איך וועל אקאָרשט אַריבערגיין צום אַלטן בראַונער....

ר אָ ו ז:

ס'נאָו יוז...

ע ב ע:

איך וועל אקאָרשט אַריבערגיין צום אַלטן בראַונער... וועל אים מאַכן שוואַרץ ווי די ערד...

ר אָ ו ז:

ס'נאָו יוז... עווערימהינג איז לאָסט...

(ס'דערהערט זיך אַ צופאָרן פון אַן אויטאָמאָביל. מר. אייזיקסאָן לויפט אַריין צעטראָגן).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

מר. סעמיועלס... מר. סעמיועלס אַליין... ער אַליין...

ע נ ע:

(צו ראָוזן) גיי אַרויס פון דאַנען. דיין גאַנצער פּנים איז פאַרשוואַלן...
(צו מר. אייזיקסאָנען) און דו גיי אויך אַרויס פון דאַנען. מ'קען אַזוי
קיין מענטשן ניט אויפנעמען... (ראָוז און מר. אייזיקסאָן אָפּ לינקס אין
באַזונדערע טירן. ענע גיט אַף גיך אַ ראָם אויף דעם חדר, צינדט אָן אַלע
לאָמפּן, ברענגט אין אָרדנונג די אייגענע האָר, קליידער און גייט אַרויס רעכטס.
קליינע פּאַוזע. ענע קומט מיט מר. סעמיועלסן. מר. סעמיועלס — קאָרעקט,
טרוקן. ענע ווי ענטפערנדיק אַף זיינער אַ פראַגע) טהענקס, נאָט סיריעז...
יונגט איז יורנדיק, שוימיק... שלאָגט אָפּט אַרויס פון גרענעצן...
גאַנץ אָפּט קעגן דעם אייגענעם ווילן....

מ ר. ס ע מ י ו ע ל ס:

איי וואָנט טו סי הים.

ע נ ע:

ער איז אַפּסטערז אין זיין רום... וויל יו טעיק עי סיט, מר. סע־
מיועלס?

מ ר. ס ע מ י ו ע ל ס:

איי פּריפּויר טו סי הים עלאָון. (גייט צו די טרעפּ).

ע נ ע:

אָוו קאָורס, מר. סעמיועלס.

(גייען ביידע אַפּסטערז. אָפּ. ענע קומט באַלד אַראָפּ צוריק. מר. אייזיק־
סאָן קומט).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אין אַלע צייטונגען פול!.. פּיקטשעס!... ליגט אין זיי אויסגע־
צויגן אַ צעממיתטער אָפּן ברוק... צרות, צרות אָנגעמאַכט זיך!..
זיין קומען איז ניט גלאַט אַזוי....

ע נ ע:

ש־ש־שאַ...

הערן זיך צו צו יעדן שאָרך פון אויבן. באַלד דערהערט זיך פון אויבן
אַ קלאַפּ, ווי עפּעס וואָלט אומגעפאַלן, און קולות פון לויטן. ענע און
מר. אייזיקסאָן לויפן אַרויף־טרעפּ און בלייבן פאַרגליווערט).

ל ו א י ס:

(פון אויבן־טרעפּ) ג־ג־געט אַ־אַ־אוט!... (מר. סעמיועלס גייט אַראָפּ די טרעפּ הינטערווילעכטס. לואיס מיט רעכטער האַנט אָנגעדראָעט צו שלאָגן) ג־ג־געט אוט!... (ענע און מר. אייזיקסאָן באַפרייען די טרעפּ צעשראָקענע. מר. סעמיועלס בלאַס, קען קיין וואָרט ניט אַרויסריידן. טרעט אָפּ טראָט־נאָך־טראָט צום טיר).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

מ־מ־משוגע!... מ־מ־משוגע!.. לואיס!... לואיס!...

ע נ ע:

(מיט געבעט) לואיס... לואיס...

ל ו א י ס:

ג־ג־געט אוט!... אוט!...

(מר. סעמיועלס אָפּ, לואיס נאָך אים. עס הערט זיך זיין שטים פון צווייטן חדר: „אַוט!״. שווערע פּאַוזע. לואיס קומט. ער זעט אויס שרעקלעך. גייט אַפּסטערז).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(כאַפּט זיך מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ) איי־איי־איי־איי־איי!...

(לואיס אָפּ אַפּסטערז, מר. אייזיקסאָן — לינקס, ענע לאָזט זיך אַראָפּ אַפן סאָפע, ברעכט אויס אין טרערן, לייגט צו די טיכל צו די אויגן, זיצט אַ ווײַלע אַזוי, פאַרשטיקט דעם געוויין, הויבט זיך אויף און אָפּ אין דער צווייטער טיר לינקס. פּאַוזע. דזשין לויפט אַריין אַ פאַרקלעמטע און גלייך אָפּ אַפּסטערז. קליינע פּאַוזע. דזשין און לואיס קומען פון אויבן).

ד ז ש י ן:

(מיט טרערן) וואַי דיד יו דו איט?... וואַי? צו וואָס?... וואַי?...

ל ו א י ס:

ס'איז נויטיק זיך דורכצורײדן, דזשין...

ד ז ש י ן:

צו וואָס האָסטו עס געטאָן? וואַי? נו, וואַי?

ל ו א י ס:

מיר מוזן איבעררייסן, דזשין...

ד ז ש י ן:

(לאָזט זיך אַראָפּ פון אומדערוואַרטקייט אָפן סאָפע). סאָו... נעכטן... אין... אָפּיס... סאָו... איט וואָז... טריו?...

ל ו א י ס:

יעס, טריו... יעדעס וואָרט — נעכטן אין אָפּיס... איז אמת...

ד ז ש י ן:

נאָט לאָוו... באט...

ל ו א י ס:

יעס, מאָני. געווען מאָמענטן, וואָס איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט קענען דיך ליב האָבן... געפילט, אַז דיין ליבע צו מיר פאַרדינט אמתע ליבע... באַט... ניט געקענט...

ד ז ש י ן:

סאָו...

ל ו א י ס:

מאָני, געזונטשאַפט, עוועריטהינג... און אַנדערער וואָלט אפשר ווייטער אָנגעגאַנגען... דורכגעגאַנגען דעם וועג ביזן לעצטן פונקט... איך קען ניט... מוז אויפגעבן... אַ שלעכטער קידנעפּער...

ד ז ש י ן:

סאָו, יו נעווער לאָווד מי?

ל ו א י ס:

נעווער...

ד ז ש י ן:

(מיט טרערן). וואַי דיד יו לאַיד טו מי? וואַי? וואַי דיד יו לאַיד טו מי אָל דהי טיים?... וואַי?...

ל ו א י ס:

סאָרי.

ד ז ש י ן:

ענד איי לאָווד יו סאָו מאַטש... בעליווד יו... וואַי דיד יו דו דהאַט טו מי? וואַי?

ל ו א י ס:

אינגאַנצן אין דער לאָגישער ליניע פון אונדזער ברוטאַלן אַרום... האָט בלויז איין חסרון: גייט זיך פונאַנדער מיט די געפילן... מיט דער לאָגיק פון אונדזער אינערלעכן לעבן...

ד ז ש י ן:

דהאָטס אָל?

ל ו א י ס:

דהאַט אָל...

(דזשין הויבט זיך אויף און מיט טרערן אָפּ. לואיס קוקט איר נאָך אַ ווײַלע און אָפּ אַפּסטערז. פּאַוזע. ראָוז קומט. שפּאַנט דורך עטלעכע מאָל איבערן חדר, זעצט זיך צום פּיאַנאָ, שפּילט עפּעס שווערעס, האָפּנונגס־לאָזעס; רייסט איבער דעם שפּילן און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַף דער פּיאַנאָ אין שטילן געוויין. ס׳דערהערט זיך אַ קלונג. ראָוז הויבט זיך אויף, ווישט אויס אַף גיך די אויגן, גייט אַרויס רעכטס און קערט זיך אום מיט דאַראַן).

ד אַ ר אַ:

איך דאַרף זען מר. לואיס אייזיקסאָן.

ר אָ ו ז:

סאָרי, ער איז ניט אין דער לאַגע צו זען אימיצן...

ד אַ ר אַ:

איך האָב אים געזען אין זייער שווערע צושטאַנדן... וועריִ אימ־פּאָרטנט....

ר אָ ו ז:

אָ, איר זייט די אַמאָליקע נוירס זיינע?

ד אַ ר אַ:

יעס.

ר אָ ו ז:

טעיק עי סיט, פּליז.

ד אַ ר אַ:

טהענק יו.

(ראָוז אָפּ אַפּסטערז. קליינע פּאוזע. לואיס קומט פון אויבן).

ל ו א י ס:

(גליקלעך פאַר פרייד) דאַראַ... דאַראַ... דאַרלינג!.. (דריקט איר די האַנט און זוכט מיט די אויגן, צי זי איז ניט פאַרוואונדעט). נאַט הוירט? ריעלי נאַט הוירט? עי מיראַקל!.. טעיק עי סיט!.. ריעלי נאַט הוירט?...

ד אַ ר אַ:

נאַט — הוירט...

ל ו א י ס:

עי מירקל!.. די איינציקע וועמען מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט זען היינט!.. ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן... ניט געוואוסט וואו צו זוכן... אַפּגערופן אין אַלע האָספּיטאַלס... מיט האַרץ־ציטערניש דערוואַרט דאָס שרעקלעכסטע...

ד אַ ר אַ:

ריעלי?... (זעצט זיך).

ל ו א י ס:

איי האָופּ יו בעליוו מי... (גיט איר אַ סיגאַרעט. זי צינדט אָן פייער. פאַר־רויכערן).

ד אַ ר אַ:

געווען אין דעם סעקשאַן, ניט געקענט זיך אָפּזאָגן דעם פאַרגעניגן צו זען, ווי עס פילט אַ יונגער לאַיער נאָך דער ברכה פון עטלעכע פּאַלים־קלאָבס...

ל ו א י ס:

טעהנקס. אַט אַזוי אָ... אַ ביסל... — אויסגעטרימט אין ווייסן. נאָך ניט אין דער לאַגע אָפּצושאַצן, וואָס דאָס איז ווערט פון ריין קינסט־לערישן שטאַנדפּונקט...

ד אַ ר אַ:

כ'דענק, ס'איז אַלרייט. אַזאַ בילד אין דער קונסט־גאַלעריי, וואָלט געהאַט אַ היפּשן ווערט: פיינשמעקער וואָלטן מיט פאַראַכטונג אויסגעשפּיגן און פאַרבייגעגאַנגען...

ל ו א י ס:

יו מין איט?...

ד אַ ר אַ:

אָבער דאָס נעמט נאָך ניט אַוועק דעם ווערט פון אַ קונסט־בילד...

ל ו א י ס:

איך מוז אויסקוקן שרעקלעך...

ד אַ ר אַ:

אַ דעמאָנסטראַציע איז ניט קיין ביודי־פּאַרלאָר: פּרעטענדירט ניט צו שאַפן קיין מאָדלס פאַר ראַפינירטע סאַלאָנען...

ל ו א י ס:

לוקס־לאַיק...

ד אַ ר אַ:

ביי דהי וועי, וואָס האָט איר געוואָלט דערגרייכן מיט אייער אריינשפּרינגען אין דער דעמאָנסטראַציע?

ל ו א י ס:

פאַרזיכערן אַן אַפּוינטמענט.

ד אַ ר אַ:

דהאַטס אָל?

ל ו א י ס:

(צלמט זיך. ביידע לאַכן).

ד אַ ר אַ:

פאַרזיכערט?

ל ו א י ס:

איך וואָלט היינט נאָך אַמאָל געגעבן דעם קאָפּ מיט ביידע הענט אונטער די קלאַבס צו זען אייך — אָט אזוי־אָ — ניט צעשעדיקט...

ד אַ ר אַ:

ניט געוואוסט — אזוי וויכטיק, וואָלט ניט געקומען...

ל ו א י ס:

געזען די פּיקטשורס אין די פּייפּערס?

ד אַ ר אַ:

געזען. פאַרפיקסירט אַ אינטערעסאַנטן אויפטו — צוואַנציק פאַרוואונדעטע!...

ל ו א י ס:

געקומען זען וואָס איך מאַך?

ד אַ ר אַ:

אויב יעס?

לואיס:

זייער דאַנקבאַר.

דאַראַ:

אַ נוירס האָט אַלעמאָל אַ געוויסע שוואַכקייט צו אירע געוועזענע פּאַציענטן. מ׳לייגט אַוועק אַזוי פיל מי — אַף די פיס אַוועקצושטעלן און מיטאַמאָל דערזעסטו (מיט לייכטער שאַרזשירונג) — מ׳ליגט אַפּן ברוק אויסגעצויגן, די הענט צוגעשמידט צום שטיינערנעם גרונט, ווי פּראָמעטעאוס צום באַרימטן אָלימפּישן פעלז...

לואיס:

טהענקס...

דאַראַ:

אָבער ניט צוליב דעם אַליין. ניט קיין נייעס, אַז מ׳קריגט מיט אַ קלאַב באַ אונדז. ס׳איז קיין געשעעניש ניט. באַ לאָיערס איז דאָס אַ גאַנצע וועלט־איבערקערעניש...

לואיס:

טהענקס...

דאַראַ:

אָבער איך האָב רעספּעקט פאַר יעדן איינעם, וואָס גייט אַרויס פייטן פאַר זיינע ציל̇ן, אַפילו ווען דער ציל איז אַזוי גרויס, ווי פאַרזיכערן אַן אַפּוינטמענט...

לואיס:

טהענקס...

(ביידע לאַכן).

דאַראַ:

צוליב ציל̇ן קומט גאַנץ אָפט אויס אַ סך זאַכן צו פאַרבויגן. אָט איז מיר געוועזן זייער שווער אָנצוקלינגען אין אייער טיר, אַריבערטרעטן איבער אָט דעם שוועל...

לואיס:

איי אונדערסטענד...

דאַראַ:

אָבער דער ציל פאָדערט און איך בין דאָ.

לואיס:

ציל? לאָמיר הערן.

דאָראַ:

פאַר די דעפּאָזיטאָרס וועלן זיין דעמאָנסטראַציעס און דעמאָנסטראַצי־עס; נעווער מאַינד — פאָלס־אַטאַקעס! ס'איז דער איינציקער וועג אַרויסצורייסן די אָפּגעשפּאַרטע סענטן פון דער אָרעמקייט! ס'וועלן נויטיק זיין קאָמיטעס צו סיטי־האָל, צום גאָווערנאָר, מעגלעך — קיין וואשינגטאָן. ס'וועלן נוטיק זיין פאַרשטייער באַם אונטערזוכן די ביכער פון די פאַרמאַכטע בענק, ס'וועט נויטיק זיין צו האַלטן אונ־טערן אויג די פאַרבליבענע פאָנדן. און איצט — צום פּונקט: אייער פאָטער איז אַ דעפּאָזיטאָר, איר — ווייס איך ניט. אויב יאָ — איז נאָך בעסער. איר האָט אַלע רעכטן צו פאָדערן! מיר גייען קלייבן אַ נייע קאָמיטע; און איר וועלן דאַרפן אריינגיין פאַרשטייער פון די דעפּאָזיטאָרס פון אַלע פאַרמאַכטע בענק. איר דאַרפט אריינגיין אין דער קאָמיטע! ווי אַ לאָיער איז אייער עקספּיריענס אפשר קיין סך ניט ווערט, — איך בעט אַנטשולדיקונג פאַר מיין אָפנהערציקייט, — אייער לאָיערישע בילדונג איז אָבער פון גרויס וויכטיקייט...

לואיס:

טהענקס...

דאָראַ:

איז אויב איר וועט אָננעמען, וועלן מיר אייך באַ אַ פאַראייניקטן מיטינג פון דעפּאָזיטאָרס, אויסקלייבן אין דער קאָמיטע. נאָך דער פּובליסיטי, וואָס איר האָט געקראָגן אין דער פּרעסע, וועט אייך זיין זייער גרינג דורכצופירן; אייער אויסגעטרימטקייט — אַ זיכער־רע אַטרעקשאָן!... קיינער ווייס ניט, אַז דאָס איז פאַר וועלן פאַר־זיכערן אַן אַפּוינטמענט... דאָס וועט בלייבן צווישן אונדז... עס איז ניט קיין לייטערל אין הימל אַריין, ס'איז אָבער אַ נויטיקע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט און אַ ברייטע פעלד פונאַנדערצואוויקלען די כחות. וואָס דענקט איר וועגן דעם?

לואיס:

זייער און זייער אַן ערנסטע פּראָפּאָזישאָן.

ד אָ ר אַ:
אָוו קאָורס.

ל ו א י ס:
(שפּאַנט דורך איבערן חדר). ווער וועט נאָך אַריין אין דער קאָמיטע?

ד אָ ר אַ:
איי דאָנט נאָו. יעדנפאַלס וועלן מיר דער קאָמיטע אַרויסהעלפן מיט וואָס מיר וועלן נאָר קענען.

ל ו א י ס:
איר וועט אַריינגיין אין דער קאָמיטע?

ד אָ ר אַ:
איי דאָנט טהינק סאָו. אַנדערע פּאַרטיי־טוער וועלן אַריין. איך בין נויטיק פאַר אַנדערע אַרבעט...

ל ו א י ס:
סאָרי, קען ניט אָננעמען.

ד אָ ר אַ:
ניט גערעכנט אַריינצוגיין אין דער קאָמיטע, נאָר אויב דאָס קען זיין אַן אָפּהאַלט, וועל איך, נעיטשורעלי, אָננעמען. אָנגענומען?

ל ו א י ס:
אָנגענומען.

ד אָ ר אַ:
טהענקס. איצט איז צייט פאַר מיר. (הויבט זיך אויף).

ל ו א י ס:
שוין?

ד אָ ר אַ:
דהאַטס אָל.

ל ו א י ס:
ווהאַטס די האָרי?

ד אָ ר אַ:
טיים. כ׳ווינטש געזונט ווערן.

ל ו א י ס:
טהענקס. (מיטאַמאָל טויט־ערנסט) צום באַדויערן קען איך אין דער

קאַמיטע ניט אָננעמען. קען ניט אָננעמען, טאָר ניט אָננעמען. סאָרי... ניט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע ערנסטקייט פון דער אַרבעט אין אַזאַ קאַמיטע...

ד אַ ר אַ:

(איבעררַאַשט. לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אָפן שטול) וואַי?

ל ו א י ס:

איצט, דענק איך, וועל איך אָננעמען...

(לאַכן זיך ביידע פונאַנדער).

ד אַ ר אַ:

וו־וו־וועללללל... איך קען אייך פון דער קאַמיטע ניט אַרויסלאָזן...

ל ו א י ס:

(זעצט זיך אַנטקעגן איר) יו נאָו, דאָראַ — יו אַר וואָנדערפול...

ד אַ ר אַ:

ריעלי?

ל ו א י ס:

יו נאָו... סקול, קאַלעדזש, דאָס אַלץ אַרום... (פירט אַרום מיטן האַנט איבערן הויז) — ס׳ליגט אוים אין דער נשמה אַ געפעלכט פון וועגן אין אַ גאַנץ באַשטימטער ריכטונג, אין אַ גאַנץ באַשטימטער וועלט־אנשויאונג. דו גלויבסט אין דעם, ס׳ווערט אַ טייל פון דיין איך; דו קענסט ניט דענקען אַנדערש!.. איר זייט געווען די, וואָס האָט אַ וואַקל געטאָן דאָס אַלץ... אָווקגעשטעלט אונטער זייער אַ סך פראַגעצייכנס!.. איך האָב זייער אַ סך געקלערט וועגן אייך.. אין די שווערסטע מאָמענטן ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן אייך פאַר די לעצטע צוויי יאָר...

ד אַ ר אַ:

ריעלי?

ל ו א י ס:

איי האָופּ יו בעליוו מי...

ד אַ ר אַ:

איי דו.

לוּאִיס:

איר האָט מיך אַוועקגעשטעלט פאַר גערּאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען ניי און פרעמד פאַר מיר; איר האָט מיך געצוואונגען איבערוועגן און איבערמעסטן לאַנג אָנגענומענע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע לייזונגען פאַר פּראָבלעמען, פאַרן לעבן אַרום. איך האָב ניט געקענט אָננעמען אייער שטאַנדפּונקט, אָבער די אַלטע פאַרטיקע ענטפערס, זענען צעשוואומען, צערונען געוואָרן...

דאָראַ:

געצוואונגען?...

לוּאִיס:

איר האָט ווי אַ שטענדיק ליכט אין מיר אונטער העל געהאַלטן די פּאָרבלעמען און געצוואונגען איבערוועגן און איבערמעסטן...

דאָראַ:

ניט געוואוסט פון דעם.

לוּאִיס:

איי האָופּ יו בעליוו מי...

דאָראַ:

איי דו.

לוּאִיס:

דער קריזיס... דער אָפיס... דו זיצסט — קיין הונט בילט ניט אַריין!... לויפסט אַרום נאָך אַן עקסידענט־קעיס מיט הונדערטער אַנדערע און — אַלמאַל אומזיסט, אַלעמאָל אומזיסט!... דיסגאָסטינג!... דו דערפילסט — ס'איז פאַר דיר ניטאָ קיין איין־איינציקער ברעקל פונקט אין לעבן!... דו דערפילסט — ביסט אינגאַנצן אַן איבעריקער!.. איט איז עי טעריבל פילינג!.. דו ווערסט אָן דעם גלויבן אין אַלץ, אין אַלעמען, אין זיך אַליין!... בלויז צוויי וועגן פאַרבלייבן: פאַרברעכן, אָדער זעלבסטמאָרד... דאָס איז אַ שרעקלעכער געפיל!...

דאָראַ:

איי אונדערסטענד.

ל ו א י ס:

דאָס לעבן האָט גענומען ווייטיקדיק אילוסטרירן, פּאָרטייטשן און באַשטעטיקן זייער אַ סך פון אייערע געדאַנקען, דאָראַ!... זייער ווייטיקדיק פּאָרטייטשן!...

ד אָ ר אָ:

עפּטער אַל, איז אייער אַריינשפּרינגען אין דער דעמאָנסטראַציע געוועזן אַ סך מער ווי בלויז פּאַרזיכערן אַן אַפּוינטמענט...

ל ו א י ס:

איר זייט די איינציקע, פאַר וועמען געפּילט אַראָפּצורייידן פון דאָ־נען... די איינציקע וועמען ליב... מיטן גאַנצן... האַרצן... ליב... דאָ־ראַ!... צי דען מיך פאַרגעסן?... אינגאַנצן... פאַרגעסן?...

ד אָ ר אָ:

(הויבט זיך אויף) צום באַרויערן ניט געקענט...

ל ו א י ס:

(כאַפּט איר אָרום מיט דער רעכטער האַנט) איי לאָוו יו סאָו מאַטש!... (קושט איר).

(ס'דערהערן זיך ראָוזעס ווייטיקדיקע גוואַלדן פון אויבן. לואיס גיט זיך אַ וואָרף אַרויף. ענע — פון איין טיר, מר. אייזיקסאָן — פון דער צווייטער. לויפן אַפּסטערז. ראָוזעס גוואַלדן האַלטן אָן. לואיס טראָגט זיך פון אויבן אַראָפּ). ראָוז איינגענומען פּאָיזן... (גיט אַ כאַפּ די טרייבל פון טעלעפאָן. דאָראַ גיט זיך אַ וואָרף — אַרויף).

ע נ ע:

(פון אויבן) איי, זי איז פאַרביי! איי זי איז פאַרביי!..

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(לויפט אַראָפּ־טרעפּ צעמישט) פּאָיזן... דאָקטאָר.... פּאָיזן... דאָקטאָר...

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

ד ר י ט ע ר אַ ק ט.

אין פינף חדשים ארום.

ד י ב י נ ע.

אַ חדר אין אַן אַלטן אַפּאַרטמענט. צוויי טירן רעכטס, איינע — לינקס; צוויי פענצטער אין דער לינקער וואַנט. מעבל: אַ טיש, שטולן, אַ סאָפע, אַ פּיאַנאָ. אַף אַלץ ליגט די ירידה.

אָוונט. אָפּגייענדיקע זון־פלעקן אַפן וואַנט.

(מר. אייזיקסאָן קומט פון דרויסן, אין ווינטער־מאַנטל. ענע קומט פון ראָוזעס חדר.ביידע זייער שטאַרק גערעגט).

ע נ ע:

וואו ביסטו אהינגעקומען? דער דאָקטאָר איז בא איר... דער לאָיער דאַרף קומען יעדע ווײַלע... כאַטש נעם און צעריים זיך איינע אַליין!...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

זיך ארומגעשלעפּט... אין די סטריטן אַרומגעשלעפּט...

ע נ ע:

ווייטער אהין? (מר. אייזיקסאָן ענטפערט ניט). ווייטער אהין....

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

צוגעמאַכטע סטאָרס, פאַרקלאַפּטע טירן און ווייַנענדיקע פענצטער... אַ בית־עלמין אין די סטריטן. סיינס, סיינס — פינצטערע מצבה־ברעטלעך; דאָ ליגט דער און דער, דאָ — דער און דער: גראָסערי, דעליקאַטעסן, פאַרניטשע סטאָרס!... און ווי אַפן ריינעם אָרט: ווי מ׳זאָל ניט גיין, קומט מען אַרויס צו דער אייגענער בערגל. געוויין. שטיל. טויט. היינגט די סיין: „דאָ ליגט מר. אייזיקסאָן... צוואַנציק יאָר לעבן, צוואַנציק יאָר האָפענונג...״ (נעמט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ). ווי מיט אַ פאַבוינע איבערן קאָפּ דערלאַנגט... ווייס ניט פאַרוואָס זיך צו נעמען, פאַר וואָס זיך צו כאַפּן, פון וואָס אָנ־צוהויבן... אַלע חשבונות אָפּגעריסן און איבערגעמישט...

ע נ ע:

(שיסט אויס מיט טרערן) ס׳מוז נעמען אַן עק צו דעם!... איך קען דאָס מער ניט איבערטראָגן!... ראָוז — צעבראָכן!.. שוין פינף חדשים און קען צו זיך ניט קומען!... לואיס איז אריינגעקראָכן אין אַ מלחמה מיט די בענק און איין גאָט ווייס מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן!.. מערדערישע אויגן דרייען זיך אונטער די פענצטער אין די אָוונטן... קוקן אַריין... זוכן... פון יעדן קלאַפּ, רייסט זיך מיר אַפּ דאָס האַרץ... און דאָס האָט זיך אַריינגעלאָזן אין ריען די וואונדן!...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

יאָ, מ׳דאַרף זיך נעמען אין די הענט... נעמען אין די הענט...

(מר. אייזיקסאָן אָפּ רעכטס. אַ קלונג. ענע גיט אַ ראַם אויף דעם חדר, נעמט זיך צונויף, ווישט אויס די טרערן, גיט אַ פאַרריכט די האָר און אָפּ. קומט מיט מר. סטאָון).

ע נ ע:

טהענקס וואָס איר זייט אַריינגעקומען, מר. סטאָון... זי האָט געבעטן אָפּרופן אייך... וויל מיט אייך וועגן עפּעס ריידן...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

זיכער וועגן וויכטיקעס.

ע נ ע:

ווי נאָר דער דאָקטאָר וועט איר באַפרייען, וועט זי אַרויסקומען צו אייך. טעיק עי סיט, פּליז...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

טהענק יו.

ע נ ע:

איר׳ט אַנטשולדיקן...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

סוירטנלי.

(ענע אָפּ אין טיר רעכטס. מר. סטאָון פאַרוויכערט. קליינע פּאַוזע. דאָקטאָר און ענע קומען פון דער זעלבער טיר רעכטס. דאָקטאָר גייט צום טיר לינקס, ענע באַגלייט אים).

ד אָ ק ט אָ ר:

(דערקלערט ענען) פריער דער פּאַיזן, נאָכדעם די זייער שווערע קאָמפּליקאַציעס, צולעצט די אויפטרייסלונג פון זיין קלאַגע פּאַר א גוט אפּן גרונט פון דער „לאָוו־סטאָרי" מיט איר שאָופער... דאָס אַלעס צוזאַמען... די פּערספּעקטיוון? דערוווילע אַרעמלעך אין ליכט... און קאָורס...

(דאָקטאָר און ענע אָפּ. קליינע פּאַוזע. ראָוז ווייזט זיך אין טיר רעכטס. זי איז אין קימאָנאָ, הויט און ביינער).

מ ר. ס ט אָ ו ן:

גוד איוונינג, מרס. בראַונער... (גייט איר אַנטקעגן, דריקט איר די האַנט).

ר אָ ו ז:

גוד איוונינג, מר. סטאָון.

מ ר. ס ט אָ ו ן:

ווי פילט איר?

ר אָ ו ז:

(מיט אַ קרענקלעכן שמייכעלע) ס'דרעעסט: אַרומשלעפן זיך אָט אַזוי־אָ, ווי אַ געפּענטעטע און — ליגן, גאַנצע טעג ליגן...

(ענע קומט).

מ ר. ס ט אָ ו ן:

(נעמט ראָוזן אונטערן אָרם — צום סאָפע). אַ זייער באַרעכטיקטע אומ־צופרידנקייט...

ר אָ ו ז:

(לאָזט זיך אַראָפּ אַפן סאָפע). אָן אַ סוף — ליגן... (ענע מאָסטיעט איר איין אין די קישעלעך האַלב־ליגנדיק).

מ ר. ס ט אָ ו ן:

געדולד, מרס. בראַונער...

(ענע אָפּ).

ר אָ ו ז:

קיין שום געדולד וועט ניט העלפן, מר. סטאָון... צו קראַנק...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

ניט קיין באַגרינדעטער פּעסימיזם...

ר אָ ו ז:

איך האָב אייך געוואָלט זען צוליב... פּליז, טעיק עי סיט, מר. סטאָון...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

טהענק יו. (רוקט צו אַ שטול און זיצט זיך לעבן איר).

ר אָ ו ז:

וואָס איך וויל וויסן איז: — וואו האַלט עס מיט מיין קעיס?

מ ר. ס ט אָ ו ן:

ווערוועלל... איי האָופּ...

ר אָ ו ז:

(מיט אַ גרינגעם שמייכעלע) יו נאָו... אומגעטריי דעם מאַן... אין אַן „אומגליקלעכער" לאַוו־סטאָרי מיטן אייגענעם שאָופער... פאַיזן... עפּטער אָל איז עס גאָר ניט אַזוי שיין... וואָלט געווען אמת — וועל... באַט אַזוי, יו נאָו, איז באַליידיקנדיק אַ ביסל....

מ ר. ס ט אָ ו ן:

איי אונדערסטענד.

ר אָ ו ז:

זייער גרויסע לאָיערס בא זיי.

מ ר. ס ט אָ ו ן:

נאַטירלעך, אַז די בראַונערס זאָלן אַזאַ קעיס איבערגעבן אין זיכערע הענט. איי האָופּ... באַט...

ר אָ ו ז:

קען פאַרשפּילן?

מ ר. ס ט אָ ו ן:

קיין זאַך ניט אויסגעשלאָסן. אייער געוועזענער שאָופער האָט זיך „מודה" געווען, אַז ער איז דער הויפּט־שולדיקער אין דער גאַנצער טראַגעדיע; די דינער און דינסטן אין הויז, באַשטעטיקן, וואָס ער דערציילט; אויסער זיי — נאָך עדות. ניט וויכטיק, ווי אַזוי דאָס איז צוגעפּיקסט געוואָרן, וויכטיק איז דער עצם פאַקט, וואָס דאָס אַלץ איז דאָ. אויב עס זאָל ניט געלינגען צו ברעכן די קייט אין אירע הויפּט־רינגען, איז פאַרשטייט זיך... באַט איי האָופּ...

ר אָ ו ז:

איי סי. (נאָך אַ קליינער באַדענקונג). יו נאָו... ער איז מיך קיין איין מאָל ניט געקומען זען פאַר דער גאַנצער צייט... עפּטער אָל...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

זייער פאַרשטענדלעך.

ר אָ ו ז:

ווען ס'ענדיקט זיך ניט אַזוי, נאָר אַנדערש... וואָלט ער זיך זיכער אויסגעפּוצט אין שוואַרצן און וואָלט געקומען...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

אין דער ליניע פון זייערע האַנדלונגען...

ר אָ ו ז:

און אַ רייכע פּיונעראַל... און אַ מאָנומענטאַלן שטיין אויף דאַנקבּאַרקייט!... שיעור מיט די אייגענע הענט ניט אָפּגעראַמט זיך פון אַלע זיינע וועגן...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

זייער ניט קיין פּראַקטישער טראַט געווען, מרס. בּראַונער...

ר אָ ו ז:

ניט געזען דאָס פריער...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

גוט וואָס ס'האָט זיך געענדיקט אַזוי.

ר אָ ו ז:

אַ ר־ר־רייכע פּ־פּ־פּיונעראַל!... (מיט שווערן היסטערישן אויפשוידער) איך... וויל... ניט!.. איך וויל ניט שטאַרבּן איצט, מר. סטאָן!... איך וויל ניט איצט!.. איך וויל ניט איצט!...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

פּליז, מרס. בּראַונער...

(מר. אייזיקסאָן און ענע מיט אַ גלאָז וואַסער לויפן אַריין).

ע נ ע:

גאָט מיינער...

ר אָ ו ז:

איך וויל אים... אים ניט בּאַפרייען!... מיט מיינע... מיט מיינע... אייגענע... הענט... בּאַפרייען... איך וויל ניט!...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

אוו קאָורס נאָט... פּליז, מרס. בּראַונער...

ר אָ ו ז:

איך... וויל... אים... ניט...

ע נ ע:

אומגליקלעכע מיינע!... צעבּראָכענע מיינע...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

אוו קאָורס נאָט, מרס. בּראַונער...

(ענע דערלאַנגט איר וואַסער. זי טרינקט).

ר אָ ו ז:

(נעמט זיך צונויף. רואיקער) איר׳ט מיך אַנטשולדיקן, מר. סטאָון... אָבער — איך וועל שטאַרבן... וועל אים באַפרייען... וועל אים מוזן באַפרייען... מר. סטאָון... מוזן באַפרייען...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

אין די הענט, מרס. בראַונער. זייער ניט קיין באַגרינדעטער פּעסימיזם...

ע נ ע:

זיי אַלעמען איבערלעבן...

ר אָ ו ז:

(צונויפגענומען. רואיק). סאָו, ווי איך האָב אייך געזאָגט, איז ער מיך קיין איין מאָל ניט געקומען זען פאַר דער גאַנצער צייט... איך וויל אים אָבער זען...

ע נ ע:

פּליז, טאָכטער, צו וואָס דאַרפסטו דאָס? ווייטער אויפרעקן זיך... ווייניק אויפרעקונג?...

ר אָ ו ז:

(צו מר. סטאָון) איך וויל אים אָבער זען...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

איך דענק ניט, אַז ס׳וועט זיין גרינג צו אַראַנזשירן. אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער קעיס, ליגן אין די הענט פון זייערע לאָיערס... און קאָורס... מ׳קען פּרואוון...

ר אָ ו ז:

אָן זיינע לאָיערס ניט קענען אַראַנזשירן...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

יעדער טראָט אין אַזעלכע קעיסעס, איז געוויינלעך, געוואויגן און געמאָסטן. צו גרויסע סומען שטייען אין קאָן און נאָך מער דער נאָמען... באַ די בראַונערס זייער נאָמען — דאַרף איך אייך ניט דערציילן... איר ווייסט, וואָס פאַר אַ שאָק עס איז געווען פאַר זיי אייער פּאָיזן... עס האָט מיטאַמאָל אַ וואַרף געטאָן אַ פּאַס ליכט

אַף אַ ווינקעלע, וואָס איז זיי זייער און זייער ניט צום האַרצן... און קאָורס, מ'זאָל זיי איבערצייגן, אַז אַזאַ טראַט איז אין זייערע אינ־טערעסן... גינסטיק פֿאַר זיי...

ר אָ ו ז:

גרויסע סומען!.. נאָמען!.. גינסטיק פֿאַר זיי!.. (נאָך אַ קליינער באַ־דענקונג). איך דענק, אַז מ'קען דאָס מאַכן „גינסטיק". איך בין גרייט צו באַשטעטיקן אין קאָורט אַלץ, אין וואָס ער באַשולדיקט מיך... דאָס דאַרף זיין גינסטיק גענוג...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

איי בעג יור פּאַרדן?...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואַ־וואַ־אָס?

ע ב ע:

וואַ־אָס?

ר אָ ו ז:

אַדי בין גרייט צו באַשטעטיקן.

מ ר. ס ט אָ ו ן:

יו ריעלי מין איט?

ר אָ ו ז:

(אונטערשטרייכט יעדעס וואָרט) איי — ריעלי — מין — איט.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס מיינסטו „יו ריעלי מין איט"? וואָס מיינסטו נעמען אַף זיך?

ע ב ע:

(ווייך, האַרציק) ווער נעמט, טאָכטער מיינע, אַזעלכע זאַכן אַף זיך?

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

וואָס מיינסטו נעמען אַף זיך? ער איז שולדיק אין אַלץ!... ער!.. וואָס מיינסוט נעמען אַף זיך אַזאַ... אַזאַ... אַזאַ... בלבול?... אַזאַ... אַזאַ... אַזאַ... וואו האָסטו געזען?...

ע ב ע:

פּליז, דיעוו, שריי ניט. לאָז איר אַרומטראַכטן... לאָז איר, שריי ניט...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

ס'איז ניט דער בעסטער אויסוועג... אָבער אויב איר באַשטייט אױף דעם, דענק איך, אַז מ'קען עס זייער לייכט אַראַנזשירן. אַראָפּנעמען די שולד פון זיי, אויסמיידן גריבלעניש אין די קאָורטס... — דאָ קעןנען מיר האָבן אַ שנעלע און זייער באַדייטנדיקע, נאַטירלעך, איינמאָליקע קעש־סעטלונג... אויב איך האָב אייך ריכטיק פאַרשטאַנען, מרס. בראַונער...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(אויפגעדראָהעט) איך וויל ניט אַזעלכע געלט פון זיי!.. איך וויל ניט אַזעלכע געלט!.. אַרומגעפלינדערט מיך... ביזן לעצטן פאָדעם אַרומגעפלינדערט מיך... אַ היילער, אַ נאַקעטער פאַרבליבן... אָבער אַזעלכע געלט וויל איך ניט!...

ע נ ע:

צו וואָס דער שרייען, דייוו?...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

פּאַרדן מי... איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

איך וויל אַזעלכע געלט ניט!.. איך בעט באַ קיינעם קיין רחמנות אױף מיר!.. איך וויל ניט אייערע טובות!.. איך וויל ניט!.. ניט וועגן אַזוינס האָב איך געחלומט מיין גאַנצן לעבן!.. ניט וועגן אַזוינס!..

ר אָ ו ז:

(אויפגערעגט) פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס איז ניט אמת? פון וואַנען ווייסטו? אמת, אַלץ איז אמת, אַלץ!...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(אויסער זיך) סאָ ליגן!.. סאָ ליגן!... סאָ ליגן!..

ר אָ ו ז:

(מיט קרענקלעך־פאַרביסענער נקמה־דורשטיקייט) כ'וועל דערציילן אין קאָורט... פאַר דער גאַנצער וועלט... ווי געניאַרט אים אױף יעדן טריט און טראָט!.. מיטן שאָופער, מיט אַלע שאָופערן, מיט אַלע באַטלערס,

מיט אַלע מענער, מיט אַלעמען, מיט אַלעמען, מיט אַלעמען!.. ניט געקוקט אויף זייער רייכקייט, זייער געלט, זייער נאָמען — מיט אַלעמען, מיט אַלעמען, מיט אַלעמען!..

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(אין איין צייט מיט ראָוזן, קלאַפּט אין טיש, ווי ער וואָלט געזוכט צו פאַרטראַסקען, איבערשרייען) סאָ ליגן!.. סאָ ליגן!.. סאָ ליגן!.. סאָ ליגן!...

ע נ ע:

דייוו, דייוו, גאָט איז מיט דיר... לאָז איר קומען צו זיך... וואָס האָסטו צו איר? פאַרוואָס פאַרשטייסטו איר ניט? (צו ראָוזן) נו, בארואיק זיך... נו, בארואיק זיך...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

פּליז, מר. אייזיקסאָן... פּליז, מרס. בראַונער...

ר אָ ו ז:

(קומט צו זיך. אָטעמט שווער). צום באַדויערן איז עס אַ ליגן... (מיט טרערן) פאַרוואָס איז דאָס אַ ליגן?... פאַרוואָס איז עס אַ ליגן?... פאַרוואָס איז דאָס ניט קיין אמת?...

ע נ ע:

ס'מוז נעמען אַן עק צו דעם, דייוו... איך קען דאָס מער ניט איבערטראָגן!... פאַרוואָס לאָזסטו דאָס ניט איבער צו מיר? פאַרוואָס לאָזסטו דאָס ניט איבער צו מיר? (ברעכט אויס אין טרערן. מר. אייזיקסאָן שלעפּט זיך אַרויס אַ צעטרייסלטער אין טיר רעכטס. ענע פאַרשטיקט די טרערן). איר'ט מיך אַנטשולדיקן, מר. סטאָון... ווי מ'זוכט ניט צו פאַרשטיקן די אייגענע ווייטיקן, רייסן זיי זיך פאָרט אַרויס, ווען די אויגן ווערן פול...

ר אָ ו ז:

סאָרי... די געפילן רייסן אין איין ריכטונג, דער פאַרשטאַנד — אין אַ צווייטער...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

זייער פאַרשטענדלעך...

ראָוז:

אַזוי שווער... אַזוי שווער... (ווישט טרערן). מיר וועלן איבערלאָזן צום קאָורט... אויב דערציען צו יענער צייט... איך האָב מורא, אַז איך וועל אים באַפרייען איידער עס וועט קומען צום קאָורט...

מר. סטאָון:

ווייניקער פּעסימיזם, מער גלויבן אין די אייגענע כחות, מרס. בראַונער! מער האָפנונג!... אַלע אויסזיכטן — פאַר דאָס בעסטע!... דער גאַנצער לעבן איז נאָך פאָראויס!... (דריקט איר די האַנט) גוד איוונינג...

ראָוז:

גוד ביי, מר. סטאָון... טהענק יו.

מר. סטאָון:

גוד איוונינג, מרס. אייזיקסאָן.

ענע:

גוד ביי, מר. סטאָון. (באַגלייט אים צום טיר). איר'ט אַנטשולדיקן... אַזוי צעבראָכן, אַזוי צעטרייסלט אַלע... (ביידע אָפּ. ענע קומט צוריק. ס'ווערט טונקל. ענע צינדט אָן דעם לאָמפּ לעבן ראָוזן).

ראָוז:

מ'דאַרף ניט, מאַם.

(ענע לעשט צוריק אויס דעם לאָמפּ און מיט אַ שווערן זיפץ אָפּ. די טונקלקייט ווערט געדיכטער. ראָוז שלעפּט זיך צו צום פּיאַנאָ. שפּילט קריינקלעכעס, שווערעס. מיטאַמאָל אַ שיסעריי הינטערן פענצטער און לואיסעס און דאַראַס שטימען. ראָוז רייסט איבער דעם שפּילן. ענע לויפט פון איין טיר, מר. אייזיקסאָן — פון דער צווייטער. די שיסעריי הערט אויף).

ענע:

(האַלט זיך פאַרן האַרצן). אין אונדזער לואיסן!... איי, אין אונדזער לואיסן!...

מר. אייזיקסאָן:

(צעמישט) וואו לואיסן... ווען לואיסן... וואו לואיסן... ווען לואיסן...

(לואיס און דאַראַ שפּרינגען אַריין, כאַפּן אַרום איינער דעם אַנדערן, אָטעמען שווער).

ד אַ ר אַ:

ד'גאַט יו?

לּ ו א י ס:

איי'ם אָלרייט.

ד אַ ר אַ:

גלעד.

לּ ו א י ס:

האַו אַר יו?

ד אַ ר אַ:

דאַכט זיך געטראָפן...

לּ ו א י ס:

געטראָפן?...

ד אַ ר אַ:

אין דער רעכטער האַנט...

לּ ו א י ס:

(אויפגערודערט) צינדט אָן פייער אַף גיך!.. פייער צינדט אָן!... (גיט אַ וואָרף דעם פּאָרטפעל אַפן טיש און גיט זיך אַ וואָרף צו דאַראַן. מר. איי־זיקסאָן דרייט אויף די ליכט. ס'הויבט גלייך איבעראַנייס אָן די שיסעריי. די קוילן שלאָגן דורך די שויבן אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט איבער לואיסן און דאַראַן. די שטוקאַטורקע פאַלט פון די ערטער, וואו די קוילן זעצן זיך).

ד אַ ר אַ:

שטייט ניט אַזוי!... לייגט זיך!.. זיי וועלן טרעפן אימיצן!...

(שפּרינגט צו צום עלעקטרישן קנעפּל און דרייט אויס די ליכט. אַלע לייגן זיך. די שיסעריי הערט אויף. לואיס גנבעט זיך צו צום פענצטער און קוקט פאַר־זיכטיק אַרויס).

לּ ו א י ס:

פון אַ „ביואיק" מיט אַ מאַשין־גאַן. אַוועק. (שפּרינגט אויף, דרייט אויף די ליכט און גיט זיך אַ וואָרף צו דאַראַן. אַלע הויבן זיך אויף בלאַס. מר. אייזיקסאָגען טרייסלט הענט און פיס. ער לאָזט זיך אַראָפּ אַפן שטול. אָטעמט שווער. דאַראַ וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל. לואיס העלפט איר. ער רייסט פונאַנדער דעם אַרבל פון איר בלוזקע). כ'לויפן נאָך אַ דאָקטאָר!...

ד אַ ר אַ:

(האַקט אָפּ לואיסן) דו וועסט ערגעץ ניט לויפן איצט! ענד פּליז, דאַנט געט עקסיידעד!...

(ענע ברייננט וואַסער, איבערבונד).

ל ו א י ס:

דאַנטשיו אונדערסטענד?

ד אַ ר אַ:

דו וועסט ערגעץ ניט גיין איצט, איז דהאט קליר? טו זיך אוים און העלף מיר איבערבינדן די האַנט. (לואיס וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל און העלפט דאַראַן ברייננען די וואונד אין אָרדנונג). מ'האָט אָנגעהויבן צו שיסן. ס'מיינט, אַז אין דער אונטערזוכונג פון די בענק זענען מיר אריין צווישן פעדים, וואָס פירן גאַר־גאָר הויך; ס'מיינט, אַז מ'האָט דאָרטן באַשלאָסן אָפּצוראַמען דיך פון וועג...

ל ו א י ס:

סאָם פעדים!... ס־ס־סאַנאָווע ב־ב־ביטשעס!...

ד אַ ר אַ:

מיט איין קלאַפּ אָנוואַרפן אַ פּאַניק אויף אַלעמען און איבערהאַקן אַלע ווייטערדיקע אונטערזוכונגען...

ל ו א י ס:

אַלץ איז דורכגעוועראַמט פראָם טאָפּ טו דהי באַטם!..

(שכנים און שכנות שיטן אַריין צעשראָקענע).

ש כ נ י ם א ו ן ש כ נ ו ת:

— איי־איי־איי־איי!...

— און געטראָפן אויך!..

— האַו יו פיל, דיער?

ד אַ ר אַ:

נאַטהינג סיריעז.

ש כ נ י ם א ו ן ש כ נ ו ת:

— סאָם אָפּגעשפּילט מיט גליק!...

— פון אַזוי פיל קוילן!...

— זעט די שויבן!...

— זעט די וואַנט!...

— זיי וועלן די גאַנצע וועלט אויסקוילענען, די רויבער, איידער
איין פּענע אומקערן פון די צעראַבעוועטע געלטער!...

אין דער ערשטער קופּקע:

(איינע דערקלערן די אַנדערע)

— זיי ניט לאַנג אַהער אַריינגעמופּעט... פון אַן אייגן הויז... אַנגע־
וואָרן די ביזנעס... די הויז... אַלץ אַנגעוואָרן...

— אַזוי?

— און ער איז עס (ווייזט אַף לואיסן) דער גאַנצער קאָפּ אין דער
דעפּאָזיטאָרס אונטערזוכונג פון די בענק...

— ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן...

— געהאַט אַן אייגענעם אָפיס... געמוזט אויפגעבן...

— אַזוי?...

— דער קריזיס...

— די יוגנט גאָר געבליבן ווי אַפן וואַסער...

— ווי אַפן וואַסער...

אין דער צווייטער קופּקע:

— איר'ט זיין באַם היינטיקן מיטינג פון דעפּאָזיטאָרס?

— ווי דען?

— מ'זאָגט, ס'וועט זיין איינער פון די גרעסטע מאַס־מיטינגען,
וואָס די שטאָט האָט ווען עס איז געזען...

— ס'רודערט די גאַנצער שטאָט מיט דעם מיטינג...

— די שטאָט פּאַרפּלייצט ביז ווייס מיט ליפלעטס...

אין דער דריטער קופּקע:

— מ'רעדט, אַז די אונטערזוכונגס־קאָמיטע פון די דעפּאָזיטאָרס
האָט עפּעס אַריינגעקראָגן שוואַרץ אַף ווייס, ווי אַזוי די
געלטער פון די בענק זענען צעפּלינדערט געוואָרן אין די
לעצטע פּאָר טעג פאַרן קראַך...

— ניט נאָר ווי אַזוי, נאָר אויך ווער...

— עפּעס גאָר הויך פּאַרמישט, זאָגט מען...

— עפּעס גאָר הויך...

— דערפאַר געזוכט אַפּנים אָפּצוראַמען פון וועג...

אין דער ערשטער קופּקע:

— אַז מ'וועט אָפּראַמען פון וועג די וואָס ווייסן ווי צו מאָנען, איז ווער וועט מאָנען?
— זייער קלאָר...
— זייער, זייער קלאָר!...

אין דער צווייטער קופּקע:

— זיך ניט געפּוילט אַריינצושיסן אין הויז אַריין...
— אַזעלכע האָבן ניט געטאָרט וואוינען אַפן גראַנד־פלאָר...
— ס'איז דאָך ווי אין רעכטן גאַס...

אין דער דריטער קופּקע:

— פון וואַנען ווייסט מען, אַז מ'האָט דאָס אים געוואָלט אָפּראַמען פון וועג? אפשר גאָר איר?
— דאָך איר געטראָפן!...
— זי קומט זעלטן אַהער...
— ניטאָ קיין גרויס ליבע צווישן איר מיט די אַלטע...
— אַז מ'האָט אַהער אַריינגעשאָסן, האָט מען געמיינט טאַקע אים...

מר. אייזיקסאָן:

(צו די שכנים) ניטאָ וואָס צו זען!... ס'איז טיפער, אַ סך טיפער!.. גרויסע טיפע לעבער דאָ אינעווייניק — אין הארצן!... מ'קען זיי ניט זען!.. מ'קען ניט!...

ענע:

(בעט זיך באַ די שכנים) פליז... פריז... לאָזט אונדז קומען צו זיך אַ ביסל... אַזוי צעטרייסלט... (מיט טרערן) לאָזט די געדאַנקען צונויפ־נעמען אַ ביסל...

(די שכנים און שכנות אָפּ. ענע מאַכט הינטער זיי צו די טיר).

לואיס:

(מאַכט דעם לעצטן קניפּל אַפן באַנדאַזש) דו פילסט אָלרייט?

דאָראַ:

אָלרייט.

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אויסגעפּעלט נאָך צרות — מיט די אייגענע הענט אַרויפגעשלעפּט אַף זיך...

(קיינער ענטפערט ניט. לואיס אַפּ אין חדר רעכטס. ענע נעמט די וואַ־סער, איבערבונד און אַפּ אין דער צווייטער טיר רעכטס. דאָראַ וואַרפט אַרויף איר מאַנטל אַף די אַקסלען און אַפּ. ראָוז שלעפּט זיך אַרויס רעכטס. מר. אייזיקסאָן שפּאַנט דורך אַ פּאָר מאָל איבערן חדר און אַפּ אין דער צווייטער טיר רעכטס).

ל ו א י ס:

(קומט פון רעכטס מיט רעוואָלווער און פּאַטראָנעס). פּייט ביז אַרונטער!... (לאָדט אָן דעם רעוואָלווער און לייגט אים אַריין אין פּאָרטפעל. דאָראַ קומט צוריק פון לינקס און וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל פון די שולדערס. לואיס כאַפּט איר אַרום, דריקט איר צו זיך און קושט איר לײדנשאַפטלעך) סאָרי, וואָס איך האָב דיך געבעטן גיין מיט מיר, דיער... כ'וואָלט געפילט גרינגער, ווען זיי טרעפן מיר...

ד אָ ר אָ:

בעסער אַזוי. עווערימהינג ל'בי פיין. מורא?

ל ו א י ס:

נאָ.

ד אָ ר אָ:

גלעד.

ל ו א י ס:

אין היינטיקער שיסעריי ליגט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געזען. כ'לויף אַרום גאַנצע טעג צו געפינען עני קיינד אָוו וואָירק... עניטהינג!.. ענד נאָטהינג!.. דיסגאָסטינג!.. פיל, אַז איבעריק... אינגאַנצן איבעריק!.. און אָט קומט מיטאַמאָל איין שורה קוילן און אונטערשטרייכט מיט דער שאַרפסטער קלאָרקייט, אַז ניט איבעריק!. אַז איך שטיי אַף אַ זייער וויכטיקן אָרט אין לעבן!.. אַזוי וויכטיק, אַז מ'זוכט מיט קוילן אַרויסצושלאָגן מיך פון אים!.. אָנגענומען אין דער קאָמיטע, אָבער ניט באַגריפן די גאַנצע וויכטיקייט פון איר אַרבעט... ערשט איצט איז דאָס מיר קלאָר געוואָרן...

ד אַ ר אַ:

מיר שטייען אַף אַ זייער וויכטיקן אָרט אין לעבן... אַ סך וויכטיקער, ווי מיר אַליין האָבן אַ באַגריף וועגן דעם...

ל ו א י ס:

(לאָזט איר אָפּ. שפּאַנט איבערן חדר. דאַראַ ציט זיך אויס אַפן סאָפע). דאָס לעבן הויבט אָן ווערט זיין, מ'זאָל פאַר אים קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן!...

ד אַ ר אַ:

איך האָב נאָר וואָס אָפּגערופן אין דער פּאַרטיי. אַ גרופּע חברים איז אַרויסגעפאָרן אַהער. פון היינט־אָן וועסטו נאָו מאָר ארומגיין אַליין...

ל ו א י ס:

מעי בי יו אַר ראַיט. פאַר איינצלנע, פאַר „אַליין" בלייבט מער קיין אָרט ניט... קאַמף האָט זיין אייגנאַרטיקע לאָגיק: אָנגעהויבן — מאַ־ניעווירט ער דיך אריין אין אַזעלכע פּאָזיציעס, וואָס דיקטירן אַלע דיינע ווייטערדיקן האַנדלונגען!.. די קוילן, וואָס פליען איבער דיין קאָפּ, צווינגען דיך איינצובויגן זיך, ליגן זיך, איינגראָבן זיך, און זוכן ענלעכע צו זיך, כדי אינאיינעם קענען אויפהויבן זיך, אויס־גלייכן זיך — לעבן!...

ד אַ ר אַ:

ניטאָ קיין אַנדער וועג, דיער...

ל ו א י ס:

(זעצט זיך צו צו דאַראַן, בויגט זיך איבער איר איבער, קוקט איר טיף אין די אויגן). אַז דו האָסט מיר פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין דער קאָ־מיטע, האָסטו געוואוסט, אַז דו מאַניעווירסט מיך אריין אין אַ קאַמף, אין וועלכן עס קען אויסקומען אַמאָל אַוועקצולייגן דעם קאָפּ?

ד אַ ר אַ:

געוואוסט.

ל ו א י ס:

און מיך ליב געהאַט?

ד אַ ר אַ:

(זיפצט מיט אירע פינגער זיינע האָר) אוהום.

ל ו א י ס:

און מיך... ליב... געהאַט?...

ד אַ ר אַ:

ווייל ליב געהאַט. ניטאָ קיין רואיקע און זיכערע ערטער אין אונדזער לעבן. (קוקט אים טיף אין די אויגן) הינטער די „רואיקע" און „זי־כערע" ציפערן פון די בענק, ליגן חלומות איבערגעריסענע, האָפ־נונגען אויסגעלאָשענע, לעבנס אָפּגעבראָכענע; בערג מיט טויטע, ווי נאָך שווער פאַרשפּילטע שלאַכטן. אונדזערע קעפּ ווערן פון אַלע זייטן „רואיק" געטריבן אין די שמאָלע שעכטהויז־טירן פון די צי־פערן און אָפּגעהאַקט!... אויג מיט טרער פאַר רחמים — האַלט ניט אָפּ די האַק!... (נעמט אָן מיט ביידע הענט זיין קאָפּ און מיט אַ סך ליבע) און איך האָב געוואָלט אַט־אָ־דעם קאָפּ אַרויסרייסן פון דאָרטן... אַרויסרייסן אים פאַר זיך... צו האָבן אים שטענדיק לעבן זיך!... ער זאָל זיין פול מיט לעבן!... זאָל זיין גרייט צו קעמפן פאַר דאָס לעבן!... צוזאַמען איבערבויען אים!... ער זאָל ווערן אַ היים: אַ ליכטיקע, גליקלעכע היים פאַר אונדז אַלעמען!... פאַר — אַלעמען!...

ל ו א י ס:

(קושט איר). איך פיל דיך, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען: געלעגן אין הונדערט מיט פיר, אַלץ האָט גע־שווינדלט פאַר די אויגן, אָבער די בלאָנדע אין ווייסן, מיט דעם רואיקן שמייכל אויף די ליפּן, האָב איך געזען קלאָר. געווען דער איינ־ציקער פּונקט, וואָס האָט זיך באַוועגט רואיק, קלאָר, פעסט... גע־בליבן אויף שטענדיק אין דער נשמה...

ד אַ ר אַ:

ריעלי?

ל ו א י ס:

אויף שטענדיק...

ד אַ ר אַ:

געהאַט אַ שווערע ניומאָניע־קעיס באַ דיר. געווען אַ נייס באָי: דורכגעטראָגן... (זיפּט מיט די פינגער זיינע האָר).

לואיס:

און שפּעטער — געזעסן לעבן מיר און דערציילט... געדענקסט?

דאָראַ:

אוהום...

לואיס:

ווי די עלטערן געשטאָרבן... ווי געבליבן אַליין... ווי יונג געמוזט אָוועקגיין אַרבעטן... ווי געמאַטערט זיך... געהונגערט..

דאָראַ:

וואָס נאָך דערציילט?

לואיס:

ווי געזעסן נעכט אױף ביכער און געטרוימט צו ווערן דאָקטאָר, ווי געמוזט אָפּקערן אױף אַ סייד־ראָאַד — צו דער פּראָפעשאָן אין ווייסן... ווי אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי...

דאָראַ:

געווען די ערגסטע קעים מיינע...

לואיס:

וועגן מאָלעריי, פּאָעזי און פּאָליטיק, פּאָליטיק און פּאָליטיק!...

דאָראַ:

דו ביסט געווען קראַנק און איך האָב גערעדט פון היץ...

לואיס:

די ערשטע נייע פּאָליטישע געדאַנקען, וואָס האָבן נאָכדעם אַזוי אומברחמנותדיק צעטרייסלט דעם איינגעשטעלטן קוק אױף זאַכן...

דאָראַ:

ריעלי?

לואיס:

יעס. און אַזעלכע צוויי שווערע יאָר... אַזוי פיל דורכגעליטן...

דאָראַ:

זייער שווערע... אָפּגעטאָן די גרעסטע נאַרעשקייט, דיער!... עך, ווען מיר האָבן אַן אייגן ברעקל דאַך... ניט ארומוואַלגערן זיך אַזוי... אין אַזעלכע מאָמענטן ווילט זיך זיין נאָענט... צוזאַמען... פילן, אַז מ'איז דאָ... אַז קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט...

ל ו א י ס:

אין אייגן ברעקל ווינקל... אַ, דיער...

(מר. אייזיקסאָן קומט. לואיס הויבט זיך אויף פון סאָפע, נעמט אַרויס פאפירן פון פאָרטפעל, פאַררויכערט, זעצט זיך צום טיש. דאַראַ הויבט זיך אויף, פאַררויכערט און שטעלט זיך הינטער אים. לואיס פאַרשרייבט עפּעס. ענע קומט מיט אַ באַרשט און הויבט אָן צונויפצוקערן די אַרויס־געשאָטענע שטוקאַטורקע און גלאָז. מר. אייזיקסאָן שפּאַנט איבערן חדר און האַלט זיך פאַרן קאָפּ).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

יעדערער קלאַפּט איבערן קאָפּ... ווי מיט אַ פּאָבוינע איבערן קאָפּ... לאָזן צו זיך ניט קומען... לאָזן צו זיך קומען...

ע נ ע:

(צו לואיסן) אפשר וואָלסטו, זון מיינער, געבליבן אין הויז היינטיקן אָוונט...

ל ו א י ס:

ניט מעגלעך, מאַם...

ע נ ע:

וועסט זיך אוועקשטעלן ריידן, קען נאָך אימיצער פון אַ ווינקל אַף דיר... כ׳ציטער דאָס וואָרט פון מויל אַרויסצולאָזן...

ע נ ע:

אויך דאָ ניט זיכער פון אַ קויל.

ע נ ע:

זיכערער ווי מיט אַן אָפענער האַרץ אַנטקעגן טויזנטער מענטשן...

ל ו א י ס:

מוז דאַרטן זיין, מאַם.

(לואיס הויבט זיך אויף און אָפּ אין טיר רעכטס. דאַראַ נעמט אַ פּאַפּיר פון טיש, קוקט אין אים אַריין, רויכערט).

ע נ ע:

(מיט געבעט צו דאַראַן) פאַרוואָס זאָלט איר ביידע ניט בלייבן אין הויז היינטיקן אָוונט? צו אייך וואָלט ער זיך צוגעהערט... מיט אַזאַ האַנט... אייך וואָלט ער געפאָלגט...

ד אַ ר אַ:

באַ אונדז זענען אַלע מאַטעריאַלן וועגן די בענק... ער דאַרף אָפּגעבן דעם הויפּט־באַריכט און איך האָב אויך זייער וויכטיקע אַרבעט באַם מיטינג... בין איינע פון די הויפּט־רעדנער... מוז זיין...

ע נ ע:

איר האָט זיך דאָך אַזוי ליב... עס זאָל, חס וחלילה, מיט איינעם פון אייך פּאַסירן עפּעס, וועט איר דאָך אומגליקלעך מאַכן איינער דעם אַנדערן... מיר האָבן אפשר ניט פּאַרדינט, איר זאָלט דאָס טאָן פון אונדזערטוועגן, טוט דאָס פון זיינטוועגן... פון אייער אייגענער טובה וועגן...

ד אַ ר אַ:

ניט מעגלעך, מרס. אייזיקסאָן.

ע נ ע:

(מיט טרערן) ער איז דאָך אונדזער איין איינציקער... אויב איך האָב אַמאָל געזוכט אָפּצורייסן אים פון אייך, האָב איך דאָך געמיינט דאָס בעסטע... גערעכנט פאַרביידן בעסער זיין... אָרעמקייט איז דאָך אַזאַ ביטערע זאַך...

ד אַ ר אַ:

באַם בעסטן ווילן ניט מעגלעך, מרס. אייזיקסאָן. איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין... ס'איז נויטיק גוטצוהייסן די גאַנצע אָפּגעטאָנענע אַר־בעט, ס'איז נויטיק צו באַשטימען דעם טאָג פון דער דעמאָנסטראַ־ציע און ס'איז נויטיק אָנצונעמען דעם גאַנצן פּלאַן פון ווייטערדיקע אַקציעס. מיר מוזן דאָרטן זיין אונטער אַלע אומשטענדן...

ע נ ע:

(מיט טרערן אין געענדערטן טאָן) איר מוזט דאָס טאָן!... איר הערט, איר מוזט דאָס טאָן!... איר זייט דאָס מחויב צו טאָן!.. איר האָט אים פאַרשלעפּט!.. איר האָט אים אין אַלע אומגליקן!.. איר!.. איר!..

ד אַ ר אַ:

איך מוז ניט און בין ניט מחויב, מרס. אייזיקסאָן. איך וואָלט דאָס אָבער זיכער געטאָן, אויב עס וואָלט געווען מעגלעך. מיר מוזן דאָרטן זיין. באַם בעסטן ווילן קען קיין זאַך ניט געענדערט ווערן.

(לואיס קומט מיט פּאַפּירן. ענע האַקט אָפּ. ווישט טרערן. קערט צונויף די שטוקאַטורקע. לואיס זעצט זיך צום טיש. קליינע פּאוזע).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

פּאַר אַ גאַנצער וועלט לאַיערס געוואָרן!.. פּאַר אַ גאַנצער וועלט — מאַנערס און בעלי־טענות געוואָרן!.. מערנישט אַף אונדז האָט מען פאַרגעסן... פאַרגעסן, אַז דאָס־אַ (ווייזט אַף די קוילן אין וואַנט) האַקט אונטער די פיס און שטעלט אָפּ די בלוט אין די אָדערן!.. מיר זענען קיינעמס ניט!.. מיר עקזיסטירן מער פאַר קיינעם ניט!.. ווער ס'האָט גאָט אין האַרצן קומט צו גיין, נעמט אָן באַם גאָרגל און שטיקט און שטיקט און שטיקט!... (אין געענדערטן טאָן, ווילד) איך וועל ניט לאָזן!.. איך וועל ניט לאָזן שטיקן!.. איך וועל מאַכן אַ סוף צו אייך!... אַ סוף צו אייך!... (כאַפּט די פּאַפּירן פון טיש און רייסט אַף שטיקלעך).

ל ו א י ס:

(כאַפּט דעם פאָטער פאַר די הענט). ניט רייסן!.. זייער וויכטיקע דאָקומענטן!..

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(לאָזט איין די פּאַפּירן, רייסט אַרויס די הענט פון לואיסן און הויבט אים אָן צו שלאָגן מיט אַ מאָדנער ווילדקייט). איך וועל מאַכן אַ סוף... ווי מ'האָט פון מיר געמאַכט!.. ווי מ'האָט פון מיין גאַנצן לעבן געמאַכט... ווי מ'האָט פון מיין גאַנצן לעבן געמאַכט!...

ל ו א י ס:

(פאַרקלאַמערט דעם פאָטער, אַז יענער קען מיט אַן אבר ניט רירן). נאַר... ניט... קריכן... מיט... די... הענט!..

ע נ ע:

דייוו... לואיס... דייוו... לואיס... (זוכט זיי פונאַנדערצונעמען).

ד אָ ר אַ:

(צו לואיסן) פּליז, דיער... (באַפרייט אַרויס מר. אייזיקסאָנען פון לואיסעס הענט). דו איט פאַר מי...

ע נ ע:

(נעמט אַוועק מר. אייזיקסאָנען אָן אַ זייט) וואוהין קריכסטו מיט די הענט?... וואָס קענסטו ענדערן מיט די הענט?...

לואיס:

נאָר... ניט.. מיט... די... הענט!...

(דאַראַ הויבט אויף די פּאַפּירן און לייגט אין פּאָרטפעל).

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

מיט די הענט... וואָס קען איך ענדערן מיט די הענט... קען ניט ענ־דערן מיט די הענט... קען קיין זאַך ניט ענדערן!... ארויס פון מיין הויז!.. פון מיין הויז ארויס!.. ווען כאָטש די אויגן ניט זען!..

ע נ ע:

דייוו... דייוו... פּליז, דייוו...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

גענוג זיצן דעם טאַטן אַפּן האַלדז... לאָיערוון פאַר דער גאַנצער וועלט און ברייגען די צרות אהער!... ארויס!... (לואיס שפּרינגט אַרויס און קומט גלייך מיט אַ שעצל, העמדער, שניפּסן, זאָקן. שפּאַרט אין שעצל). גענוג!... גענוג לאָיערוועון פאַר דער גאַנצער וועלט און די צרות אהער ברייגגען!...

ע נ ע:

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך דאָ?... (צו לואיסן) מאַלע וואָס ער רעדט... ער מיינט דאָס ניט!..

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

אַז שוין געטראָפן, כאָוואָלט שוין געטראָפן!...

(לואיס גיט אַ פייער אין טיש און אַ וואָרף צום פאָטער).

ד אַ ר אַ:

(שפּרינגט אַריין צווישן און פארשטעלט מיט איר האַנט לואיסן דעם מויל). פּליז, קיין איין וואָרט ניט!.. פּליז!..

ע נ ע:

גאָט מיינער, וואָס טוט זיך דאָ? (מיט טרערן) וואָס האָט איר צו מיין לעבן?.... פאַרוואָס האָט קיינער אַף מיר קיין רחמנות ניט?

לואיס:

(צוריק צום שעצל. פּאַקט). ס׳פּאַר אַ תהום ס׳איז צווישן אונדז!...
ס׳פּאַר אַ תהום!...

מר. אייזיקסאָן:

מער מיין שוועל ניט אַריבערטרעטן!.. כ׳וויל מער ניט קענען!...

ענע:

וואָס פון אונדזער שוועל איז שוין געבליבן...

דאַראַ:

מ׳דאַרף זיך ניט אויפּרעקן, מר. אייזיקסאָן, — ער וועט מער איבער אייער שוועל ניט אַריבערטרעטן. און וועגן מיר קען מעןריידן גאַנץ געמיטלעך: (מיט לייכטער איראָניע) היינטיקן מאָל געטראָפן ניט וואו געדאַרפט, נעקסטן מאָל וועט טרעפן בעסער און אַלץ וועט צוריק ווערן אַלרייט: מר. אייזיקסאָן וועט צוריקקריגן די סטיישאָן, די הויז; מר. און מר. בראַונער וועלן איבעראַניים אָנהויבן אַ זיס און גליקלעך לעבן און לואיס וועט זיך צוריק פאַרנעמען צו די סעמיר־עלס!.. (רואיק אָבער שאַרף) ניטאָ קיין צוריק, מר. אייזיקסאָן!.. ניטאָ! צו גרויסע כחות קירעווען מיט אונדז און קירעווען אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג!.. אָט באַ אייך: אַ רואיק און זיכער לעבן געווען, מיט זעגלען ברייט פאַרוואָרפן אין די הויכן, מיט וועג־ווינטן צום „אַרויף” און מיטאַמאָל — ווי נאָך אַ שטורם; אפילו קיין ברוכ־שטיקער קיין רעכטע ניט פאַרבליבן!.. מיר: — באַם אָנ־הויב פון אונדזערע לעבנס: קענען אַרבעטן, ווילן אַרבעטן, האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו זיין גליקלעך און — קענען ניט!.. צוויי יונגע געזונטע מענטשן און קענען זיך ניט פאַרזאָרגן מיט אַן אייגן ברעקל דאַך איבערן קאָפּ, מיט עסן צו זאַט!.. יאָ, מיט עסן צו זאַט!.. מאַ־טערן זיך, וואַלגערן זיך!.. איך באַ מיינער אַ קרבה אויף אַ בעטל, ער באַ אייך — נאָך ערגער!... יאָ, נאָך ערגער!.. צוליב וועלכע אייערע צילן אין לעבן זאָלן מיר זיך אָוועקלייגן און שטאַרבן, מר. אייזיקסאָן? צוליב וועלכע אייערע צילן אין לעבן, מר. אייזיקסאָן? בלויז דער קאַמף פאַר אַ גליקלעכערן מאָרגן, גיט כחות צו שלעפּן אויף זיך אַזאַ שווערן ביטערן היינט!..

(קלונג אין טיר. ענע עפנט. ס'קומט אַריין דזשעק מיט אַ גרופּע אַר־בעטער).

ד ז ש ע ק:

האַו אַר יו, דאַראַ?

ד אַ ר אַ:

גוט, דזשעק, וואָס איר זייט געקומען; ניט געוועזן זיכער צי איך וועל קענען אַרויסטרעטן אַפן מיטינג. אויך איצט נאָך ניט אינגאַנצן זיכער... געשאָסן און אונטערגעטראָפן...

ל ו א י ס:

„אונטערגעטראָפן" איז ראַיט... (פּאַרקלאַפּט דעם שעצל).

ד ז ש ע ק:

בעסטאַרדס! ווי נאָר געקראָגן דעם „קאָל", צונויפגענומען יעדן איינעם און — היידאַ אַהער!..

אַ ר ב ע ט ע ר פ ו ן ד ע ר ג ר ו פּ ע:

(איינער צום צווייטן):

— סאָם דזשאָב!..

— סאָם דזשאָב איז ראַיט...

— נישקשה אַריינגעפּייערט!...

ד ז ש ע ק:

(צו לואיסן) און זיי וועלן זיין אייערע דערווייליקע באַגלייטער. באַקענט זיך: דזשים, בעני, דזשאָן.

ל ו א י ס:

(דריקט זיי די הענט) זייער אַנגענעם.

ד ז ש ע ק:

צוזאַמען וועט זיין פריילעכער און — זיכערער!.. אויב די אַרבעט קען אַנדערש ניט געטאָן ווערן ווי אונטער פייער, וועט זי געטאָן ווערן אונטער פייער!..

ל ו א י ס:

ראַיט. (צו דאַראַן). נו, דיער, אָנגעטאָן זיך און — אַוועקגעגאַנגען! (טוט אָן דאַראַן דעם מאַנטל אויף איין אַרבל).

ד אַ ר אָ:

(צו דזשעקן) היינט וועט מען דאַרפן זיין אויסערגעוויינלעך שאַרף אויף דער וואַך. מ'דאַרף דערוואַרטן אַ צווייטן פּרוּוו מיט קוילן אַראָפּצורייסן דעם מיטינג...

ד ז ש ע ק:

ניט אויסגעשלאָסן. אָבער מירן טאָן אַלץ ניט צו דערלאָזן...

ל ו א י ס:

(טוט אָן דעם מאַנטל, נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער פון פּאָרטפעל און לייגט אים אַריין אין קעשענע פון מאַנטל. דאַראַ נעמט דעם פּאָרטפעל, לואיס דעם שעצל). אוועקגעגאַנגען! פּייט — ביז אַרונטער!...

(דזשעק, די אַרבעטער, לואיס, דאַראַ — אַפּ. מר. אייזיקסאָן שלעפּט זיך צו צום טיש, שטייט אַ ווײַלע פאַרקלעמט, נאָכדעם הויבט ער זיך אָן אַראָפּצולאָזן פון די פיס. פאַלט).

ע ב ע:

(גיט זיך אַ וואָרף צו אים) דייוו... דייוו...

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

פערטער אַקט.

ערשטע ביל ד.

אין צען חדשים פון
דריטן אַקט

די בינע.

גערי‍כט־הויז. ברייטער קאָרידאָר לויפט אינדערטיף, צווייגט זיך אָפּ צו עטלעכע מאָל איןביידע זייטן און ווערט אָפּגעהאַקט מיט אַ וואַנט און צוויי פענצטער אין הינטערגרונט; די שויבן קאָליריט, קלויסטער־מעסיק. צווישן די פענצטער — אין גאַנצער גרויס — אַ סקולפּטור: סימבאָל פון גערעכטיקייט. אַ ברייטע טיר רעכטס פירט אין געריכט־זאַל.

באַלייכטונג פון לאַמטערנע־גרופּעס, וואָס שטייען ווי גרויסע צעצווייגטע לייכטער פון ביידע זייטן קאָרידאָר.

טיר פון געריכט־זאַל אָפן. מענטשן שטראָמען — אַרום, אַריין און אַרויס; רויכערן, שמועסן, לאַכן, טענהן איין, טייטשן אויס און דערקלערן איינער דעם אַנדערן.

(עשטע פּאָרל קומט פון געריכט־זאַל).

מאַן פון ערשטער פּאָרל:

זי האָט קיין טשענס ניט!.. (פּאָרל אָפּ).

(צוויי מענער קומען).

ערשטער מאַן:

אַ יונגנט־פריינט געהאַט? — געהאַט!... אוועקגעוואָרפן אים? — אוועקגעוואָרפן אים!... צוליב וואָס? אריינצוקעטשן דעם יונגן מר. בראַונער!.. ריטש!.. מאַני!...

צווייטער מאַן:

וו־וו־וועל...

ערשטער מאַן:

דער יונגער אייזיקסאָן געזוכט אריינצוקעטשן די מיס סעמיועלס? — געזוכט!.. צוליב וואָס? ליבע? נאָ! ריטש!... מאַני!... — אָט וואָס דאָס איז געווען!... אין בלוט איז דאָס ביי זיי!... איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך!.. זיינע לאָיערס האָבן דאָס באַוויזן שוואַרץ אַף ווייס!...

צווייטער מאַן:

די ווייס איז ניט אַזוי ווייס און מיטן שוואַרץ איז אויך ניט אַזוי זיכער...

(ביידע מענער אָפּ. צוויי אין די פּערציקער קומען).

ערשטער אין די פּערציקער:

זיינע לאָיערס האָבן באַוויזן, ערשטנס (צײלט אַף די פינגער), אַז באַ די אייזיקסאָנס איז די מעריעדזש פון די קינדער געווען אַ בריק צום „ארויף״; זיי האָבן באַוויזן, צווייטנס, אַז פון קליינוויז אויף האָט מען אין די קינדער איינגעפלאַנצט פאַרגעטערונג פאַר רייכקייט, פאַר נאָמען, פאַר הויכער געזעלשאַפט; זיי האָבן באַוויזן, דריטנס, אַז ניט ליבע, נאָר די בראַונערס רייכקייט איז געווען דאָס, נאָך וואָס מר. אייזיקסאָנס טאָכטער האָט זיך געיאָגט.

און זיי האָבן באַוויזן, פּערטנס, אַז די אויפדעקונג פון די אינטימע פאַרבינדונגען מיט איר שאָפער, איז געווען די אמתע סיבה, וואָס האָט איר געפירט צו דעם פּאָיזן...

צווייטער אין די פּערציקער:

די לאָגיק קריכט נעבעך אויף קוליעס אין אַלע זייערע באַווייזן...

(די צוויי אין די פּערציקער אָפּ. צווייטע פּאַרל קומט).

מאַן פון צווייטער פּאָרל:

ווען האָבן זיי ניט צונויפגעשלעפּט אַל עדות אין דער קעיס!... די שאָפערן פון אַלע זייערע מאַשינעס, אַלע זייערע הויז־באַדינער, יעדן איינעם פון דער בראַונערס און סעמיועלס פעמילים, אפילו דעם יונגן אייזיקסאָן האָבן זיי אַרויסגערופן אַלס עדות, אַלס זייערן אַן עדות... — קען יו אימאַדזשין!..

(דריטע פּאַרל קומט. צווייטע אָפּ).

מאַן פון דריטער פּאָרל:

וואָס האָבן זיינע לאָיערס ניט אויסגעגראָבן פאַר דער קעיס!... דעם יונגן אייזיקסאָנס אויסגיין מיט מיס סעמיועלס, זיין שטיין אין שפּיץ פון די דעפּאָזיטאָרס, זיין אַרבעט אין אָרגאַניזירן די אַר־בעטסלאָזע, זיין שטיין אין דער פירונג פון איינער פון די קאָלומס אין מאַרש אויף וואַשינגטאָן און אפילו די פאָרם פון זיין צוזאַמענ־לעבן מיט דאָראַ סילווער...

(דריטע פּאַרל אָפּ. פערטע פּאַרל קומט).

מאַן פון פערטער פּאָרל:

די גיים איז קלאָר: פון איין זייט בלעקמעילן די פירערשאַפט פון דעם הונגער־מאַרש און פון דער אַנדער זייט אוועקשטעלן עס ווי נאָך אַ מאָטיוו פאַר אַ גט... האָסט געזען ווי די פּרעסע האָט עס צעשמירט?...

(פערטע פּאַרל אָפּ. אויסגעדאַרטער מיט גרויסער קאָפּ געגרייזלטע האָר, דאַמע אונטערן אָרם קומען).

אויסגעדאַרטער מיט גרויסער קאָפּ געגרייזלטע האָר:

זיינע לאָיערס זענען אינגאַנצן גערעכט: די „ליבע" צווישן אָרעם און רייך האָט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, אַז עס איז שוין אַ גאַנץ באַרעכטיקטער גרונט פאַר אַ גט... אפילו, אַז קיין אַנדערע באַווייזן זאָלן גאָר אינגאַנצן ניט זיין...

(דער אויסגעדאַרטער מיט דער דאַמע אָפּ. צוויי מיט מאַנטלען אָפּן אָרעם קומען).

ערשטער מיטן מאַנטל אָפּן אָרעם:

אויב די קעיס האָט אָנגענומען אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, איז דאָס אינגאַנצן דעם דזשאָדזש צו פאַרדאַנקען. אַלע אָבדזשעקשאָנס פון איר לאָיער קעגן אַריינשלעפּן פּאָליטיק אין דער קעיס, האָט ער צו־ריקגעוויזן, פאַרקערט זיינע — זיינע לאָיערס האָט ער געלאָזן אַריינ־שלעפּן, וואָס נאָר זיי האָט זיך געוואָלט... צום ביישפּיל, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דעם יונגן אייזיקסאָנס שטיין אין שפּיץ פון איינער פון קאָלאָנעס אין מאַרש אויף וואַשינגטאָן, אָדער זיין לעבן מיט מיס סילווער אָן לייסנס — צו דער פראַגע, צי מרס. בראַונער האָט געלעבט צי ניט געלעבט מיט איר שאָפער?...

צווייטער מיטן מאַנטל אָפּן אָרעם:

אַז מ'וויל האָט עס שוין גאָר אַ שייכות!...

(ביידע אָפּ. צוויי אין צילינדערס קומען).

ערשטער אין צילינדער:

מעריעדזש צווישן ריטש און פּור איז אַ האָלד־אָפּ קעגן די ריטש!..

צווייטער אין צילינדער:

באַקענט מיט אַזאַ, — אַראָפּגענומען דאָס אויבערשטע... אַריינגע־שטעקט אַ פּאָר דאָלער אין פּאַקעט און — וואַרף זיך אַרויס טו דהי העל!...

(ביידע אין צילינדערס אָפּ. צוויי מיטליאָריקע פרויען קומען).

ערשטע מיטליאָריקע פרוי:

אָבער ניט די געוועזענע מיס סעמיועלס, נאָר דער יונגער אייזיק־סאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו הייראַטן מיט איר...

צווייטע מיטליאַריקע פרוי:
אָבער ווען? נאָך דער דעמאָנסטריישאָן!.. אַז זיין פיקטשע איז שוין געווען אין אַלע פּייפּערס און ווען הייראַט האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין... אָבער ביז דאַן וואָס?

(ביידע פרויען אַפּ. מאַן אין ווייכער הוט מיט פרוי אונטערן אָרם קומען).

מאַן מיט ווייכער הוט:
וואָס האָט איר פּאַרטיידיקער געקענט אויפטאָן, אַז זיינע לאָיערס מיטן דזשאָדזש האָבן אים געהאַלטן אין איין פאַרשטאָפּן דאָס מויל? פּאַקטיש ניט געלאָזן אים צורירן זיך צו זייערע עדות... יעדע פראַגע איז אָבדזשעקטעט געוואָרן און יעדער אָבדזשעקשאָן איז געשטיצט געוואָרן פון דעם דזשאָדזש...

(פּאַרל אַפּ. רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפן לויפן פון אַלע זייטן).

רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפן:
— זיי גייען!
— זיי קומען!
— זיי גייען!
— זיי קומען!
— זיי קומען!

(ראָוז, מר. סטאָון, ענע, מר. אייזיקסאָן קומען פון געריכט־זאַל. ראָוז זייער בלאַס. ענע — ווייס, מר. אייזיקסאָן — פינצטער אין געזיכט, געבויגן. רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפן רינגלען זיי אַרום. אַפּאַראַטן פאָ־טאָגראַפירן).

רעפּאָרטערס:
— אַ פּאָר ווערטער, מרס. בראַונער...
— אַ פּאָר ווערטער...
— עטלעכע ווערטער, מרס. בראַונער...

ראָוז:
(פאַרשטייט ניט וואָס מען וויל פון איר). פּ־פּ־פּאַרדן מי...

רעפּאָרטערס:
— אַ פּאָר ווערטער, מרס. בראַונער...
— עטלעכע ווערטער פּאַר דער פּרעסע, מרס. בראַונער...

ר אָ ו ז:

(דריקט צונויף מיטן האַנטביידע שלייפן, ווי זי וואָלט זיך עפּעס וועלן דער־מאָנען, באַגרייפן) יע־יע־יעס... אַ פּאָר ווערטער... אַ פּאָר ווערטער... יע־עס... איי ריעלי דאַנט נאָו... נאָך ניט פונאַנדערגעקליבן זיך... נעכטן... היינט... אַזוי פיל פאַר די צוויי טעג.... ניט קלאָר... קיין זאַך ניט קלאָר...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

(מיט ציטער אין קול) גאַנצע בערג אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז... בלבולים אויף אונדזערע לעבנס... (מיט פאַרקלאַמערטע טרערן) סאַ בלוט־בלבול!... זאָגט זיי: אַרומגעפּלינדערט מיך... קראַנק געמאַכט מיך... צעבראָכן מיך... אויף 10 חדשים אין בעט אַוועקגעלייגט מיך... אַלץ געקענט אַוועקנעמען... אָבער דאָס קען קיינער ניט אַוועקנעמען פון מיר!... (קלאַפּט אין האַרצן). קיינער ניט!.. קיינער ניט!.. (ציטערט אינגאַנצן).

ע נ ע:

פּליז דייוו... פּליז... נאָר וואָס פון בעט אַראָפּ...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

קיינער ניט!...

מ ר. ס ט אָ ו ן:

(צו די רעפּאָרטערס) איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, אויב איר וועט אונדז לאָזן דורכגיין...

(מר. סטאָון, ראָוז, ענע און מר. אייזיקסאָן פאַרנעמען זיך צו אַן אָפּ־צווייג פון קאָרידאָר. אַלע אַרום מאַכן פאַר זיי אַ וועג. די רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפערס — נאָך זיי. אַלע אָפּ. לואיס און דאַראַ קומען. קליי־דער אָפּגעטראָגן, זייער שטאַרק אויסגעמאָגערט. לואיס נעמט אַרויס אַ סיגאַרעט, צעברעכט אים אויף צוויי. גיט דאַראַן אַ האַלבן. פאַררויכערן).

ל ו א י ס:

(שפּאַרט זיך אָן אָן אַ לאָמפּן־גרופּע. מיט אַ קרומען שמייכל) אַ דיוואָרס־קעיס פאַרוואַנדלט אין אַ טיף־פּאָליטישן פּראָצעס!.. ניטאָ קיין באַ־ווייזן און — פאַרשפּילט!.. הונדערט־פּראָצענטיקע לאָיערשע „קונסט” אין די ברייטע ראַמען פון אונדזערע קאָורט־מעגלעכקייטן...

ד אַ ר אַ:

ניט קיין פאַקטן דיקטירן איצט אַ גט...

ל ו א י ס:

ראַיט.

(ליאָן קומט).

ל י אָ ן:

געך־ר־רעכטיקייט!..

ל ו א י ס:

(ווייזט אַף דער סקולפטור) מיט פאַרבונדענע אויגן...

ל י אָ ן:

פראָסטיטוציע!...

ד אַ ר אַ:

די טיכל אַף די אויגן איז אַ טיף פּאָליטישע געווער...

ל י אָ ן:

איך האָב געפילט ווי ארייגצולאָזן אין אים אַלע פינף קויל!.. זיין גליק, וואָס ראָוז האָט באַ מיר אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער...

ד אַ ר אַ:

זי האָט געטאָן אַ זייער קלוגע זאַך.

ל ו א י ס:

איין האַנט, אפילו גוט באַוואָפנט, דערגרייכט אַזוי ניט ווייט, אַז עס קוינט ניט...

ל י אָ ן:

בעסטאַרד!... ראָוזן פון מיר אַרויסגעריסן... (קלאַפּט אין האַרצן) פון דאַנען באַ מיר אַרויסגעריסן... און וואָס האָט ער פון איר געמאַכט?...

ל ו א י ס:

יעס... — געמאַכט...

ל י אָ ן:

וויפיל באַליידיקונג, פאַרלוימדונג, שמוץ!...

ל ו א י ס:

יעס...

ד אַ ר אַ:

ראָוז... — פּור קיד...

(קליינע שווערע פּאוזע).

ל ו א י ס:

(צו ליאָנען). וואָס הערט זיך בא דיר?

ל י אָ ן:

שלעכט. די שווערסטע פּראָבלעם: עסן און א דאך איבערן קאָפּ...

ל ו א י ס:

(סאַרקאַסטיש) היי־עדיוקיישאָן!... פּאַר א קישעלע אין פּאַרק אף א באַנק... — ווייכער צו הונגערן...

ל י אָ ן:

ווייכער צו הונגערן, איז ראַיט...

ל ו א י ס:

וואָס רעכנסטו צו טאָן?

ל י אָ ן:

איי דאָנט נאָו... א לאַגע אָן טירן צום ארויס!... אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אָן אָנהאַלט, אָן א פּערספּעקטיוו... קלער גאַנץ אָפּט וועגן א קויל אין דעם אייגענעם שטערן...

ל ו א י ס:

צוליב דעם צוגענומען דעם רעוואָלווער פון מיר?

ל י אָ ן:

צוליב דעם...

ד אָ ר אַ:

זעלבסמאָרד?

ל י אָ ן:

די איינציקע טיר...

ד אָ ר אַ:

ניט די איינציקע.

ל י אָ ן:

איך זע ניט קיין אַנדערע...

ד אָ ר אַ:

קען זיין אַן ערגערע לאַגע, ווי בא די אַרבעטער איצט? קיינמאָל ניט געווען ליכטיק גענוג, איצט איז זי אָבער א שווידערלעכע: פּאַר

לאַנג אָן אַרבעט, דאָס לעצטע העמד פאַרקויפט און אויפגעגעסן, פון ליכט און וואַרעמקייט אָפּגעשניטן; קאַלט, פינצטער, נאַקעט, באָר־וועס און הונגעריק!.. אַלע נערונגס־פעדים איבערגעריסן. דער גאַנ־צער אַרום מיט אַלע מעסערן פאַרמאַכטן ק ע ג ן דאָס לעבן!... אָבער זעלבסטמאָרד? פאַרקערט: ווייל אַלץ איז אַזוי ק ע ג ן — טאַקע דערפאַר — ווערן אַלע כחות אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פ אַ ר דאָס לעבן!.. פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר אַ שענערן לעבן, פאַר אַ גליקלעכערן לעבן!.. נעכטן אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר ברויט; היינט — פאַר אַרבעט אָדער ווײדזשעס, מאָרגן — אין אַ הונגער־מאַרש און איבערמאָרגן — וועלן די כחות ווייזן וואָס מען קען דער־גרייכן מיט פאָדערן און וואָס מען מוז אַליין נעמען!... מיט וואָס איז דאָס ניט קיין טיר?... די אמתע און איינציקע טיר...

ל י אָ ן:

אפשר...

ד אָ ר אָ:

ווייל אונדז איז אַזוי שלעכט, לאָמיר קלערן וועגן — לעבן!.. נ אָ ר וועגן — לעבן, ד ו ק אַ וועגן — לעבן!... איר׳ט מיך אַנטשול־דיקן, איך דאַרף זען אימיצן. געדענקט: ד ו ק אַ וועגן — לעבן!..

(דאָראָ אָפּ. ליאָן קוקט איר נאָך).

ל י אָ ן:

און דו — אין דער פירערשאַפט פון איינער פון די קאָלאָנעס?

ל ו א י ס:

איך, דאָראָ, דזשעק. פון אונדזער קאָלום.

ל י אָ ן:

עך, ווען איך וואָלט געקענט גלויבן, אַז דאָס איז עפּעס ערנסטעס!...

ל ו א י ס:

מענטשן האָבן אַ זייער מיאוסע טבע: אַז מ׳נעמט זיי אָן באַם גאָרגל, ווערן זיי טויט־ערנסט!.. טויט־ערנסט!..

ל י אָ ן:

ראַיט.

לואיס:

קריזיס... הינטער־קוליסן פון פאַרמאַכטע בענק, אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און אַט אַזעלכע „גוט"־פּראָצעסן, לאָדן דיך אָן מיט אַזוי פיל פּולווער, אַז דו ביסט גרייט מיט דעם אייגענעם קאָפּ אַ־זעצי־רייסן אַלץ אַרום, אַבי באַפרייען דעם אָרט פאַר עפּעס אַנדערש... פאַר עפּעס מענטשלעכערעס!..

ליאָן:

איך פאָדערט 300 פאַר אַ פאַמיליע און 150 פאַר אַ סינגל...

לואיס:

מער. מיר גייען זיך לערנען — מאַנען, פאָדערן, צווינגען!.. ס'קען ניט בלייבן אַזוי!.. ס'טאָר ניט בלייבן אַזוי!.. ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען!.. מ'ווערט דערשטיקט!.. מיר קענען מער ניט אַזוי!.. מיר ווילן מער ניט אַזוי!.. מיר ווילן קענען לעבן!.. מיר ווילן האָבן ניט נאָר דאָס רעכט, נאָר אויך די מעגלעכקייט צו לעבן!..

ליאָן:

„קענען לעבן"..... „האָבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן"... — וויפיל עס ליגט אין די דאָזיקע ווערטער!.. ווען טרעט איר אַרוים?

לואיס:

אַזוי שנעל ווי די ווייטסטע קאָלאָנען פון איבערן לאַנד וועלן זיך צונויפציען אַף איין וועג־שטח מיט אונדז. מיר רעכענען — דעם דאָנערשטיק...

ליאָן:

וועל קומען זאָגן גוד־ביי.

לואיס:

קום צו גיין. האָסט פון קיינעם גאָרנישט צו דערוואַרטן!.. בלויז פון די אייגענע פליייצעס, פון די אייגענע הענט, פון די אייגענע פייטינג־גלאָווס!.. (הויבט אויף אַ פּאָר פאַרקנוילטע פויסטן אינדערהויך).

ליאָן:

מעי בי יו אַר ראַיט...

(קליינע פּאַוזע).

לואיס:

קום כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט... איבערכאַפּן דעם אָטעם פון דער דאַזיקער גערעכטיקייט פון אונדזערער...

(ביידע אָפּ. ענע און מר. אייזיקסאָן קומען).

ענע:

דו האָסט געזען ווי זיי קוקן אויס? — שוואַרץ ווי די ערד!.. ביידן ניט צו דערקענען...

מר. אייזיקסאָן:

געזען... געזען... זאָלן זיי...

ענע:

לעבן אין אַ קליינער רומקע... קיין אַרבעט באַ ביידן ניטאָ... מאַטערן זיך... הונגערן... מיר איז אַזוי דאָס האַרץ טוטוויי... אַזוי טוטוויי... און ניט ס'איז דאָ מיט וואָס צו העלפן און ניט ס'איז דאָ ווער עס זאָל העלפן...

מר. אייזיקסאָן:

זאָלן זיי!... זאָלן זיי!...

ענע:

וואָס פון אונדזערע לעבנס איז געוואָרן... (ווישט אַ טרער).

מר. אייזיקסאָן:

זאָלן זיי!... זאָלן זיי!..

ענע:

אַ וואונדער, וואָס מ'טראָגט מיט אַזאַ גרינגקייט די יונגע קעפּ אין פייער... (ווישט די אויגן).

מר. אייזיקסאָן:

וואָס האָסטו צו מיר?... לעבן ווי הינט... סט'געהערט, וואָס געמאַכט פון אונדז איבער זיי? געהערט?... הינט!... פרעמדע זענען מיר!... פרעמדע!.. זאָלן זיי!..

(ס'הויבט אָן קלינגען אַן עלעקטרישער גלעקל. מענטש הויבן אָן צו שטראָמען פון אַלע זייטיקע אָפּצווייג־קאָרידאָרן אין געריכט־זאַל אַריין. ראָוז און מר. סטאָון קומען. ענע און מר. אייזיקסאָן גייען צו זיי צו און אינאיינעם אָפּ אין געריכט־זאַל. דאַראַ, לואיס און ליאָן אויך

אָפּ אין געריכט־זאַל. דער מענטשן־שטראָם הערט אויף. די טיר פאַר־מאַכט זיך. אַן אַנגעשטריינגטע פּאַוזע. די טיר עפנט זיך און מענטשן הייבן אָן צוריק אַרויסצושיטן).

ש ט י מ ע ן פ ו ן אַ ר ו י ס ג י י ע נ ד י ק ע:

— וואָרעם ?
— ווער האָט דאָס ניט געוואוסט ?
— פאַר־שפּילט !...
— קיין טשענס ניט געהאַט !
— ס'איז געווען פאַרשפּילט פון רעכטן אָנהויב !...
— וואו קענען געווינען אָרעמע פון די בראונערס ?...
— זייערע לאָיערס, זייערע קאָורטס, זייערע דזשאָדזשעס...
— און דזשוראָרס פאַלן, ווי עפּעלעך, ניט ווייט פון בוים...
— אַן אמתער פרעים־אַפּ !..
— אויסגענוצט, באַשפּיגן און אַרויסגעוואָרפן...
— דערזען אַ שיינע בלום, אָפּגעריסן, צעטראָטן און אַרויסגעוואָרפן...
— וואָרעם ?
— מער ווי אַף אויסצונוצן דאַרפן זיי ניט...

ר אָ ו ז:

(עס הערן זיך אירע קולות פון אינעווייניק. לויפט פון געריכט־זאַל ווי אַ פאַר־סמטע. האָר צעשאָטן. צעמישט. שרייט) איט איז עי לאַי !... איז איז ע' לאַי !... איט איז עי לאַי !... איט איז עי לאַי !... (זי לויפט אינדער־טיף פון קאָרידאָר, גיט זיך מיטאַמאָל אַ קער־אום, לויפט צוריק, כאַפּט אַרויס פון פּאַקעט־בוך אַ רעוואָלווער און אָפּ מיט צעמישטן אימפּעט אין גע־ריכט־זאַל. ס'הערן זיך אירע אויסגעשרייען: ,,איט איז עי לאַי" און אַ גאַנצע ריי שאָסן. ס'דוערט אַ סעקונדע. זי לויפט אַריין צוריק פון געריכט־זאַל מיטן רעוואָלווער אין האַנט, לויפט אינדערטיף פון קאָרידאָר, קערט זיך אום, טראָגט זיך צוריק, שרייט די גאַנצע צייט: ,,איט איז עי לאַי !". פאַלט).

ק ו ל ו ת פ ו ן אַ ל ע ז י י ט ן:

— דעם יונגן בראַונער געשאָסן !...
— אַף טויט געשאָסן !...
— דעם יונגן בראַונער געשאָסן !...

— אַף טויט !..
— אַף טויט אים !...
— דעם יונגן בראַונער געשאָסן !...
— אַף טויט געשאָסן !...
— אַף טויט !..
— אַף טויט אים !...
— אַף טויט געשאָסן !...
— אַף טויט !..
— אַף טויט אים !...

(דאַראַ, לואיס, ליאָן, ענע, מר. אייזיקסאָן, מר. סטאָון לויפן פון גע־ריכט־זאַל, לאָזן זיך אַראָפּ אַרום ראָווזן).

ל ו א י ס :

(מינטערט ראָזן) ראָוז דיער... ראָוז דיער...

ד אַ ר אַ :

די האַרץ ניט אויסגעהאַלטן... טויט.

ל ו א י ס :

(לאָזט אַראָפּ ראָוזס קאָפּ פון זיינע הענט) טויט... טויט...

(אַנגעלאָפן פון אַלע זייטן. פּאָליס. געריכט־אָנגעשטעלטע).

ע נ ע :

(פאַלט צו צו ראָוזן מיט געוויין) אומגליקלעכע מיינע... אומגליקלעכע מיינע....

ל ו א י ס :

די עטלעכע קוילן קענען דאָך אזוי ווייניק ענדערן אין דאָס אַלץ... אין דעם אַרום אונדזערן...

ד אַ ר אַ :

אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס איין האַנט האָט געקענט אָפּטאָן...

ל י אָ ן :

פאַרוואָס האָב איך איר געלאָזן צונעמען פון מיר דעם רעוואָלווער ?..
פאַרוואָס האָב איך איר געלאָזן...

(מר. אייזיקסאָן נעמט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און ברעכט אויס אין אַ דערשיטערנדיקן געוויין. פאָטאָגראַפן פאָטאָגראַפירן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

פערטער אַקט.

צווייטע בילד.

די בינע.

אין הינטערגרונט — טשאַפּל פון אונדערטייקער. גרויסער פרייער פּלאַץ אין פראָנט. טראָטואר פון איין סטריט — פון איין זייט טשאַפּל; טראָטואר פון צווייטער סטריט — פון צווייטער זייט טשאַפּל. פון אַרויסגאַנג — צום סטריט רעכטס פירט אַ לאַנגער אנעקס־דעכל, ווי אַ לאַנגער חופּה־איבערדעק

מיטגלידער פון מר. אייזיקסאָנס קאָנגרעגיישאָן — אין קופקעס.

אין דער ערשטער קופּקע:

— וואָס פון די אייזיקסאָנס איז געוואָרן...
— אר־וואַ!..
— צען חדשים צום בעט אָפּגעלעגן...
— און אויפגעהויבן זיך צו אַזאַ ווייטיקדיקער לויה...
— זאָל מען פון אַזוינס ניט וויסן...
— פון אַזוינס ניט וויסן...
— הונגערן פּשוט...
— ביזן לעצטן פּאָדים פון זיך פאַרקויפט...
— ענע איז פון אייזן, אַז זי האָט דורכגעטראָגן...
— זיי האָבן דאָך ראָוזן קיין פּענע ניט געגעבן... ניט פאַר דאָקטאָר, ניט פאַר מעדיצין...
— זייערע לאָיערס אויסגעדרייט... זיי געפינען אַלעמאָל אַ רעכט...
— געהאָפּט אַף דער נאַטור, אַז זי וועט סעטלען איידער ס׳וועט קומען צו די קאָורטס...
— האָט די נאַטור געסעטלט...
— נאָר אַ ביסל אַנדערש ווי זיי האָבן גערעכנט....

אין דער צווייטער קופּקע:

— וויפיל פרייד, וויפיל גליק, אַז זיין ראָוז האָט פּלוצלונג געבראַכט דעם יונגן בראַונער צו אים אין הויז אַריין!...
— וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן!...
— מר. אייזיקסאָנס גרויסער חלום!...
— זיין גרעסטער חלום אין לעבן מקוים געוואָרן!...
— האָט געקענט זיין עפּעס גרעסערס?...

אין דער דריטער קופּקע:

— און דאָ אַ לויה און דאָרטן אַ לויה...
— איינע טרייסט ניט די אַנדערע און ענדערט קיין זאַך ניט...
— די יוגנט קען ניט מוחל זיין, קען ניט פאַרגעבן און וויל ניט פאַרגעבן...

אין דער ערשטער קופּקע:

— די קאָמפּאַניעס באַגראָבן פון איין זייט און דער קריזיס פון אַלע זייטן...

— דער קריזיס פון אַלע זייטן...

— וואָס וועט דאָס זיין?

— וואָס וועט דאָס זיין?

— וואָס וועט דאָס זיין?

(מר. אייזיקסאָן און ענע קומען).

מר. אייזיקסאָן:

גערענקסט אַמאָל? זעכצן שעה אַ מעת־לעת געהאָרעוועט אין אַ פינצטערן, ביטערן קעלער; קלאָגעדיקע ווייזישעס.... אָבער פון אויבן, דורך די פאַררויכערטע שויבן, האָט אריינגעבלישטשעט די ליכטיקע האָפענונג — צום ארויף. יעדער ניט־דערעסן, יעדער אָפּ־געשפּאָרטער סענט, איז געווען אַ נייע טרעפּעלע צום ליכטיקן מאָרגן. שווער געווען דאָס לעבן, אָבער ליכטיק האָט געוואָרעמט דאָס פייערל...

ענע:

איך געדענק, איך געדענק...

מר. אייזיקסאָן:

נאָכדעם אייגענע ביזנעס: פון קלענער צו גרעסער, נאָכדעם — די סטיישאָן; אַן אייגענע הויז; אַ טאָכטער — אין קאָלעדזש, אַ זון — אַ לאָיער; אַן אָנגזעענער מעמבער אין דער קאָנגרעגיישאָן... גע־גאַנגען אַלץ העכער, העכער און העכער...

ענע:

אַלץ העכער און העכער...

מר. אייזיקסאָן:

באַקאַנטשאַפט מיטן יונגן בראַונער... מעריעדזש; דורך די בראַו־נערס אין קרובהשאַפט מיט די סעמיועלס; לואיסעס אויסגיין מיט זייער דזשין... צוויי ליכטיקע טירן פאַר די קינדער צו נאָך העכער... צו גאָר הויכעס!.. און מיר הינטער זיי, נאָך זיי, אינאיינעם מיט

זיי... און... און וועלן גיין הינטער אַן ארון... הינטער אַן ארון... הינ־טער דעם גאַנצן אייגענעם לעבן — אין אַן ארון... אַן — וואָס צו ירשענען... אַן — ווער זאָל ירשענען...

ע ב ע:

איינגעבראָכן אונדז... צעבראָכן אונדז...

מ ר. א י י ז י ק ס אָ ן:

און ניטאָ קיין צוריק... און ניטאָ קיין וואוהין...

(מר. אייזיקסאָן און ענע אַפּ אין טשאַפּל. לואיס, דאַראַ, ליאָן, דזשים, בעני און דזשאַן קומען. אַ שושקענעש אין אַלע קופקעס).

ד ז ש י ם:

מיר'ן זיי ניט פאַרלירן?

ד אַ ר אַ:

קענען זיי ניט פאַרלירן: דער אַרויסמאַרש איז דורך דער סטריט.

ד ז ש י ם:

זיכער?

ד אַ ר אַ:

זיכער. סיידן די פּאָליס וועט זיך אַריינמישן. בלייבט דאָ. איר'ט אונדז לאָזן וויסן אַז זיי קומען אָן.

ד ז ש י ם:

אָ־קעי.

(נאָך מיטגלידער פון מר. אייזיקסאָנס קאָנגרעגיישאָן קומען און צעטיילן זיך אין די פאַרשיידענע קופקעס. לואיס, דאַראַ, ליאָן, בעני און דזשאַן אָפּ אין טשאַפּל).

ג ע ק ו מ ע נ ע א י ן פ אַ ר ש י י ד ע נ ע ק ו פ ק ע ס:

— נאָר וואָס ביידע גערעדט אַפן סקווער...

— מר. אייזיקסאָנס באַי אַף איין פּלאַטפּאָרמע, זי — זיינע, — אַף דער צווייטער און דער אַמאָליקער אַרבעטער באַ זיי אַפן סטיישאָן — אַף אַ דריטער...

— אַ מוראדיקער מיטינג!...

— אפשר 50 טויזנט מענטשן אַפן סקווער!..

— מ׳איז געשטאַנען קאָפּ אױף קאָפּ...
— האָט זיך דאָס אַלע װײַלע אַרױסגעריסן אַ הורעי...
— װי אַ װאַלד װאָלט זיך אַ װיג געטאָן!...

אין דער ערשטער קופּקע:
— װען זײ װאָלטן עפּעס אױספירן...
— פּלענטי, װאָס נױטיקן זיך...
— װאָס דו קענסט שױן פון זײ אַרױסרײַסן!..
— נעמער זענען ניט קײן געבער!..
(ס׳דערהערט זיך אַ װײַטער רעװאָלוציאָנערער געזאַנג).

אין פאַרשײדענע קופּקעס:
— מ׳מאַרטשעט שױן!..
— מ׳מאַרטשעט שױן!..
— מ׳מאַרטשעט!..
— אױף װאַשינגטאָן!..
— מ׳מאַרטשעט שױן!..
— אױף װאַשינגטאָן!..
— גײען אױף אַ זיכערן טױט...
— מ׳זאָגט: די גאַנצע פּאָליס, אַרמי און נײװי...
— װי נאָר זײ װעלן קומען אַהין, װעט מען זײ...
— אױף אַ זיכערן טױט!..
— אױף אַ זיכערן טױט!..
— און גײען!.. און מיט געזאַנג!..
— ניטאָ װאָס אָנצואװערן...
— אַזױ טױט, אַזױ טױט...
— אימיצער מוז דאָך פּאָדערן!...
— אַלע זאָלן שװײַגן, װעט מען דאָך פון הונגער אױסגײן!..
— װי ליכט אױסגײן...
(אַ קלאַפּ אין פּושקעס און אַ „צדקה תציל ממות").
— מ׳טראָגט!..
— מ׳טראָגט דעם אָרון!..
— מ׳טראָגט!...

(אַלע גרופּירן זיך אַרום אַרויסגאַנג פון טשאַפּל. פאַרמירן צוויי רייען פון אַרויסגאַנג פון טשאַפּל צום סטריט רעכטס. מ'טראָגט אַרויס דעם ארון צווישן די צוויי רייען מענטשן. צוליב דער געדיכטקייט פון די רייען זעט זיך ניט דער ארון. הינטערן ארון — מר. אייזיקסאָן, ענע, לואיס, דאַראַ, ליאָן, בעני און דזשאַן. די צוויי רייען פאַרמירן אַ צוג הינטערן ארון און אַפּ רעכטס. דזשים — מיטן גאַנצן עולם. דער פּלאַץ בלייבט ליידיק. עס הערט זיך ווי מ'שטעלט דעם ארון אין אויטאָמאָביל־וואָגן אין סטריט, ווי דער אויטאָמאָביל רירט זיך און — „צדקה תציל ממות". לואיס, דאַראַ, ליאָן, בעני, דזשאַן און דזשים קומען פון רעכטס און שטעלן זיך אויס אַפן טראָטואַר מיטן פּנים צום סטריט. באַגלייטן מיט די אויגן די לויה).

לואיס:

דהאַטס אָל... לעצטער וועג פון אַ גרויסן חלום... לעצטער וועג...

דאַראַ:

די בריקן ווערן איבערגעריסן איינער נאָכן אַנדערן...

לואיס:

ברעגן... און — אָפּענער תהום צווישן זיי!...

דאַראַ:

אַלעמאָל געוועזן... אָבער קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי קלאָר ווי איצט...

לואיס:

איצט איז דאָס זייער קלאָר... זייער קלאָר...

(קאַמפּס־געזאַנג שטאַרק, מעכטיק. ס'הערט זיך דער אָנקומען פון מאַר־שירנדיקע מיטן סטריט לינקס. מענטשן לויפן אָן פון אַלע זייטן און פילן אָן דעם גאַנצן אָרט צום סטריט לינקס).

דאַראַ:

היר דהעי אַר!.. לעטס גאָ!..

לואיס:

לעטס גאָ.

(לואיס, דאַראַ, דזשים, בעני און דזשאַן טועון אָן די רויטע מאַרש־בענדער אַף די אַרבל).

ליאָן:

צוויי וועגן...

ל ו א י ס:

(דריקט ליאָנען די האַנט). סאָולאָנג...

ל י אָ ן:

סאָולאָנג.

ד אַ ר אַ:

(דריקט און פאַרהאַלט לײַנגער ליאָנס האַנט) קומט צו אונדזוערן אַ מיטינג.
ס'איז אַזוי פיל צו טאָן!.. אַזוי פיל!..

ל י אָ ן:

איי'ל טרײַ...

ד אַ ר אַ:

געדענקט: ווײַל אונדז איז אַזוי שלעכט, לאָמיר קלערן וועגן — לעבן! נ אָ ר וועגן — לעבן, ד ו ק א וועגן — לעבן!...
סאָולאָנג...

ל י אָ ן:

סאָולאָנג...

(דאַראַ, לואיס, דזשים, בעני און דזשאַן פּרוּוון זיך דורכקוועטשן צום סטריט לינקס. ס'איז אוממעגלעך).

ד אַ ר אַ:

(הויך צום עולם) גיוו עי טשאַנס, קאַמראַדס!.. אור קאַלום!...

(מ'מאַכט פאַר זיי אַ דורכגאַנג צום סטריט לינקס. דאַראַ כאַפּט אונטער דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד פון די מאַרשירנדע, דזשים, בעני און דזשאַן כאַפּן אונטער נאָך איר, לואיס דער לעצטער. אַפּ צו די מאַרשירנדע).

ל י אָ ן:

(פּאַכעט מיט זײַן האַנט אינדערהויך, ווי מיט אַ טיכל) וויש יו לאַק!...

ש ט י מ ע ן פ ו ן ע ו ל ם:

(מיט פּאַכענדיקע הענט אינדערהויך).

— עי לאָט אוו לאַק!...

— עי לאָט אוו לאַק!...

— עי לאָט אוו לאַק!...

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

ניו יאָרק, יולי, 1936.

אויסגעצוימטע

דראַמע אין 1 אַקט.

פערזאָנען:

סאָלאָוויי, פירער פון אַ באַנדע.

קאָליאַ, זיין רעכטע האַנט.

די מיידל.

די ציגיינערקע.

איינער פון דער באַנדע

באנדיטן, ציגיינערקעס, ארעסטירטע, מאַן וואָס ברייגנט טיי.

צ י י ט: בירגער־קריג 1920 — 1919.

אָ ר ט: אַ אויעזדנע שטאָט אין אוקראַינע.

די בינע.

גרויסער חדר. מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ווינקל אין אַ רייכער הויז, וואָס איז פאַרנומען פון אַ באַנדע: אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָ איז אַ בעט און אַ פּיאַנאָ, אַ סאָפע און קאַנדעליאַברעס און נאָך זאַכן צו־נויפגעשלעפּט פון פארשיידענע צימערן. דורך די פענצטער — האַרבסטיקע נאַכט; פייערן פון שריפות צערייסן אַלע ווילע דעם חושך.

סאָלאָווײ — ברייט־ביניק, ריזן־וואוקס, אַ טשופּרינע אַ צעשויבערטע, אויגן ברענענדיקע. דער פּנים אויסגעשטשערבעט פון וואונדן; ער איז אין שטיוול מיט שפּאָרן, די אָפיצערסקע העמדל צעכראַסניעט. ער זיצט לעבן טיש רעכטס, איז שיכורלעך.

אַרום די ווענט אַפן דיל ליגט צעוואָרפן חברה פון זיין באַנדע. זיי ליגן פּאָרוויז, גרופּקעוויז, אין סאָלדאטסקע קליידער, אין שטיוול מיט שפּאָרן, קענטיק רייטער. לעבן זיי אפן דיל — פלעשער מיט סאַמאָגאָן, צובייסן.

אַ גרופּע יונגע ציגיינערקעס טאַנצט, זינגענדיק, איבערן אָפּגעליידיקטן מיטן פון חדר. אַלע קוקן שיכור, אויפגעלעבט. אַז דער טאַנץ ענדיקט זיך, פּאַטשן אַלע בראַוואָ. די ציגיינערקעס וואַרפן זיך צו די שיכורע אפן דיל. מ׳גראָבט זיך איין אין זיי תאוהדיק, לאַכן חיהיש. די שענסטע פון די ציגיינערקעס שפּרינגגט צו צו סאָלאָווייען, גיט זיך אַ וויקל ארום זיין האַלדז, קוקט אים שעלמיש אין די אויגן און שטעקט אים אויס די ליפּן צום קושן.

ד י צ י ג י י נ ע ר ק ע:

אַ קוש... פֿאַרן טאַנצן אַ קוש...

ס אָ ל אָ ו י י:

(קוקט איר אָן אַ ווײַלע און גיט איר אַ שליידער אַראָפּ פֿון זיך).

ד י צ י ג י י נ ע ר ק ע:

(גיט אַ געשריי פֿאַר ווייטיק, שפּרינגט אויף ווי אַ קאַץ און לאָזט זיך אַראָפּ באַ זײַנע קני) פֿאַרוואָס, וואַניושאַ? פֿאַרוואָס?...

ס אָ ל אָ ו י י:

(קוקט אַף איר אַ ווײַלע מיט עקל, גיסט אָן אַ גלעזל בראַנפֿן, טרינקט אויס, שפּאַרט אַרײַן דעם קאָפּ צווישן די הענט און קוקט פֿאַרגליווערט אין טישל). קאַליאַ! (קאַליאַ קומט צו) אַ מיידל פֿאַר מיר ברײַנגען!... עפּעם רײַנעם!... (גיט אַ שליידער אָפּ פֿון זיך די ציגײַנערקע) עפּעם רײַנעם!... געהערט?...

ק אָ ל י אַ:

געהערט, וואַניאַ.... (רוימט עפּעס אַרײַן אײַנעם פֿון דער חברה אין אויער אַרײַן מיט אַ ממזרישן וואונק און גייט נאָכדעם איבער אַף הענער) גיב אַ קוק פֿאַר אײַנע הוצאות ווי עס האַלט מיט די פּאַטראָנען. די חברה האָט זיך צופֿיל צעשיכורט. מ׳קען אונדז איצט נעמען מיט היילע הענט...

(יענער מאַכט מיטן קאָפּ, אַז ער וועט דאָס אויספֿילן און אָפּ. קאַליאַ צוריק אַף זײַן אָרט. פּאַוזע. פֿון אַ קלייסטער ערגעץ הויבט זיך אָן אַ לאַנגזאַמער קלינגען).

ס אָ ל אָ ו י י:

(הויבט אויף דעם קאָפּ, הערט זיך צו אַ ווײַלע צום קלינגען, גיט מיטאַמאָל אַ שפּרינג אויף, גיט אַ מוראדיקן שניט מיטן פֿויסט אין טישל, אַז דער גאַנצער חדר גיט אַ ציטער אויף. דונערט אַרויס) ווער ט׳געוואַגט קלינגען אין די מעשן? באַ וועמען געפֿרעגט? און ווער געהייסן? (קיינער ענטפֿערט ניט). דעם פּאָפּ אַראָפּשיסן!... דעם קלינגער — מיט שאָמפּלען ביז טויט!... (לאָזט זיך אַראָפּ צוריק אַפֿן טישל, פֿאַרשטאָפּט די אויערן מיט די הענט, ווי עס האַלט אים געריסן אין קאָפּ פֿון דעם קלינגען. עט־לעכע פֿון דער באַנדע לויפֿן צו צו קאַליאַן, דער לעצטער זאָגט זיי עפּעס אָן. זיי אָפּ, קענטיק אויספֿילן סאָלאָוויס באַפֿעל. די איבעריקע ליגן אַ ווײַלע צערודערט, נאָכדעם קערן זיי זיך אום צוריק צו זייעריקעס).

די ציגיינערקע:

(טוליעט זיך צו צו סאָלאָווייען) נו, געננוג, וואַניושאַ... נו, צו וואָס אַזוי?... פאַרוואָס... דו היינט... אַזוי?... (סאָלאָוויי הערט איר ניט). ווען טאַנצן, וואַניושאַ, יאָ? (זי גיט אַ וואונק צו אירע חברטעס. גייען אַוועק אין טאַנץ מיט געזאַנג. דער קלינגען ווערט פארהלושעט פון געזאַנג. סאָלאָוויי נעמט אַראָפּ די הענט פון די אויערן, גיסט אָן בראַנפן, גיט אַ כאַפּ אַרויס די ציגיינערקע פון טאַנץ־ראָד פאַר אירע צעפּ, ברעכט איר איבער באַ זיך אף די קני, קוקט איר שאַרף אין די אויגן. דער טאַנץ ווערט אי־בערגעריסן. די ציגיינערקעס צעקריכן מיט שרעק צו זייעריקע).

סאָלאָוויי:

ניטאָ!... קיין זאַך ניטאָ!.. פאַלש, ווי דער קלינגען פון די גלע־קער!....

די ציגיינערקע:

(רייסט זיך פון אים) לאָז מיך!... לאָז!...

סאָלאָוויי:

(לאָזט איר ניט אָפּ, לאַכט ווילד, גיט איר אַ גלעזל בראַנפן) טרינק!... מיין אַז מ'איז פאַרליבט אין דיר!... וואו ס'איז ניטאָ קיין אנדער פרייד, זאָל לעבן דער יום טוב פון פאַרניכטונג!.. די פרייד פון צעשטערונג!... הורא!...

אַלע:

(גיט באַגרייפנדיק וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך) הורא!... הורא!... הורא!..

(סאָלאָוויי לאָזט אָפּ די ציגיינערקע. די ציגיינערקע שפּרינגט פון אים אָפּ, גיט מיט כעס אַ שמעטער די גלעזל אין וואַנט אַריין און מיט פאַרשטיקטע טרערן, שווער אָטעמענדיק, אָפּ. סאָלאָוויי קוקט איר נאָך, לאַכט ווילד, טרינקט אויס די בראַנפן. איינער פון דער באַנדע קומט אין שינעל, שאַש־קע און רעוואָלווער, ביקס פאַרוואָרפן אַפן רימען).

איינער פון דער באַנדע:

(צו קאָליאַן) געבראַכט.

קאָליאַ:

(סאָלאָווייען) געבראַכט...

סאָלאָוויי:

אַריינפירן אהער!...

ק אַ ל י אַ:

אַריינפירן אַהער!

(אַ קאַנוואַי פון סאַלאַוויס באַנדיטן פירט אַריין אַ גרופע אַנגעזעענע בירגער. סאַלאַוויי שטעלט אַוועק די גלעזל, גייט צו צו די אַרעסטירטע, קוקט זיי אָן אַ מינוט און גיט אָפּ אַ קאָמאַנדע).

ס אַ ל אַ ו ו י י:

שטעלן צום וואַנט! (דער פראָנט פון חדר ווערט אָפּגעליידיקט. די אַרעס־טירטע ווערן געשטעלט צום וואַנט. דער קאַנוואַי מיט די ביקסן שטעלט זיך אויס אין אַ שורה אַנטקעגן זיי בײַ דער אַנטקעגנדיקער וואַנט). נאַ איזגאָ־טאָווקו!.. (דער קאַנוואַי נעמט די ביקסן אין אַ פּאָזיציע צום צילעווען זיך) פּאַלי־באַ... שערענגאַ... שע־רענ־גאַ!... (די ביקסן ווערן אַנגעפירט מיט די העלדזלעך אויף די אַרעסטירטע. דער קאַנוואַי צילעוועט און וואַרט אויף דער לעצטער קאָמאַנדע צום שיסן. סאַלאַוויי קוקט שאַרף אויף די אַרעסטירטע און נאָך אַ קליינער פּאַוזע) סאַלאַוויי האָט נויטיק פאַר זיין אַטריאַד 20 מיליאָן רובל אין צאַרסקע!... האָט נויטיק 500 זעק האָבער, 50 וועגענער היי, 1000 זעקלעך מעל און 150 פערד!... וועט זיין אָדער ניט זיין? שע־רענ־גאַ!..

ד י אַ ר ע ס ט י ר ט ע:

(בלאַס קענען קוים אַ וואָרט אַרויסריידן) ז־ז־זיין... ז־ז־זיין...

ס אַ ל אַ ו ו י י:

נויטיק צו מאָרגן צען אינדערפרי!... ט׳זיין אָדער ניט זיין? העכער! שע־רענ־גאַ!...

ד י אַ ר ע ס ט י ר ט ע:

ז־ז־זיין.... ז־ז־זיין...

ס אַ ל אַ ו ו י י:

(גיט קאָמאַנדע צום קאַנוואַי) קנאַ־גי! (דער קאַנוואַי לאָזט אַראָפּ די ביקסן מיט די פּריקלאַדן אויף דער ערד). דעם רב מיט דעם גבאי אַרויסלאָזן — אויס־

נאַ איזגאָטאָווקו, פּאַליבאַ שערענגאַ, שע־ר־ר־ענגאַ — מיליטערישע קאָ־מאַנדע אין דער געוועזענער צאַרישער אַרמיי, וואָס באַצייכנט די פאַרשיידענע פּאָזיציעס פון ביקס אין האַנט פון סאָלדאַט בײַם צוגרייטן צום שיסן. דער לאָמעד און דער יוד אין דעם וואָרט פּאַליבאַ לייענט זיך ווי אַ ווייכער לאָמעד.

פיכן דאָס אַלץ! הייליקע מענטשן, וועט גאָט אונטערהעלפן. די איבע־
ריקע פאַרשפּאַרן! (צום רב און צום גלח) צו צען אַזייגער! איין מינוט
שפּעטער — צעשאָסן ווערן ווי די הינט און אַלץ — מיטן פייער
ביזן לעצטן פּלעקל!... אַרויספירן זיי!.. (די אַרעסטירטע ווערן אַרויס־
געפירט. חברה פון דער באַנדע לאַכט. סאַלאָווויי לאָזט זיך אַראָפּ אפן שטול
לעבן טישל, גיסט אָן אַ גלעזל בראַנפן און קוקט פאַרגליווערט אין טישל.
איינער פון דער באַנדע קומט און זאָגט עפּעס קאַליאַן אין דער שטיל. קאַליאַ
גייט צו צו סאַלאָווייען און שושקעט אים עפּעס אַריין אין אויער).

ס אָ ל אָ ו ו י י:

(צו אַלעמען) אַרויסוואַרפן זיך פון דאַנען!

ק אָ ל י אַ:

אַרויסוואַרפן זיך!...

(אַלע גייען אַרויס. איין סאַלאָווויי בלייבט. פאַררויכערט. קליינע פּאוזע.
מ'שטויסט אַריין אַ מיידל פון אַ יאָר דריי־פיר און צוואַנציק און מען
פאַרמאַכט הינטער איר די טיר. די מיידל איז ווייס ווי קאַלך. בלייבט
שטיין באַם טיר. סאַלאָווויי רויכערט, באַטראַכט איר. די מיידל האַלט זיך
צוריק. די הענט אין די קעשענעס פון איר קורצן לעדערנעם פּעלצל.
היט יעדע באַוועגונג זיינע. סאַלאָווויי הויבט זיך אויף, נעמט דעם שטול,
שטעלט אים אַוועק אין מיטן פון חדר און לאָזט זיך אַראָפּ אַף אים
רייטנדיק, מיטן פּנים צו דער מיידל).

ס אָ ל אָ ו ו י י:

נו? (די מיידל טרעט אָפּ אַף הינטער, טיפער אין ווינקל). כאַ־כאַ־כאַ־
כאַ־כאַ!... באַהאַלטן זיך? וואוהין באַהאַלטן זיך? כאַ־כאַ־כאַ!...
דו ווייסט ווער איך בין? דער בארימטער סאַלאָווויי אַליין! פאַר־
שטאַנען? פון אים קען מען זיך ניט באַהאַלטן!.. (גיט אַ הויב דעם
שטול, גיט אים אַ רוק נעענטער צו דער מיידל און לאָזט זיך ווידער אַראָפּ
רייטנדיק. די מיידל טרעט אָפּ אין סאַמען ווינקל. סאַלאָווויי לאַכט ווידער,
זיצט אַ ווײַלע, נאָכדעם הויבט ער זיך אויף נאָכאַמאָל איבערצורוקן דעם שטול.
אין דעם מאָמענט גיט אַ בלישטש באַ דער מיידל אין האַנט אַ קליינער רע־
וואָלווער און צוויי פייערלעך שלאָגן אַרויס פון דער מעטאַלענער העלדזל. סאַ־
לאָווויי לאָזט זיך אַראָפּ אַפן שטול. זיצט רואיק. קיין אבר גיט באַ אים
ניט קיין ריר. זי זעט, אַז ניט געטראָפן און דער צינגל פון רעוואָלווער קלאַפּט
אַף פּוסט. זי זוכט מיט ציטערנדיקע הענט אין רעוואָלווער די סיבה פאַרוואָס

ער שיסט ניט. געפינט ניט מער קיין קוילן אין אים. אין ערשטן מאָמענט פארלירט זי זיך, אָבער גלייך נעמט זי זיך אין די הענט, גיט אַ וואָרף אָפּ פון זיך דעם רעוואָלווער, רוקט אריין די הענט אין די קעשענעס און וואַרט אָנגעשטריינגט. סאַלאָווייִ לאַכט זיך פונאַנדער) שלעכט, טייבעלע!... זייער שלעכט!... אין פינף נעסטן בלויז צוויי קוילן און פון די צוויי קוילן קיין איינע ניט געטראָפן!... (נעמט ארויס זיין רעוואָלווער און שטעקט אים אויס מיטן הענטל צו דער מיידל) נאַ, נעם! פּרואוו נאָך!.. (די מיידל רירט זיך ניט פון אָרט). מורא?

די מיידל:

(גיט אַ טרייסל מיט איר קאָפּ האָר). ניין, שוין ניט מורא מער!...

סאַלאָווייִ:

ביסטו אַ מאָלאַדטשינע. (באַהאַלט דעם רעוואָלווער). גיי טרינק אויס אַ גלעזל בראַנפן!... געדענק איין זאַך: קיינמאָל ניט מורא האָבן!.. צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט, איין מאָל מוז מען!...

די מיידל:

איך טרינק ניט.

סאַלאָווייִ:

טרינקסט ניט? — האַ־אַ! ווילסט אונטער אַלע אומשטענדן זיין ניכטער?...

די מיידל:

אונטער אַלע אומשטענדן.

סאַלאָווייִ:

דו ווייסט צוליב וואָס מ'האָט דיך אהער געבראַכט?

די מיידל:

(מאַכט מיטן קאָפּ אַף ניין).

סאַלאָווייִ:

טאָ טו זיך אויס, וועסטו וויסן. (די מיידל טוט אויס דעם לעדערנעם פעלצל). דאָס איז באַ מיר ניט אויסגעטאָן! טו זיך אויס, טו זיך אויס!... (די מיידל רירט זיך פון אָרט ניט. סאַלאָווייִ מיט מערדער־שטים, אַז אַלץ גיט אַ ציטער ארום) אויסטאָן זיך, האָב איך געזאָגט!... (די מיידל שטייט אַ מינוט פארגליווערט, נאָכדעם פאַרבייסט זי די ליפּן און הויבט זיך אָן אויסצוטאָן מיט אַ מאָדנעם מאַשינאַלן אימפּעט, אָפּשליידערנדיק פון זיך מיט כעס יעדע אויסגעטאָנענע זאַך. אַז זי איז דריי פערטל אויסגעטאָן,

גיט איר סאָלאָווײ אַ כאַפּ און ברעכט איר איבער אין זײַנע הענט. די מײדל װײזט ניט קײן װידערשטאַנד, איז אָבער אויסערגעװײנטלעך פאַרביסן. סאָלאָ־ װײ קוקט איר אַ מינוט זײער שאַרף אַרײַן אין די אויגן און גיט איר אַ שלײדערט אָפּ פון זיך) טו זיך אָן און גײ אַהײם!.. (די מײדל קוקט אים אָן אומפאַרשטענדלעך. גלויבט אים ניט. סאָלאָװײ מיט כעס) אָנטאָן זיך און גײן אַהײם, האָב איך געזאָגט! (די מײדל טוט זיך אָן. סאָלאָװײ זעצט זיך רײטנדיק אַפּן שטול, רויכער און נעמט פון איר די אויגן ניט אַראָפּ. זי גײט אַרויס. ער קוקט איר נאָך. פּאוזע. ס'דערהערן זיך אירע קולות פון יענער זײַט טיר. סאָלאָװײ שפּרינגט אויף און גיט אַ ריס אויף די טיר) װער ט'גע־ װאַגט אָנצורירן? װער ט'געװאַגט? לאָזן דורכגײן! אָדער — ברײנגט איר צוריק אַהער אַרײַן!... (מ'שטופּט די מײדל אַרײַן צוריק אין חדר און מ'פאַרמאַכט הינטער איר די טיר. זי איז בלאַס. בלײַבט שטײן באַם טיר. סאָלאָװײ גיסט אָן אַ גלעזל בראַנפן. טרינקט) ד'װעסט זיך איצט אַהײם ניט דערקלײַבן... (די מײדל קוקט זײער שאַרף אַף סאָלאָװײען, װי זי װאָלט װעלן קלאָר װערן אין דעם אמתן מײן פון זײַנע האַנדלונגען). ס'איז פאַר דיר אויסצוקלײַבן: גײן איצט, אָדער בלײַבן מיט מיר ביז פרימאָרגן... דײַן פרײַער אויסװאַל...

די מײדל:

(נאָך אַ קלײנער באַדענקונג) כ'װעל בלײַבן מיט אײַך. (טוט אויס דעם לעדערנעם פּעלצל, לײגט אים אַװעק אַפּן װענטל פון בעט, פאַרװאַרפט איר קאָפּ האָר אף הינטער) אַ פּאַפּיראָס װעט איר דאָך מיר געבן?

סאָלאָװײ:

געבן.

די מײדל:

און אַ גלאָז װאַסער?

סאָלאָװײ:

אויך.

די מײדל:

טאָ גיט אַ פּאַפּיראָס. (סאָלאָװײ גיט איר אַ פּאַפּיראָס און פײער. די מײדל פאַררויכערט, פאַרציט זיך) און איצט אַ גלאָז װאַסער, אויב מעגלעך.

סאָלאָװײ:

מעגלעך. (שרײַט אַרײַן אין טיר) אַ גלאָז װאַסער!

(מע טראָגט אַריין וואַסער. סאָלאָוויי דערלאַנגט איר. זי טרינקט אויס, פאַרציט דעם פּאַפּיראָס, קוקט אַ ווײַלע שאַרף אָן סאָלאָווייען, נאָכדעם גיסט זיך איר פּנים איבער אין אַ ליכטיקן שפּילעוודיקן שמייכל).

די מיידל:

איר ווייסט פאַרוואָס איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן מיט אייך?

סאָלאָוויי:

לאָמיר הערן.

די מיידל:

ערשטנס און פריער פאַר אַלץ דערפאַר, ווייל דאָ איז וואַרעמער; און איך וואָלט געזאָגט, אַז אויך זויבערער... (סאָלאָוויי גיט אַ קוק אַף דער אָנגעוואָרפנקייט און שמוץ אַרום. כאַפּט איר שטאָך).

סאָלאָוויי:

און?

די מיידל:

און צווייטנס דערפאַר, ווייל ס'וועט זיין אינטערעסאַנט אָנצוקוקן דעם פירער פון אַן אַטריאַד. אַ פירער — דאָס איז וויסן, געזונטער קלאָרער פאַרשטאַנד, מוט, קאַלטבלוטיקע אויסגערעכנטקייט, אייזערנער ווילן און שטאַלענע באַגרענצונגס־קראַפט; אַ גאַנצער שטאַב צונויפגעפרעסט אין איין שאַרבן, אין איין נערוון־סיסטעם. אינטערעסאַנט צו זען, וויפיל אָפּנויגונגען מיין אָנוועזנהייט קען אריינטראָגן אין דער אַרבעט פון דעם שטאַב...

סאָלאָוויי:

ניט שלעכט. ווי רופט מען דיך?

די מיידל:

רופט מיך מאַניא.

סאָלאָוויי:

אַ שיינער נאָמען...

די מיידל:

אַזוי... ניט שיין, ניט מיאוס. אַ געוויינלעכער נאָמען...

סאָלאָוויי:

אַ היבשע שטוקע אונטער דעם נאָמען...

די מיידל:

אף אלע ריפּן.

סאָלאָוויי:

אף אלע ריפּן? (קוקט איר אָן מאָדנע) ריפּן?

די מיידל:

ריפּן.

סאָלאָוויי:

ריפּן?

די מיידל:

אייך פעלן דריי ריפּן.

סאָלאָוויי:

דריי...

די מיידל:

צוויי שראַפּנעלן אין רעכטן אַקסל.

סאָלאָוויי:

צוויי שראַפּנעלן...

די מיידל:

די לינקע ברוסט דורכגעשאָסן?

סאָלאָוויי:

דורכגעשאָסן...

די מיידל:

דער גאַנצער פּנים צעשטשערבעט פון א האַנט־גראַנאַט...

סאָלאָוויי:

פון א האַנט־גראַנאַט...

די מיידל:

ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען סאָלאָוויי אַליין! (מיט לייכטער איראָניע) דער גרויסער סאָלאָוויי אַליין!... א שאָד, ניט געוואוסט!...

סאָלאָוויי:

ניט געוואוסט?... (זוכט צו פאַרשטיין).

די מיידל:

באַרימהאַרציקייט איז פון דער נאַטור אוים בלינד. קעמפט פאַר־ביטערט מיטן טויט פאַר יעדן פונק לעבן... און גאַנץ אָפט פאַר א לעבן, וואָס איז פאַרמאַסטן קעגן די סאַמע וואָרצלען פונם לעבן....

ס אָ ל אָ ו ו י י :

ווי איז דיין אמתער נאָמען ?

ד י מ י י ד ל :

מאַניאַ.

ס אָ ל אָ ו ו י י :

מאַניאַ... מאַניאַ... (זוכט אין זכרון. דערמאָנט זיך) דו — יענע באַרימהאַרציקע שוועסטער ?... אין לאַזאַרעט בײַ די רויטע פאַראיאָרן ?...

ד י מ י י ד ל :

אין לאַזאַרעט. בײַ די רויטע. פאַראיאָרן. געזעסן לעבן אייך...

ס אָ ל אָ ו ו י י :

(אין טיר) געזאַנג !.. טענץ !.. וויין !.. (צו דער מיידל) דאָס איז אַ באַגעגעניש !.. כאַ־כאַ־כאַ !... דאָס איז אַ באַגעגעניש !... געזאַנג !... טענץ !... וויין !...

ד י מ י י ד ל :

בלויז טיי. אָדער — גיט געזאַנג און טענץ אויך... לאָמיר מיר זען, ווי עס פאַרברייננגט דער גרויסער סאָלאָוויי אַליין...

ס אָ ל אָ ו ו י י :

(אין טיר) בלויז טיי ! (גיסט אָן אַ גלעזל בראנפן. טרינקט אויס) אין אָרטיקן לאַזאַרעט ?

ד י מ י י ד ל :

אין אָרטיקן.

ס אָ ל אָ ו ו י י :

(מיט איראָניע) נאָך אַלץ אויפן פּאָסטן פון צעקראַכענער באַרימהאַרציקייט ?

ד י מ י י ד ל :

נאָך אַלץ אין שטענדיקער מלחמה פאַר יעדן פונק לעבן.

ס אָ ל אָ ו ו י י :

אויפן גרענעץ צווישן לעבן און טויט ?

ד י מ י י ד ל :

אויפן גרענעץ.

ס אָ ל אָ ו ו י י :

אַ סך נצחונות ?

ד י מ י י ד ל:

זייער א סך.

ס אָ ל אָ ו ו י י:

מיט רעוואָלווער און פּאַטראָנעס?...

ד י מ י י ד ל:

באַרימהאַרציקייט מוז איצט אַרומגיין באַוואָפנט... אַ שאָד, וואָס די האַנט איז ניט אַלע מאָל געגוג רואיק באַם שיסן, און די אויג — היבשלעך בלינד...

ס אָ ל אָ ו ו י י:

און וואָס בלינד?

ד י מ י י ד ל:

אין אָפּקלייב. דאָס, וואָס מוז אַרויסגעפירט ווערן צום לעבן, פון דאָס, וואָס דאַרף אָפּגעטויט ווערן...

ס אָ ל אָ ו ו י י:

קענסט רייטן אַף אַ פערד?

ד י מ י י ד ל:

כ׳קען.

ס אָ ל אָ ו ו י י:

וואָס איז וועגן — אַף אַ ווייסן שוימיקן פערד אין מיין אַטריאַד? מיין פעלדשער האָט מען אונטערגעשאָסן... שוין לאַנג געזוכט פאַר אַזוינס...

ד י מ י י ד ל:

מיין פרייער אויסוואַל?

ס אָ ל אָ ו ו י י:

(נעמט איר אָרום פריינדלעך) ס׳וועט דיר זיין גוט ווי די וועלט. און קיין זיכערער אָרט ווי באַ מיר, איז איצט ניטאָ...

ד י מ י י ד ל:

מיין פרייער אויסוואַל, צי דער מוז פון אַ באַפעל?

ס אָ ל אָ ו ו י י:

דערווייל דיין פרייער אויסוואַל. שפּעטער קען קומען אַ באַפעל...

ד י מ י י ד ל:

(מיט שמייכל) איכ׳ל וואַרטן אַפן באַפעל...

ס אָ ל אָ ו ד י י :

(לאָזט איר אָפּ. אָנגעצונדן, אָבער איינגעהאַלטן) מיין אַטריאַד דיר ניט צום הארצן?

ד י מ י י ד ל :

(מאַכט מיטן קאָפּ אַף ניין).

ס אָ ל אָ ו ד י י :

און די רויטע?

ד י מ י י ד ל :

נעענטער.

ס אָ ל אָ ו ד י י :

אַ זייעריקע?

ד י מ י י ד ל :

אַף וויפיל באַרימהאַרציקייט איז נאָענט צו רויט...

ס אָ ל אָ ו ד י י :

מיט וואָס?

ד י מ י י ד ל :

רויט איז — בלוט, לעבן...

(איינער פון זיינע מענטשן ברייגנט טיי און שטעלט אַפן טישל).

ס אָ ל אָ ו ד י י :

(רופט) קאָליאַ! (קאָליאַ קומט). דו וועסט זען, מ'זאָל צוגרייטן פאַר איר דעם וויסן פערד מיט דעם גענעראַלס טאַבטערס זאָטל. (ווייזט אַף דער מיידל) אונדזער נייער פעלדשער!... געזעסן באַ מיין בעט אין לאַזאַרעט באַ די רויטע. איר פרייער אויסוואַל צו פאָרן מיט אונדז...

ק אָ ל י אַ :

(פאַרנויגט זיך פאַר דער מיידל). דאָס וואָס אונדז פעלט איצט...

(מאַן, וואָס געבראַכט טיי, אָפּ).

ס אָ ל אָ ו ד י י :

געדענק — דעם וויסן פערד!

ק אָ ל י אַ :

מעגסט זיין זיכער... (אָפּ).

ס אָ ל אָ ו ד י י :

(צו דער מיידל) געהערט?

ד י מ י י ד ל:

באפעל.

ס אָ ל אָ ו ו י י:

(מיט לייכטן קיבעץ) איצט לאָמיר הערן, פאַרוואָס דו האָסט פריי אויסגעקליבן דווקא מיין אָטריאַד?

ד י מ י י ד ל:

(שטעכיק) ווייל איך בין גוואַלטיק באַגייסטערט פאַר דעם עמבלעם פון אייער אָטריאַד. (ווייזט אָפן פאָן מיטן עמבלעם, וואָס היינגט אָפן וואַנט) אַ שאַרבן מיטן שפּיץ מאָרדע אָנגעשפּאַרט אַף אַן איבערקרייץ פון צוויי ביינער, אויסגענייט מיט ווייס אַף שוואַרצן סאַמעט; עמבלעם פון פאַרניכטונג, עמבלעם פון טויט!... עמבלעם — פון אַ היינט אָן אַ מאָרגן!.. — קען זיין עפּעס שטאַרקערעס, עפּעס מער זיכערעס פון דעם?

ס אָ ל אָ ו ו י י:

ניט באַגייסטערט פאַר מיין עמבלעם?

ד י מ י י ד ל:

ניט שטאַרק...

ס אָ ל אָ ו ו י י:

דעם היינט פאַר דעם מאָרגן?...

ד י מ י י ד ל:

פאַרניכטונג אַף אַזוי פיל, אַף וויפיל ס'איז נויטיק דער אָרט פאַרן מאָרגן...

ס אָ ל אָ ו ו י י:

און דער מאָרגן פאַר וועמען?

ד י מ י י ד ל:

פאַר אונדז און פאַר די, וואָס נאָך אונדז...

ס אָ ל אָ ו ו י י:

זעסט אָט־די־אָ האַנט? (הויבט אויף די רעכטע האַנט אינדערהויך) אַמאָל האָט זי מיט פאַרב און פּינזל באַזונגען די שיינקייט פון דער נאַטור ארום אונדז; פאַרהייליקט די שאַפונגס־פייערן פון דער מענטש־לעכער נשמה און באַוואונדערט די מאָנומענטאַלקייט פון די שטאָלן אין דער געניאַלער האַרמאָניע פון דער וועלט־סטרוקטור. אומברחמנות־דיק האָט זי מיט אַ שאַרפן קרייץ איבערגעשטראָכן און אויסגע־

שטראָכן (לייגט אַ צלם און שטרייכט זיך איבער מיט אַ צווייטן) קאָפּ און האַרץ, פאַרן קאַלטנער אַנגענומען און אין אַ פאַרבן־תּפֿילה מיך אָראָפּגעבראָכן אַף די קני פֿאַר דעם באַשעפֿער פֿון דעם גרעסטן וואונדער, פֿאַר דעם באַשעפֿער פֿון דער וועלט, און פֿול מיט האָפֿע־נונג און גלויבן אויסגעכישופט די ליכטיקסטע און גליקלעכסטע חלומות פֿאַר אונדזער מאָרגן. נאָכדעם — האָט מען אין אָט־אָ־דער־אַ האַנט אַריינגעשטעקט (כאַפּט אַרויס זיין שווערד פֿון שייד, וואָס הייגט אַפּן וואַנט) אַ שווערד און געצוואונגען האַקן!.. (מאַכט באַוועג־גונגען מיטן שווערד, ווי ער וואָלט געהאַקט) קעפּ, לעבנס, היילי־קייטן, חלומות, געטער, היינטן, מאָרגנס, צוקונפֿטן!... אַלץ האָט די שווערד געהאַקט, צעהאַקט, צעשמעטערט און פֿאַרניכטעט!... געבליבן איז די האַנט, וואָס איז צוגעוואוינט צום האַקן; וואָס האַקט אַליין, וואָס קען קיין אַנדער זאַך מער ניט טאָן!... הונדער־טער, טויזנטער, מיליאָנען אָזעלכע הענט!.. גרינע, בלויע, רויטע, ווייסע!... פֿון אַזעלכע היינטן וואַקסן טויטע מאָרגנס!.. אָפּלייגן אַף מאָרגן, מיינט אָנווערן אויך דעם היינט!... (שטעקט אַריין צוריק די שווערד אין שייד).

די מיידל:

פֿאַרניכטונג איינגעשפּאַנט אין די ציגן פֿון רעוואָלוציע, איז אַ מעכטיקער פֿאַקטאָר אין עפֿענען נייע גליקלעכע האָריזאָנטן; פֿאַר־ניכטונג אַרויסגעריסן פֿון אַלע געשפּאַנען, איז אַ ווילדן געלויף, אָן אַ וואוהין און אָן אַ צוליב וואָס — פֿאַרמשפּט צו אַ זייער קורצן היינט, אָן אַ וועלכן ניט איז מאָרגן...

סאָלאָודיי:

עסן?

די מיידל:

אַ דאַנק. דאָס לעבן האַקט אָפּ איר געלויף, ווי די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַ וואונד די געזונטע צעלן פֿון אַ לעבעדיקן קערפּער... (ס'דער־הערט זיך אַ מוראדיקע שיסעריי פֿון דרויסן. די שויבן שיטן זיך אַרויס. סאָלאָוויי און די מיידל ציען זיך אויס אַפּן דיל).

ס אָ ל אָ ו ו י י :

ביידע אונטערן זעלביקן פייער... דער היינט מיטן מאָרגן... (שרייט אויס) פּאָליעמיאָטן אַהער! (כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער. קאַליאַ פּויזעט אַריין. היגטער אים פּויזען מענטשן מיט מאַשין־ביקסן). אויסלעשן דאָס ליכט און די פּאָליעמיאָטן — אין די פענצטער!

(סאָלאָוויי שפּרינגט צו צום פענצטער. מ׳לעשט אויס דאָס ליכט און מ׳שטעלט אַרויס די מאַשין־ביקסן אין די פענצטער).

ק אָ ל י אַ :

די רויטע האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן...

ס אָ ל אָ ו ו י י :

אַרויסשטעלן פּאָליעמיאָטן אַפן בוידים און אַף די אַרומיקע דעכער!.. גיב זיך אַ ריר!... (קאָליאַ לויפט אַרויס איינגעבויגן. סאָלאָוויי — צו די מענטשן באַ די מאַשין־ביקסן). ניט שיסן... צולאָזן זיי נאָענט... (צו דער מיידל) און דו רוק זיך צו נעענטער צום וואַנט, וועט זיכערער זיין דיין באַרימהאַרציקייט און דיין חלום וועגן אַ ליכטיקן מאָרגן!... (די שיסעריי אין דרויסן הערט אויף. סאָלאָוויי קוקט פאַרזיכטיק אַרויס פון פענצטער) זיי גייען פון אַלע זייטן... פון אַלע זייטן... לאָזן צוגיין... אָט אַזוי... ניט מורא האָבן... אָט אַזוי.... אָט אַזוי.... שיסן רואיק און זיכער... וואַרטן אַף מיין קאָמאַנדע... (קליינע אָנגעשטריינגטע פּאַוזע. די באַלייכטונג ווערט אָנגעהאַלטן פון דעם ווייטן אָפּבליאַסק פון שריפות אין דרויסן. סאָלאָוויי גיט אָפּ קאָמאַנדע) פּ־פּ־פייער!.. (די מענטשן הויבן אָן צו שיסן פון די מאַשין־ביקסן. פון דרויסן ווערט געגעבן אַ מוראדיקער ענטפער. סאָלאָווייס מענטשן פאַלן טויט פון קוילן. סאָלאָוויי פאַרנעמט דעם אָרט פון דעם ערשטן געפאַלענעם באַם מאַשין־ביקס. ער שיסט אָן אויפהער). באַרימהאַרציקייט, שוועסטערל!... (די מיידל פּויזעט צו צו איינעם פון די געפאַלענע און נעמט באַ אים אַרויס דעם רעוואָלווער). באַרימהאַרציקייט, שוועסטערל!... (שרייט דורכן פענצטער) איר זייט נאָך מיט סאָלאָווייען ניט פאַרטיק!... מיר וועלן זיך נאָך זען!... איר וועט סאָלאָווייען געדענקען!... אייער גאַנצן לעבן געדענקען!... (וואַרפט דעם מאַשין־ביקס און לאָזט זיך לויפן צום טיר. די מיידל שיסט אים אַריין דעם גאַנצן רעוואָלווער קוילן. סאָלאָוויי פאַלט). ד־ד־דו ג־ג־געש־שאָסן?...

ד י מ י י ד ל :

איך.

ס אָ ל אָ ו ו י י :

ג־ג־גוט... ג־ג־געטר־ראָפן... ב־ב־באַרימהאַר־רציקע... ק־ק־קאַנ־נ־נאַליע...

ד י מ י י ד ל :

זייער געוואָלט טרעפן...

ס אָ ל אָ ו ו י י :

ג־ג־געטראָפ־פן...

ד י מ י י ד ל :

(פויזעט צו צו סאָלאָווייען) גליקלעך וואָס געטראָפן.

(די שיסערייַ אין דרויסן הערט אויף. די מיידל טוט אָן רויט־קרייץ באַנד אַפן אָרם).

ס אָ ל אָ ו ו י י :

ב־ב־באַר־רימהאַר־ר־רציק־ק־קייט...

ד י מ י י ד ל :

אמתע. טויזנטער וויכטיקער פון איינס... (סאָלאָוויי טויט). אמתע...

(פ אָ ר ה א נ ג).

ניו יאָרק, 1935.

באַדערנאַכט

דראַמע אין 1 אַקט.

פערזאָנען:

די מיידל.
אַלטע פּראָסטיטוטקע.
פרוי אין די דרייסיקער.
מאַן אין ברילן, איר מאַן.
מאַן אין לאָמבערדזשעקעט.
מאַן אין אָוועראָלס.
מאַן מיט טרערנדיקער אויג.
מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים.
מאַן מיט צעריסענעם רעקל.
דער אויסגעדאַרטער.
דער ערשטער.
דער צווייטער.
דער דריטער.
דער פערטער.
דער פינפטער.

אַרבעטסלאַזע פון ביידע טרעינס, סאָבוויי־גוואַרדס, קאָנדוקטאָרן.

ד י ב י נ ע.

וואַגאָן פון סאָבווי. דריי אַזייגער באַנאַכט. אַרבעטסלאָזע שלאָפן אין פאַרשיידענע זיצנדיקע און האַלב ליגנדיקע פּאָזעס. ס׳הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די רעדער און אַ קרענקלעכער שנאָרכען פון די שלאָפנדיקע. איינציקע פייערלעך לויפן פאַרביי די פענצטער. דער טרעין שטעלט זיך רעגלמעסיק אָפּ באַ די סטאַנציעס. די טירן עפענען זיך אָפּ, פארמאַכן זיך און דער טרעין גייט ווייטער.

די מיידל:

(אין טאַקט צום קלאַפּן פון די רעדער, אַפּריער שטיל, נאָכדעם אַלץ העכער און העכער) הונגער — אַפּגרונט !.. הונגער — אַפּגרונט !... הונגער — אַפּגרונט !.. הונגער — אַפּגרונט !... (שפּרינגט אויף מיט אַן אי־בערגעשראָקענעם אויסגעשריי און ברייט־אויפגעריסענע אויגן, ווי זי וואָלט פּאַר זיך פּלוצלונג דערזען אַ מוראדיקן תהום. אַלע כאַפּן זיך אויף צעשראָקן). אַפּגרונט !... אַפּגרונט !... (גיט זיך אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פּאַרן קאָפּ און מיט גוואַלדן) לאָזט מיך !... לאָזט מיך !... לאָזט מיך !... (גיט זיך אַ וואָרף צו אַ טיר און הויבט אין איר אַן קלאַפּן מיט ביידע פויסטן) לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען !... לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען !...

מאַן אין אָוועראָלס:

(גייט צו צו דער מיידל און נעמט איר אַן פּעסט באַ די הענט) דו קענסט ניט אַרויסגיין איצט. וואַרט אַף אַ סטיישאַן.

די מיידל:

(רייסט זיך פון אים) לאָזט מיך !... איך קען מער ניט !.. איך קען מער ניט !...

מאַן אין אָוועראָלס:

וואוהין ? אין דרויסן — קאַלט : ס׳שנייט און עס שטורעמט... וואוהין ? די וואָס שרייען אַזוי אין מיטן דער נאַכט, האָבן ניט וואוהין צו גיין. נעם צונויף די נערוון, פאַרשטשעמע די ציין און זיץ רואיק אַף דיין אָרט. שטער ניט אויסצושלאָפן זיך. דעם לעצטן ניקל אָוועקגעגעבן פאַר א ביסל ליכט און וואַרעמקייט... (פירט איר אָפּ אַף איר אָרט. די מיידל קוקט אים אַ ווײַלע אָן מיט שרעק, ברעכט אויס אין געוויין, פאַרשטיקט אים גלייך און נורעט זיך אײַן אין קאָלנער פון איר זור־מערדיקן מאַנטעלע, ווי פאַרקלעמט פון אַ טיפן ווייטיק. מאַן אין אָוועראָלס באַטראַכט איר אַ ווײַלע און קערט זיך אום אַף זיין פריערדיקן אָרט. פּאַוזע. קלאַפּן פון די רעדער).

מאַן אין צעריסענעם רעקל:

(הויבט זיך אויף מיטאַמאָל, פאַרביטערט) פאַרוואָס?... פאַרוואָס?... פאַרוואָס זיי, — דאַרטן אויבן, — זאָגט, אין וואַרעמע בעטן און מיר דאָ — דורך אַזעלכע שווערע נעכט?... ניט געגעסן... ניט געטרונקען... הייל... נאַקעט... פאַרוואָס?...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

(שפּרינגט צו צום מאַן אין צעריסענעם רעקל און גיט אים אַ זעץ אין ברוסט, אַז דער לעצטער פאַלט אַפּן באַנק, קרימט איבער) פאַרוואָס? פאַרוועגן? פאַרוואָס ווייל ער ווייסן!... וואָס נאָך ווילסטו וויסן?...

מאַן אין אָוועראָלס:

(כאַפּט אָן די האַנט פונם מאַן אין לאַמבערדזשעקעט, וועלכע איז אָנגעדראָעט נאָך צו שלאָגן) מיט העגט, ברודערל, קריכט מען דאָ ניט!.. אויב דו ווייסט זיי ניט ווי צו נוצן אויבן, שטעק זיי אַריין טיף אין דער ערד, איידער דו פויזעסט אַראָפּ אהער אַף דער נאַכט!... געהערט?...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

(גיט אַ ריס אַרויס זיין האַנט) ניט דיינע ביזנעס!...

מאַן אין אָוועראָלס:

דאַרטן נוץ זיי!... דאַרטן!... אויבן!...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

דאַרטן?... אויבן?... צוויי פויסטן אויבן?... מ־מ־כע!... (שרייט אַריין אין פּנים דעם מאַן אין אָוועראָלס) מיליאָנען פויסטן זענען נויטיק!... מיליאָנען!... פאַרשטאַנען?... מיליאָנען!... און אַט וואוהין זיי קריכן אַראָפּ, די פויסטן!... (ווייזט מיטן האַנט אַף אַלעמען אַרום) און ווילן נאָך וויסן — פאַרוואָס? און פאַרוועגן?... קענסטו ניט אויפהויבן די פויסטן אַזוי, אַז אַלע זאָל אויפגעצייטערט ווערן — ליג איינגעגראָבן און פרעג ניט קיין קשיות!.. נעם אַראָפּ דיין העט (אַנטבלויזט זיין קאָפּ) פאַרנויג זיך אַף אַלע פיר זייטן (פאַרנויגט זיך אַלע פיר זייטן), לאָז זיך אַראָפּ אַף די קני, ווי פאַרן הויליקן בילד אין טשווירטש (שטעלט זיך אַף די קני) און דאַנק (צלמט זיך) פאַר דעם נאַכט־האָטעלכל פאַרן אויסגעבעטלטן ניקל!... (הויבט זיך אויף, גיט מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי אויס אַף אַלעמען און זעצט זיך צוריק אַף זיין אָרט).

(אַלע לאָזן אַראָפּ די קעפּ, שווייגן. מאַן אין אָוועראָלס בלייבט שטיין, ווי אָפּגעשמיסן. ער קערט זיך אום אַף זיין אָרט און לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ).

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי־כי־כי! כו־כו־כו!...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:
(שפּרינגט אויף אָנגעצונדן, מיט הענט פאַרקנוילט אין פויסטן) פון וועמען האָסטו געלאַכט?

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:
(דערשראָקן) פון ק־ק־קיינעם ניט... פון זיך לאַך איך.... פון ז־ז־זיך אַליין...

(מאַן אין לאָמבערדזשעקעט קוקט אָן דעם מאַן מיטן אויסגעקרימטן פּנים, ווי וועלנדיק אַרויסלייענען פון אים, צי ער מיינט עס. און ווי איבערצייגט, אַז דאָס קוקט אויס צו זיין אמת, לאָזט ער זיך אַראָפּ אַף זיין פּלאַץ. אָנגעשטריינגטע שווערע פּאוזע. קלאַפּן פון די רעדער).

פרוי אין די דרייסיקער:
(ווי צו זיך) אַ קינד... ווי אַזוי קענען מיר זיך דערלויבן אַ קינד? טעג אין דער ריי נאָך אַ שטיקל ברויט... נעכט אין סאַבוויי... פאַר וועמען אַ קינד?... אַ קינד פאַר אַזאַ לעבן...

מאַן אין ברילן:
(צו דער פרוי אין די דרייסיקער) פּליז... צו וואָס דאַרפן אַלע וויסן?...

פרוי אין די דרייסיקער:
(מיט טרערן) מיר האָבן קיין רעכט ניט צו ברענגען אַ קינד אין אַזאַ לעבן!... מיר האָבן קיין רעכט ניט!...

מאַן אין ברילן:
פּליז...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי־כי! כו־כו־כו!...

פון אַלע זייטן:
(אָנגעצונדן) שאַראַפּ!...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:

(הויבט זיך אויף און קלאַפּט אין ברוסט, טרערן אין קול) פון זיך לאַך איך!... פון זיך אַליין לאַך איך!.. פון זיך!... ביזן לעצטן טראָפּן כח ארויסגעקוועטשט פון זיך!... ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געלעבט!... אַלץ אָפּגעלייגט אַף שפּעטער!... יעדע פּענע אין די בענק געטראָגן.... געקליבן פאַרן מאָרגן!... און אָט איז ער דער מאָרגן!... אַרומגעפּלינדערט!... מיינע מאָרגן־פאַרזיכערער אַרומ־געפּלינדערט מיך!... הייל... נאַקעט... עלנט... הונגעריק!.. פון זיך לאַך איך!... פון זיך!... (לאָזט זיך אַראָפּ אַף זיין אָרט, ווישט טרערן) כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי־כי! כו־כו־כו!...

(שווערע פּאוזע).

מאַן אין ברילן:

(ווי פאַרזיך). דאָס לעבן!... דאָס לעבן שטאַרקער פון אונדז... האַלט... מיט אייזערנע צוואַנגען האַלט דאָס... צווינגט אָנצוהאַלטן דעם פאָדים... שפּינען אים ווייטער!... מיר, וואָס קענען אַליין ניט עקזיסטירן, מוזן נאָך צוטראָגן אונדזער לעבעדיקן רינג אין דעם דעם רינגען־שנור פון דורות!... פאַר יעדער אָטעם לעבן — צאָל!... אַלעמען באַצאָל!...

פרוי אין די דרייסיקער:

איך וועל ניט דערלאָזן!... זאָלן זיי — דאָרטן, אויבן!... זאָלן זיי!... זיי האָבן וואַרעמע היימען... דאָקטוירים... נוירסעס!... זאָלן זיי!...

מאַן אין ברילן:

פּליז...

פרוי אין די דרייסיקער:

איך וועל ניט דערלאָזן!...

מאַן אין ברילן:

דו ווייסט, דיער, אַז אַן פופציק דאָלער קען מען זיך ניט באַ־פרייען... וואו קענען מיר קריגן פופציק דאָלער? (אונטערשטרייכט פאַר איר די קאָלאָסאַלקייט פון דער סומע) פּ־ו־פּ־צ־י־ק דאָלער!... פּ־ו־פּ־צ־י־ק!...

פרוי אין די דרייסיקער:

(באַגרייפט) פ־ו־פ־צ־י־ק דאַ'ער... (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. וויינט. מאַן אין ברילן קוקט פאַרשטיינערט. פּאַוזע).

די מיידל:

(שפרינגט אויף, לויפט צו צום טיר און קלאַפּט אין איר מיט ביידע פויסטן)
לאָזט מיך ארויס פון דאַנען!... לאָזט מיך ארויס פון דאַנען!...
איך קען מער ניט!... לאָזט מיך ארויס פון דאַנען!...

(אַלע קוקן אָנגעשטרענגט אַף איר. אַלטע פּראָסטיטוטקע גייט צו איר צו און שטיל).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

ניט שיין, דיער, — מענער!... אַלע קוקן... אַלע קוקן... פּאַר אַ גוירל ניט שיין...

די מיידל:

גיט אַ קוק אַרום, ווי זי וואָלט פריער ניט באַמערקט, אַז אַרום זיצן מענער. דערשרעקט זיך. גייט שנעל צוריק אַף איר אָרט. אַלטע פּראָסטיטוטקע זעצט זיך צו צו איר).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

צו וואָס אַזוי פאַרצווייפלט?

די מיידל:

(פאַרקלעמט. ענטפערט ניט).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(פּרוּווט טרעפן) עלנט?

די מיידל:

(ענטפערט ניט).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

הונגעריק?

די מיידל:

(ענטפערט ניט).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

איך ווייס דאָס... באַקאַנט, דיער, באַקאַנט... (קליינע פּאַוזע). פאַרהייראַט?

די מיידל:

(מאַכט מיטן קאָפּ אָפּ ניין).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(פּרואווט ווייטער טרעפן) פון אַ פרעמדער שטאָט?

די מיידל:

(מאַכט מיטן קאָפּ אָפּ יאָ).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

פור דאַרלינג... געקומען זוכן אַ דזשאָב?

די מיידל:

אוהום...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

און ניטאָ?

(ענטפערט ניט).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

באַקאַנט, דיער, באַקאַנט... שווער צו געפינען אַ דזשאָב איצט... יאָ, שווער...

די מיידל:

שווער...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

און מיט וואָס צו פאָרן צוריק אַהיים — ניטאָ? און דאָרטן ברי־דערלעך, שוועסטערלעך... הונגעריק?...

די מיידל:

(מאַכט מיטן קאָפּ אָפּ יאָ).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

און פּאָפּ אַרבעט ניט?

די מיידל:

לאַנג טויט...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

פּאָפּ לאַנג טויט?... פור דאַרלינג!... אָבער מ׳דאַרף ניט זיין אַזוי פאַרצווייפלט... דו ביסט ניט די אָרעמסטע דאָ... ניט די אָרעמ־סטע!.. יונג... אַ שיינע פיגור... שלאַנק... בלאָנדע האָר... בלויע

אויגן!... עך, ווען איך וואָלט געווען יונג, דיער!... בלאָנדע האָר, אַ שלאַנקע פיגור, בלויע אויגן, יונג — ס'איז אַ גרויסער פאַר־מעגן!.. (שושקעט איר אַריין אין אויער) מ'גייט אַרויס... אַ מאַן... און — געלט... שיינע קליידער... וואַרעמע היים... עסן פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע....

די מיידל:

(ציטערט אויף מיטן גאַנצן קערפּער און פאַרקוועטשט אַף גיך מיט ביידע הענט די אויערן) אַוועק פון מיר!... אַוועק פון מיר!...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(שטיל) שריי ניט, דיער...

די מיידל:

אַוועק פון מיר!... אַוועק!...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

ד'ווערסט אַלץ איינס: אויב ניט איצט, איז — שפּעטער. צוויי וועגן: איינער — הונגער, דער צווייטער — אימיצנס אַ בעט... באַקאַנט, דיער, באַקאַנט... (אַפּ אַף איר פריערדיקן אָרט).

(די מיידל האַלט פעסט אירע ביידע הענט אַף די אויערן און ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. פּאוזע. קלאַפּן פון די רעדער).

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

(רוקט זיך צו צום מאַן אין לאָמבערדזשעקעט) איר זייט געווען גערעכט, אָבער ניט אינגאַנצן...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

הו קערס...

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

איר זייט, דאַכט זיך, אינם בילדינג־טרעיד?

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

ניט אין בילדינג־טרעיד, אין סאָבוויי, דריי באַנאַכט...

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

אָוו קאָורס... אָבער איר זייט געווען אין בילדינג־טרעיד?

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

וואַטס די דיפערענס?

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

אָוו קאָורס... קיין דיפערענס. אָבער איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

בילדינג־טרעיד.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

אַ בילדינג, צום ביישפּיל, מוז שטיין אויף אַ פעסטן פונדאַמענט, ראַיט?

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

ראַיט.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

סאָו, וואָס גרעסער און העכער דער בילדינג, אַלץ זיכערער און פעסטער דאַרף זיין דער פונדאַמענט, ראַיט?

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

ראַיט.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

און אַ הונדערט־פלאָריקער בילדינג מוז האָבן אַן אויסערגעוויינטלעכן פונדאַמענט, ראַיט?

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

ראַיט.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

און די סאָבוויים גייען אונטער די בילדינגס?

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

אונטער די בילדינגס.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

אונטער דער גאַנצער שטאָט?

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

ראַיט.

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

יו סי? (מיט קריינקלעכער באַגייסטערונג) אונטער דער גאַנצער שטאָט...

אונטער אַלע פֿאונדיישאַנס!... טויזנטער סאַבוויים!... טויזנטער טויזנטער סאַבוויים!.... ווי שלאַנגען אונטער אַלע פֿאונדיישאַנס!... עגבערן, עגבערן, גראַבן!... פֿאַרשטאַנען?.... גראַבן און גראַבן און גראַבן...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

עגבערן ניט, גראַבן ניט...

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

(זעצט פֿאָר מיט דער זעלבער קרייזקלעכער באַגייסטערונג) טראָגן זיך!... טראָגן זיך!... ווי פֿייערדיקע שלאַנגען אונטער אַלע פֿאונדיישאַנס!... עגבערן... גראַבן אונטער, גראַבן אונטער... פֿאַרשטאַנען?...

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

עגבערן ניט, גראַבן ניט. פֿאַרטיקע טונעלן, איינגעקאָוועטע רעלסן, רעגולירט דורך אַ פֿייערן־סיסטעם, דורך בלאַקסטאַנציעס... די פֿונדאַמענטן זיצן גאַנץ פֿעסט אַפֿן צווישן פֿון די טונעלן...

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

(אויסגעניכטערט) אָ, איי סי... די פֿאונדיישאַנס — צווישן די טונעלן.... (פֿאַרטראַכט זיך) אָ, איי סי, צווישן די טונעלן....

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

האָף ניט אַף געבראָטענע טויבן... ווען פֿון זיך אַליין אין מויל ניט אַריינפֿאַלן....

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

צווישן... די טונעלן... (נורעט זיך איין אין קאָלנער פֿון זיין צעריסענעם מאַנטל. פּאַוזע).

(אין פֿענצטער שווימט אַרויס אַ סטאַנציע און אַ לויפֿנדיקע טרעין פֿון דער אַנדער זייט פּלאַטפֿאָרמע. ס'עפֿענען זיך די טירן. די מיידל גיט זיך מיט שנעלע טריט אַ לאָז צום אַרויסגאַנג. מאַן אין אָוועראָלס צוימט איר איבער דעם וועג).

מאַן אין אָוועראָלס:

דו האָסט ניט וואוהין צו גיין. דריי אַזייגער באַנאַכט. זעסט, אַ קעלט עם שלאָגט פֿון סטאַנציע?... איבעראַל פֿאַרמאַכט און פֿאַרקלאַפּט... דו וועסט בלאָנדזשען ווי אין אַ פֿאַרשנייטן שטורעמדיקן וואַלד ... גיי צוריק אַף דיין אָרט און וואַרט אַף טאָג...

(די מיידל קוקט אָן דעם מאַן אין אָוועראָלס אַ ווײַלע, האַלט ניט אויס זײַן בליק, קערט זיך אום אַף איר אָרט, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַפּן שויב פון פענצטער, פאַרמאַכט די אויגן און אָטעמט שווער. דער מאַן אין אָוועראָלס זעצט זיך און קוקט אַף איר פון ווייטן. אַלע גורען זיך טיפער אין די קאָלנערס פון דער קעלט, וואָס שלאָגט פון סטאַנציע. די טירן פאַרמאַכן זיך. דער טרעין — רירט זיך. די סטאַנציע שווימט אַוועק הינטער די פענצטער. קלאַפּן פון די רעדער. פּאַוזע).

דער אויסגעדאַרטער:

(הויבט זיך אויף, מיט קרײַנקלעכן בלישטש אין די אויגן) איין — ג־ג־גנב!... איך וויל געפינען כאָטש איין גנב צווישן אײַך!... איין ג־ג־גנב!... (לויפט מיטן קרײַנקלעכן בליק פון איינעם צום אַנדערן, מיט אויערן אָנגעשפּיצט צו כאַפּן פון אימיצן אַן ענטפער. אַלע שווייגן). ניטאָ! אַלע — ער־ר־רלעכקייט!... (מיט גאַל) אַ קאַר פול מיט ער־ר־רלעכקייט!... מיט היילער, הונגעריקער, באָרוועסער, פאַרלויזיקטער ער־ר־רלעכקייט!... (שרייט מיט אַלע כחות) אידיאָטן!... אידיאָטן!... אַ באַנטש פאַרדאַמטע אידיאָטן — אַט וואָס איר זייט!... ניטאָ דער נוירוו אַ דינע שטיקל גלאָז אויסצוברעכן!... אַט וואָס איר זייט!... (מיט שוים אַף די ליפּן) איך וויל מער ניט!.. איך וויל מער ניט זײַן ערלעך!... איר האָט געהערט? איך וויל מער ניט!... ווי נאָר ליכטיק — וועל איך אויפהויבן אַ גרויסן שטיין (בויגט זיך אײַן, ווי ער וואָלט אופגעהויבן אַ שטיין פון סטריט) און — באַץ — אין דער ערשטער ווינדאָו אַרײַן!... (מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָרפן אַ שטיין אין אַ מאַגאַזין־פענצטער) און וועל נעמען אַלץ, וואָס איך דאַרף!.. איך קען מער ניט הונגערן!... איך וויל מער ניט הונגערן!... (מוראדיק צעטרייסלט) איר'ט געהערט? איך וויל מער ניט הונגערן!...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:

כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי־כי־כי! כו־כו־כו!...

דער אויסגעדאַרטער:

(גיט אַ כאַפּ דעם מאַן מיטן צעקרימטן פּנים פאַרן גאַרגל) פון וואָס האָסטו געלאַכט? (שרייט אים אין פּנים אַרײַן) סט'געהערט — איך וויל מער ניט הונגערן!... כ'וויל מער ניט הונגערן!...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:

איך... ניט... געלאַכט... פון קיינעם... געלאַכט...

דער אויסגעדאַרטער:

(שרייט אים אין פּנים אַריין) הונגערן!.. דו ווייסט וואָס הייסט הונגערן?... הונגערן!...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:

ניט געלאַכט... פון קיינעם ניט געלאַכט...

דער אויסגעדאַרטער:

(לאָזט אָפּ דעם מאַן מיטן צעקרימטן פּנים און לאָזט זיך אַראָפּ פאַרמאַטערט אַף זיין פּלאַץ) פאַרדאַמטע אידיאָטישע ערלעכקייט!...

אָנגעשטריינגטע פּאווזע. באַרואיקונג. מ׳דרעמלט איין אייניציקווייז אין פאַרשיידענע פּאָזעס. קרייגקלעכער שנאָרכען פון עטלעכע. קלאַפּן פון רעדער).

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון דער מיידל, זעצט זיך צו צו איר) דו ווילסט פאַרקויפן קליינינקע, ווייסינקע הענטעלעך? אָט אַרום, זעסט? — הענט!... גרויסע, געזונטע.... גרייט פאַר יעדן פּרייז צו פאַרקויפן!... קיינער דאַרף ניט!... קיינער...

די מיידל:

פּליז...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(דער מיידל אין אויער) און אויב אימיצער וועט קויפן דיינע קליינינקע הענטעלעך פאַר א ליטל נאָטהינג, וועט ער וועלן דיין אַלץ מיט זיי.... דיינע בלויע אויגן, דיין שלאַנקע פיגור, דיין יוגנט... דיין אַלץ...

די מיידל:

(פאַרשטאָפּט די אויערן) פּליז....

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(נעמט אַראָפּ די מיידלס האַנט פון אויער) קענסט זיך ניט אויסדרייען פון דעם... (מיידל רייסט אַרויס איר האַנט פון דער אַלטער און פאַרשטאָפּט דעם אויער). באַקאַנט, דיער, באַקאַנט!... געווען אַליין יונג אַמאָל...

געשטאַנען פּונקט פאַר אַזאַ לאַגע, דיער... (נעמט ווידער אַראָפּ די מיידלס האַנט פון אויער). מ׳גייט אַרויס... דער אַנהויב בלויז שווער... נאָכדעם — אַ שיינער אייגענער אַפּאַרטמענט... ליכטיק, וואַרעם... עסן — פון דאָס שענסטע און בעסטע... זיידענע קליידער... געלט — וויפיל דו ווילסט... רינגען... דיימענטן...

די מיידל:

(רייסט אַרויס די האַנט פון דער אַלטער און פאַרשטאָפּט דעם אויער מיט שרעק) נאָו!... נאָו!...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

באַקאַנט, דיער, באַקאַנט...

די מיידל:

נאָו!... נאָו!...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(נאָך אַ קליינער ווײַלע — נעמט ווידער אַראָפּ די מיידלס האַנט פון אויער) ט׳זיין אַזוי גוט!... זיך ניט דאַרפן וואַלגערן!... געלט!... ט׳זיין אַזוי פיל געלט!.. קענען שיקן דער מאַמען, וויפיל דו וועסט וועלן... וויפיל פרייד ס׳וועט דאָרטן זיין... וויפיל ליכטיקייט... וויפיל גליק פאַר די שוועסטערלעך און ברידערלעך!... וועלן ניט וויסן פון וואַנען... דאַרפן ניט וויסן פון וואַנען...

די מיידל:

פרייד... ליכטיק... ניט וויסן פון וואַנען... יאָ־יאָ, קיינער ניט וויסן... (ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער) יאָ־יאָ... קיינער ניט וויסן...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

איך וועל דיר העלפן... זיין דיין מאַמע דאָ... דיין דינסט... וועל האָבן אַ היים בײַ דיר... ביידן זיין גוט!... מיט ווייסע האָר שווער צו וואַלגערן זיך אין די פּאַרקס און סאַבוויים...

די מיידל:

יע־עס... יע־עס...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

און מיט געלט, רינגען, דיימענטן קען מען קריגן דעם שענסטן באָי!... פּלענטי באָיס קען מען קריגן פאַר געלט... פּלענטי!...

ניטאָ וואָס מורא צו האָבן !.. איך אַליין געקענט האָבן דעם שענסטן באַי אַמאָל... צו נאַריש געווען... ניט פאַרשטאַנען... דו וועסט זיין קלוגער...

די מיידל:

(ציטערנדיק) פליז... פליז...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

לאָז דאָס צו מיר... איך וועל נעמען קער אַף דיר... ביידן זיין גוט !... ניט דאַרפן קיין הונגעריקע זיך וואַלגערן אין סאָבוויי... קראַנק ווערן... משוגע ווערן...

(דורך די פענצטער שווימט ווידער אַרויס אַ סטאַנציע. דער טרעין שטעלט זיך אָפּ. ס'עפענען זיך די טירן. אַ טרעין פון דער צווייטער זייט פּלאַט־פאָרמע רירט זיך צום אָפּגיין).

די מיידל:

(שפּרינגט אויף מיט גוואַלדן) נאָו !... נאָו !... (לויפט צום טיר) קיינמאָל ניט !... קיינמאָל ניט !... בעסער שטאַרבן !.. בעסער שטאַרבן !..

(די מיידל אָפּ. אַ סעקונדע. אַ האַרצרייסנדיקער קוויטש גיט אַ ריס דורך די לופט און ס'ווערט שטיל. אַלע גיבן זיך אַ וואָרף פון וואַגאָן אַפן פּלאַטפאָרמע. דער צווייטער טרעין שטעלט זיך אָפּ. דורך די פענצטער זעט מען ווי מענטשן לויפן צום שפּיץ פונם אַנטקעגנדיקן טרעין).

שטימען פון דער פּלאַטפאָרמע:

— עי גוירל אַנדער דהי טרעין !...

— אַ מיידל ט'זיך אונטערגעוואָרפן אונטערן טרעין !...

— עי גוירל אַנדער דהי טרעין !...

(מ'זעט ווי מענער שפּרינגען אַראָפּ פון פּלאַטפאָרמע אַף די רעלסן פונם אַנטקעגנדיקן טרעין. באַלד זעט מען ווי מ'האָט עפּעס דערלאַנגט פון אונטערן טרעין אַפן פּלאַטפאָרמע).

ש ט י מ ע ן:

— טראָגט אַריין אין קאַר !..

— אַפן פּלאַטפאָרמע איז קאַלט !...

— אין אַ קאַר !...

— אין אַ קאַר !...

(מאַן אין אָוועראָלס און מאַן אין לאָמבערדזשעקעט טראָגן אַריין די מיידל אין וואַגאָן און לאָזן איר אַראָפּ אַפן דיל. מאַן אין לאָמבערדזשעקעט און מאַן אין אָוועראָלס זוכן איר צו ברענגען צום לעבן).

מאַן אין אָוועראָלס:
טויט...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:
יאַ־אַ.

(דעקן איבער דעם קערפּער פון דער מיידל מיט איר מאַנטל).

מאַן אין אָוועראָלס:
דהאַטס אַל.

ש ט י מ ע ן:
טויט?

מאַן אין אָוועראָלס:
טויט.

(אַלע אַנטבלויזן די קעפּ).

פרוי אין די דרייסיקער:
אַ קינד... אימיצנס אַ קינד... (היסטעריש) איך וויל ניט קיין קינד!... איך וויל ניט קיין קינד!... איך וויל ניט!...

מאַן אין ברילן:
(פירט איר אָפּ אין ווינקל פון וואַגאָן און זעצט איר אַוועק) פּליז, דאַרלינג... נעם זיך אין די הענט...

פרוי אין די דרייסיקער:
מיר האָבן קיין רעכט ניט!... מיר האָבן קיין רעכט ניט!...

מאַן אין ברילן:
פּליז, דאַרלינג... ס'וועט שטענדיק ניט זיין אַזוי... שטענדיק ניט זיין אַזוי... (פרוי פאַלט אים אַפן אַקסל. וויינט).

פרוי אין די דרייסיקער:
טאָרן ניט...

מאַן אין ברילן:
(גלעט אירע האָר) באַרואיק זיך, דיער... (וויקלט אַרום איר האַלדז מיטן קאָלנער פון איר מאַנטל) דו וועסט זיך נאָך צוקילן...

מאַן אין אָוועראָלס:

דהאַטס אָל. אַלע פּראָבלעמען אָפּגעסעטלט... וואָנס ענד פאָר אָל...

דער ערשטער:

איבערגעקומען...

דער צווייטער:

דער גרינגסטער וועג...

דער דריטער:

דער קירצסטער וועג צו דער רואיקסטער און ליכטיקסטער סטאַנ־ציע...

דער פערטער:

גרינגסטער און ליכטיקסטער אויסוועג...

אַלטע פּראָסטיטוטקע:

(מיט טרערן) באַקאַנט, דיער, באַקאַנט... איידער אַזאַ עלטער, ווי מיינע... איז שוין אפשר בעסער אַזוי...

דער פינפטער:

דער גרינגסטער און ליכטיקסטער אויסוועג...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

(מישט איבער, מיט גאַל און פאַראַכטונג) דער ליכטיקסטער אויסוועג!... דער ליכטיקסטער!... לאָמיר זיך שטעלן אַף די קני און באַדאַנקען פאַר דעם איין־און־איינציקן אויסוועג, וואָס מ׳האָט אונדז געלאָזן אומזיסט!... לאָמיר באַדאַנקען, וואָס פון אַלע אויסוועגן, האָט מען אונדז כאָטש איינעם געלאָזן אומזיסט!... (מיט מוראדיקן כח, פול מיט גאַל) אַף די קני — פאַר דער גרויסמוטיקייט!.. אַף די קני — פאַר דער גרויסער ״באַרימהאַרציקייט!... (זיין שטים איז אַזוי באַפע־לעריש מעכטיק, אַז אייניקע הייבן זיך אָן שטעלן אַף די קני).

דער אויסגעדאַרטער:

(כאַפּט אַרויס אַ געפלאָכטענע זיך־קישעלע פון באַנק און הויבט אָן ברעכן די שויבן פון וואַגאָן) איך וויל ניט אַזאַ אויסוועג!... איך וויל ניט אַזאַ אויסוועג!... איך וויל לעבן!... איך וויל לעבן!...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

(דונערט ניט אָפּלאָזנדיק) אַף די קני — פאַר גרויסמוטיקער באַרימ־האַרציקייט!...

מאַן מיט אויסגעקרימטן פּנים:

(ווי דער ברעכן פון די שויבן, וואָלט אים אויפגעלויכטן אַן אַרויסגאַנג צו זיין פאַרביטערטקייט, גיט אַ כאַפּ אַרויס אַ צווייטע געפּלאַכטענע קישעלע פון באַנק און קלאַפּט איבער אַלץ) רויבער!... רויבער!... מערדער!... מערדער!...

מאַן אין צעריסענעם רעקל:

(פאַרקנוילט די פויסטן אינדערהויך) פאַרוואָס?... פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ סוף?... (כאַפּט אַרויס אַ קישעלע און ברעכט די שויבן).

מאַן אין לאַמבערדזשעקעט:

(זעצט פּאַר) אַף די קני פאַר דער ברייטהאַרציקער גרויסמוטיקייט!...

מאַן מיט טרערנדיקער אויג:

אונטער די פאַונדיישאַנס!... פייערדיקע שלאַנגען אונטער די פאַונדיישאַנס!... גראָבן!... אונטערגראָבן!... ווי אין אַ גינהומדיקן אָפּגרונט אַראָפּשליידערן!...

(עטלעכע פאַרשלאָפענע סאָבוויי־גואַרדס און קאָנדוקטאָרן פון די טרעינס לויפן אָן).

סאָבוויי־גואַרדס און קאָנדוקטאָרן פון די טרעינס:

— ניט ברעכן!...
— ניט ברעכן!...
— אַרויס פון דאַנען!...
— אַרויס פון קאַר!...
— די קאַר ניט שולדיק!...
— זי זיך אַליין אונטערגעוואָרפן!..

(די סאָבוויי־גואַרדס הויבן אָן צו שלאָגן דעם מאַן מיטן אויסגעקרימטן פּנים. דער מאַן אין לאַמבערדזשעקעט און דער מאַן אין אָוועראָלס וואַרפן זיך אַף די סאָבוויי־גואַרדס, וואָס האָבן אָנגעהויבן שלאָגן. אַ טייל קאָנדוקטאָרן קומען צו הילף די סאָבוויי־גואַרדס. דאָס שלעפּט אַריין אַלעמען אין אַ ביטערן געשלעג. די אויבערהאַנט גייט איבער צו די הײמלאָזע. מ׳שלאָגט די סאָבוויי־גואַרדס און קאָנדוקטאָרן מיט מוראדיקער פאַרביטערטקייט און אומברחמנותדיקייט. שולדיקע און אומשולדיקע. עטלעכע קאָנדוקטאָרן געלינגט אַרויסצורייסן זיך פון וואַגאָן. פון פּלאַטפאָרמע און פון

אַנטקעגנדיקן טרעין הערן זיך ווילדע אויסגעשרייען און ברעכן פון פענצטער. מיטאַמאָל ווערט פינצטער סיי אין די טרעינס, סיי אַף דער פּלאַטפּאָרמע).

שטימען אין דער פינצטער:

— ווער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט?...

— אויסגעלאָשן דאָס ליכט, די סאַנאָוועו ביטשעס!...

— געלאָזן אין דער פינצטער אונדז, די בעסטאַרדס!...

פּאָדערנדיקע שטימען:

— די ליכט צינדט אָן!...

— ליכט גיט אהער!...

— ליכט, סאַנאָווע ביטשעס!...

— ליכט!...

מאַן אין אָוועראָלס:

(צינט אָן אַ שוועבעלע, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ מעסער, שניידט אַרויס אַ פּאַס פון דעם געפלאָכטענעם איבערצי פון איבער אַ ווענטל, דרייט אים צונויף אין אַ טרייבל און צינדט אים אָן) לאָמיר זיי ווייזן, אַז מיר ווילן ניט און וועלן ניט זיצן אין דער פינצטער!...

(דער איינפאַל פון דעם מאַן אין אָוועראָלס ווירקט ווי אַ בליץ).

ש ט י מ ע ן:

— שניידט אויס און צינדט אָן!...

— מיר וועלן ניט זיצן אין דער פינצטער!...

(מאַן אין לאָמבערדזשעקעט כאַפּט אַרויס אַ מעסער און הויבט אָן אויסשניידן די געפלאָכטענע איבערצוגן פון די בענק און ווענטלעך. מ׳כאַפּט באַ אים פון אונטער די הענט, מ׳דרייט אין טרייבלעך און מ׳צינדט אָן).

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

שלאָגן אונדז אין דער פינצטער? — פאַרגעט איט!... מאַכט ליכ־טיק!.. אזוי ליכטיק, אַז מיר זאָלן זיי קענען די קעפּ אראָפּדרייען!...

(דאָס אָנצינדן פון די צונויפגעראָלטע טרייבלעך גייט אָן אויך אין דעם אַנטקעגנדיקן טרעין, ווי פאַקעלן ווייזן זיי זיך דורך די אויסגעבראָכענע פענצטער אפן פּלאַטפּאָרמע).

שטימען:

— די גוואַרדס צעלאָפּן זיך!...

— זייער גליק!...

— אויסגענוצט די פינצטערקייט!...

— דערפאַר האָבן זיי דאָך אויסגעלאָשן דאָס ליכט, די סאַנאָווע ביטשעס!...

— פאַרשפּאַרט אונדז אין דער פינצטער ביז וואַנען פּאָלים וועט אָנקומען!...

— ראַיט!... פאַרשפּאַרט אונדז פאַר דער פּאָלים!...

— ווי אין אַ פּאַסטקע פאַרשפּאַרט אין דער פינצטער!...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

לאָמיר אויפהערן מורא צו האָבן!.. לאָמיר אויפהויבן אָט־אָ־די הענט אונדזערע!... ווי אַ וואַלד מיט שפּיזן אויפהויבן זיי!...

שטימען מיט אָנגעדראָעטע פויסטן:

— ווי אַ וואַלד מיט שפּיזן אויפהויבן זיי!..

— ווי אַ וואַלד מיט שפּיזן!...

מאַן אין אָוועראָלס:

פון דאַנען מוזן מיר איצט אַרויסגיין. אויב מיר וועלן אַליין ניט אַרויס, וועט מען אונדז אַרויסוואַרפן פון דאַנען; איז אויב אַרויס־געגאַנגען, טאָ זאָל זיין אַרויסגעגאַנגען!... לאָמיר זיי אויפרייסן פון זייערע בעטן און צווינגען אָנקוקן אונדזערע פּאַקלדיקע נעכט, וואַ־רעמע גליקלעכע היימען און דעם איינציקן אויסוועג, וואָס מ'האָט אונדז איבערגעלאָזט!... (ווייזט אָפּן קערפּער פון דער מיידל) לאָמיר אַרויסגיין מיט פּאַקעלן אונטער זייערע פענצטער און דונערן, אַז מיר ווילן ניט אַזאַ אויסוועג!.. אַז מיר ווילן ברויט!.. אַז מיר ווילן וואַרעמע קליידער און מיר ווילן מענטשלעכע היימען!...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

ס'איז אונדזערע אַלץ!... אונדזערע!.. מיט די פויסטן מיט אונד־זערע אַרויס אין דער אָפּן!...

שטימען:

(כאַפּן זיך אָן).

— לאָמיר זיי ווייזן!...

— לאָמיר פּאָדערן!...

— זאָלן זיי זען!...
— ברויט!... קליידער!..
— וואַרעמע היימען!...
— אונדזערע!... אַלץ אונדזערע!...
— די גוירל מיט אונדז!...
— זאָלן זיי האָבן וואָס אָנצוקוקן!...

מאַן אין אָוועראָלס:

אוועקגעגאַנגען!...

(מאַן אין אָוועראָלס און מאַן אין לאָמבערדזשעקעט רייסן אַרויס אַ ווענטל פון איבער אַ באַנק, רייסן אַרויס די פּרוזשינעס פון איר, לייגן אַריין דעם קערפּער פון דער מיידל אין דער ווענטל, ווי אין אַ בעטל. פיר מענער נעמען דאָס ווענטל מיטן קערפּער אַף די אַקסלען און רירן זיך).

מאַן אין אָוועראָלס און מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

אַלע מיט אונדז!.. פון אַלע קאַרס!.. פון ביידע טרעינס!...

מאַן אין לאָמבערדזשעקעט:

ניטאָ קיין אַנדערע פּאַסיזשירן איצט!...

(מאַן אין אָוועראָלס און מאַן אין לאָמבערדזשעקעט גייען אין שפּיץ פון דער פּראָצעסיע מיט אָנגעצונדענע טרייבלעך).

ש ט י מ ע ן:

— אַלע מיט אונדז!...
— פון אַלע קאַרס!... פון אַלע טרעינס!...
— דורך די סטריטן!...
— אונטער די פענצטער!...
— זאָלן זיי אָנקוקן!...
— **זאָלן זיי אָנקוקן!...**

(פּראָצעסיע מיט קערפּער און פאַקעלן. דורך די פענצטער קענטיק ווי מ'פאַרנעמט זיך צום אַרויסגאַנג).

(פּ אָ ר ה א ַ נ ג).

ניו, יאָרק, 1935.

אין די פאַראָהעס

דראַמע אין 4 אַקטן.

פערזאָנען :

דוד־בער, אַלטער קאַרניק.
מלכה־דאָבע, זיין ווייב.
אסתר, זייער טאָכטער.
לייב, איר מאַן, קאַרניק.
אברהם, לייבס פאָטער, אַלטער פישער.
פערלע, דוד־בערס שנור
זלאַטע, איר מאַמע
חיה, זלאַטעס שוועסטער.
קאַפּל, חיהס מאַן, אַן עלטערער קאַרניק.
יאַנקל, חיהס און זלאַטעס אַ פּלימעניק, קאַרניק.
לאַטוטניק, אַ סטאָליער באַם פאַריכטן שיפלעך.
לייזער, קאַרניק.
משה, קאַרניק.
ישראל, קאַרניק.
פּריקאַזטשיק.
ערשטער קאַרניק.
צווייטער קאַרניק.
דריטער קאַרניק.
פערטער קאַרניק.
איינער פון די געקומענע.
צווייטער פון די געקומענע.

קאַרניקעס, קאַרניצעס.

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט.

ד י ב י נ ע.

ברעג טייך באַם אַנהויב פון די פּאַראַהעס. רעכטס אינדערטיף — אַף הויכע קלעצער אַ ווינקל וואַראַנדע פון דוד־בערס קאַרניצקער סטאַנציע. צום וואַראַנדע פירן טרעפּ. רעכטס אין פראַנט — אַן אַלטער דוב. אונטער אים אַ לאַנגער טיש אַף אַראָפּגעשלאָגענע פלעקער־פּיס אין גרונט. אַרום אים פּונקט אַזעלכע בענק. אַרום דוב אַרומגעשטעלט באַהאָרעס, רודער, פּאַרוסן. אונטערן וואַראַנדע — יאַקאַרסקער אינסטרומענט: יאַקאָרן, קאַנאַטן, ביטשאַוואַקעס, יאַ־קאָרסקע מאַשינקעס. פון אונטער וואַראַנדע זעט זיך די טייך. לינקס — אַן איבערגעקערטע שיפל, האַלט זיך אין פאַרריכטן. אַרום איר אַנגעוואָרפן: סטאָ־ליער־אינסטרומענט, סטרוזשקעס, פּאַקליע. אין הינטערגרונט — שניידט דורך די טייך. פון אַנטקעגנדיקן ברעג זעען זיך הייזלעך פון אַ פישער־ישוב. דער זייט ברעג, פּונקט ווי דער אַנטקעגנדיקער, אַנגעפּיקעוועט מיט שיפלעך.

אַנהויב זומער. זון־אונטערגאַנג אַפן טייך. אַ פאַרנעם אַף שטורם. אַ רוישן פון די בלעטער, אַ שרייען פון די וואַסערן אין די פּאַראַהעס ניט ווייט פון דאַנען.

אַפן גראָז אונטערן דוב ליגן אויסגעצויגן קאַרניקעס אין וואַסער־שטיוול, וואַטירטע זשיליעטקעס, טיכלעך אַרום די העלדזער. ניט ווייט פון זיי — שלאָגט קאַפּל אַן אַ באַהאָר. לייזער — זיצט אַפן טיש, רויכערט אַ ליולקע און קוקט אַפן טייך. לאַטוטניק — קאַנאָפּאַטיעט די שיפל.

פּאַראָהעס — ערטער אין טייכן, וואו דער פעלזיקער גרונט גייט מיט אָפּברוכן אין מערערע ערטער, אָדער הויבט זיך אַרויס פון די טיפן און צוימט איבער די וואַסערן מיט טויזנטער אונטערוואַסערדיקע שטיינער־שפּיצן. די וואַסערן גייען צווישן די שטיינער־שפּיצן מיט מוראדיקן שטורם. דער פאָרן דורך די פּאַראָהעס איז פאַרבונדן מיט גרויס סכנה.

קאָרניצקע סטאַנציע — הויז אין אַנהויב פון די פּאַראַהעס, אַרום וועל־כער עס גרופּירן זיך די קאָרניקעס. אַלע געהילצן, געלאָדענע לייוועס, שיפלעך, וואָס דארפן דורכגיין די פּאַראָהעס, שטעלן זיך אָפּ באַ אַזאַ סטאַנציע, נעמען

ל י י ז ע ר:

ווי מ'גייט דאָס! אַ מגפה אין אירע שלייפן אריין!

ע ר ש ט ע ר ק אָ ר נ י ק:

דאָס איז שוין איין מאָל אַ ווייבעלע!

צ ו ו י י ט ע ר ק אָ ר נ י ק:

איי, אַ ווייבעלע!...

ד ר י ט ע ר ק אָ ר נ י ק:

איין מאָל אַ ווייבעלע!...

ל י י ז ע ר:

(קוקט די גאַנצע צייט אַפּן טייך). דאַכט זיך, אַט טראָגט איר אַף די שטיינער, נאָר נייַן, — זי ווערט פאַרטיק!... שטייט ווי אַן אייזן אין דראַהאָלקע און דער פּליט גייט ווי זי וויל... אַ מגפה אין אירע גערערים אריין!...

ל אַ ט ו ט נ י ק:

(מיט שווערן זיפץ) דאָס איז שוין איינמאָל אַ ווייבעלע!...

פ ע ר ט ע ר ק אָ ר נ י ק:

און ווייטער איז, ווי מען וויל, אַזוי רעדט מען...

ל אַ ט ו ט נ י ק:

אַז מ'וויל, הייסט דאָס, איז זי גאָר אַ רבצין?...

פ ע ר ט ע ר ק אָ ר נ י ק:

אַ רבצין, צי ניט, ווייס איך ניט. איך בין באַ איר צוקאָפּנס ניט געשטאַנען, אָבער דעם טעם פון אַ ביטער שטיקל לעבן האָט זי פאַרזוכט. דאָס איז מערנישט זי, אַן אַנדערע אַף איר אָרט, וואָלט שוין לאַנג מיט אַ באַרג ערד באַוואַקסן געווען...

קאָרניקעס און די לעצטע פירן זיי דורך די פּאַראָהעס. אַזעלכע סטאַנציעס געפינען זיך אויך אין ענד פון די פּאַראָהעס.

קאָרניקעס — איינוואוינער אַרום פּאַראָהעס־אָנהויב, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן דורכלאָזן דורך די פּאַראָהעס געלאָדענע שיפלעך, לייוועס מיט תבואה, געהילצן געבונדן אין פליטן און א. וו.

ל אַ ט ו ט נ י ק:
דאָס איז דאָך דער אומגליק!.. אַז זי וואָלט געלעגן אין דר׳ערד, וואָלטן דאָך קיין קינפּעטאָרינס ניט געשטאָרבן און מ׳וואָלט פון אַלע צרות ניט געוואוסט...

ק אַ פּ ל:
(ניט אויסהאַלטנדיק) אַ שאָד וואָס איר טאַטע קען זיך פון קבר ניט אויפהויבן, אַ שאָד...

ל אַ ט ו ט נ י ק:
אַז ער וואָלט זיך געקענט פון קבר אויפהויבן, וואָלט ער איר שוין לאַנג דעם טויט געמאַכט...

ק אַ פּ ל:
ניין, פע! מיט דעם האַק וואָלט ער דיר אין דיין צעפּוילטן טשאָלנט־טאָפּ אַריינגעפּאָרן, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן!... און ער וואָלט געוועז געדעכט!.. ווי סמייעט דאָס אַן אַלטער הונט צו באַלבען מיטן צונג וועגן דאָס, וואָס ער ווייס ניט!...

ל אַ ט ו ט נ י ק:
מ׳ווייס ניט? אוי, ווייס מען ניט!.. וואָלט זי זיך ניט אַרומגעפּאַס־קודיעט מיט יאַנקלען, וואָלט מען נישקשה, אַף איר ניט גערעדט!... מ׳זויגט ניט אויס פון פינגער אַזעלכע זאַכן!.. אַן אשת־אישניצע איז זי!...

ק אַ פּ ל:
וואָלסטו שוין אַזוי לעבן!..

ל אַ ט ו ט נ י ק:
וואָלטן מיר אַלע אַזוי לעבן!...

ק אַ פּ ל:
וואָלסטו שוין אַזוי לעבן!... שלעפּ קיינעם ניט מיט־זיך!..

ל אַ ט ו ט נ י ק:
וואָלט איך אַזוי לעבן!..

ק אַ פּ ל:
זאָלסטו שוין טאַקע אַזוי לעבן!.. מ׳האָט זיך אָנגעזעצט אַף איר און מ׳גראָבט און מ׳גראָבט!.. און די כאָליערע ווייס זיי, וואָס זיי האָבן צו איר!... הם, אַלטער כלב!..

לאַטוטניק:

אַז זי וואָלט איינגענומען אַ מיתה־משונה, וואָלסטו ◌ קוק געטאָן, ווי קימפּעטאָרינס וואָלטן אויפגעהערט צו שטאַרבן. עס איז דאָך אַ קללה אויסגעגאָסן אַף אַלעמען, אַ ביטערע קללה...

קאָפּל:

אַ כאָליערע האָט געדאַרפט אויסקייקלען אַלעמען, וואָס ריידן אַף איר, אָט וואָס איך זאָג!... די קינפּעטאָרינס זענען ניט שולדיק, אָבער די, וואָס ריידן אַף איר, האָט אַ כאָליערע געמעגט אויסקייקלען אין מיטן העלן טאָג!.. מ׳רעדט, סט׳געזען מ׳רעדט!... וואָסי יאַנקל איז באַ איר אין דער אַנדער העלפט שטוב! וואו דען האָט יאַנקל געזאָלט זיין? באַ מיר? באַ דיר? גאַ אים? ער איז אירער אַ שוועסטערקינד, און זיין טאַטע האָט, נישקשה, פאַרדינט, מ׳זאָל אַף זיין יאַנקלען וואַרפן אַ מאַמעשע אויג! זי האָט געטאָן, ווי אַן אמתע קאָרניצע, וואָס זי האָט אים פון זאַלמענס שיינק מיט די שיקסעס אַרויסגעשלעפּט!.. אַז ער וואָלט דאָרטן געלעגן, וואָלט פאַר אַלעמען בעסער געווען?

לאַטוטניק:

ביסט אַ שוטה געווען און אַ שוטה געבליבן...

קאָפּל:

אַ כאָליערע אין דיינע ביינער אַריין!...

לייזער:

ווי מ׳גייט עס: דער באַהאָר אין אירע אייזערנע הינט איינגעקאָוועט, מיטן זייט די דראַהאַלקע אונטערגעפּאָדפּאָרעט, די אויגן ווי פייערדיקע באַהאָרעס אין שטראָם אַריינגעשניטן און דער פליט גייט, ווי טויזנטער שדים וואָלטן אין אים איינגעשפּאַנט געווען!.. אַ מגפה אין איר טמאהישן בוזים אַריין!... דאַכט זיך, ווען וואָלט געאַרט, אַז זי קריכט אַרויף אַף אַ שטיין...

הינט — הענט.

דראַהאַלקע — אַ רודער אויסגעטיעסעט פון אַ לאַנגער דינער בערוועניע. ער ווערט גענוצט פאַר אַ שטור באַם טרייבן פליטן מיטן וואַסער. איז הויפּטזעכלעך נויטיק באַם דורכגיין די פּאַראָהעס — זיך צו קענען האַלטן אין „חעג“.

קאַפּל:

(אַף לייזערן) אַ כאָליערע אין זיינע ביינער אַריין!..

לייזער:

(צו קאַפּלען) ד'וועסט אפשר פּאַרמאַכן דיין מיאַליעצע? ביסט אפילו אירער אַ פעטער, קענסט אָבער ניט מער, ווי איינגעמען אַ מיתה־משונה מיט איר אינאיינעם!.. אָבער כל זמן דו טוסט דאָס ניט — היט דיין באָמעט!... קיינעמס קינדער זענען ניט מחויב צו ליגן יונגערהייט אין דר'ערד!.. ווילסט מ'זאָל ניט ריידן? נעם אַ קאַצלקע און שטעל זיך שמירה באַ איר הינטן — יאַנקל זאָל אהין ניט קריכן!...

קאַפּל:

אַ כאָליערע אין זיינע ביינער אַריין!..

לאַטוטניק:

(צו לייזערן אַף קאַפּלען) דאָס קען ער...

קאַפּל:

(צו לייזערן) דער מויל אַרבעט ווי אַף שרויפן!...

לייזער:

ניט שטום!...

קאַפּל:

זעט מען!...

לייזער:

קריכט מען ניט, וואו מען דאַרף ניט!...

קאַפּל:

אַ כאָליערע אין זיינע ביינער אַריין!..

לייזער:

זי גייט די גרויסע פּאַראַהע!... אפשר גייט זי גאָר אַרויף אַף אַ שטיין!... עס גייט! עס גייט! עס גייט אַף אַ דרך!... (אַלע קוקן אָנגעשטריינגט אַפן טייך). אַ פייער אין אירע טמאהישע געדערים אַריין — דורך!... אפנים, זי וועט שוין אַליין אין דר'ערד ניט אַוועקגיין, צו איר וועט מען שוין מוזן צולייגן אַ האַנט...

מיאַליעצע — מויל.

קאַפּל:

אַ כאָליערע!...

(פון טייך אַ פייף).

לייזער:

וויפיל? (ניט קלאָר פון טייך) דוד־בער? — ניטאָ! אַוועק צו דער לויה! (ווידער ניט קלאָר פון טייך) אַ קינפּעטאָרין געשטאָרבן!.. (ניט קלאָר פון טייך) דוד דעם פישערס ווייבל!... פינף קאָרניקעס? (צו די קאָרניקעס אַפן גראָז) וואָלף דאַרף פינף קאָרניקעס!..

(ס'הויבן זיך אויף פיר קאָרניקעס, לייזער אַ פינפטער, זעצן אַריין די העק אין די הויזן־רימענס פון הינטן, נעמען זייערע באַהאָרעס, זעצן זיך אין אַ שיפל און אָפּ. עס קומען משה און ישראל — מיטליאָ־ריקע קאָרניקעס. — ביידע טרויעריק. מ'טראָגט זיי אַנטקעגן וואַסער. זיי וואַשן די הענט, רייבן איינע אָן די אַנדערע).

לאַטוטניק:

פון דער לויה?

משה:

פון דער לויה.

ישראל:

איי, אַ לויה, איי, אַ לויה!...

משה:

חושך!... חושך!...

ישראל:

קינד און קייט געוועזן באַ דער לויה... איינט קללות — אין טיפן ים זאָל דאָס פאַלן...

לאַטוטניק:

וואָס עפּעס אין טיפן ים? צו זייערע קעפּ, הענט און פיס... וואָלט מען פון אַלע צרות ניצול געוואָרן!...

קאַפּל:

אַ כאָליערע אין זיינע ביינער אַריין!...

לאַטוטניק:

בהמה!... בהמה, דו איינער!..

קאַפּל:
מעג אַף דיר קומען...

משה:
קאַפּל, מ'רעדט! מ'קען אַלעמען דעם מויל ניט פאַרמאַכן! אמת, ער האָט דער ערשטער אַנגעוויזן, אַז דאָ ליגט די סכנה... מ'האָט לכתחילה ניט געטאָרט דערלאָזן זיי זאָלן זיין אונטער איין דאַך...

ישראל:
ס'איז אַ גאַנצער ברעג מיט יידן אין גרוים סכנה!... איבער איי־נער... איבער איינער... ס'ווילט זיך איר נאָמען אַף די ליפּן ניט אַרויסלאָזן... וואָלסט געדאַרפט זיין צו דער לויה... עס מוז נעמען אַן עק!... דער גאַנצער כלל איז ערב פאַר אַזעלכע עבירות!...

לאַטוטניק:
רייד צו אים און רייד צו דער וואַנט...

משה:
מ'טאָר ניט און מ'קען אַלעמען ניט פאַרמאַכן דעם מויל. פאַרקערט: זאָל מען ריידן! וועט מען גיכער קומען צו אַ טאָלק. ס'קען זיין, אַז דו ביסט גערעכט און זי איז טאַקע אַן ער־לעך קינד, איז דאָך דאָס אַ שפיכת דמים... דאַרף מען זען, זיי זאָלן זיך דערווייטערן איינער פון דעם אַנדערן און — אַ סוף...

לאַטוטניק:
(וואָרנט) יאַנקל גייט!.. אַף מיר איז ער שוין אַזוי אויך...

קאַפּל:
אַ כאָליערע!...

(דער געשפּרעך האַקט זיך איבער. משה פאַררויכערט אַ ליולקע, ישראל דרייט אַ מאַכאָרקע, לאַטוטניק קאָנאַפּאַטיעט די שיפל, קאַפּל ענדיקט דעם באַהאָר אָנשלאָגן. יאַנקל קומט. איז אין הויכע שטיוול, צעשויבערטע טשופרינע פון אונטער מלך סאָבעצקיס אָן איבערגעקערטער הוט פאררוקט אַפן פּאַטילניצע, אין אַ זשילעטקע, טיכל אַפן האַלדז, באַהאָר אַפן אַקסל, אַ האַק אין רימען. ער שטעלט אַוועק דעם באַהאָר צום בוים און וואַרפט אַרויס די האַק. ער איז אָנגעלאָדן. דרייט זיך אַרום אַ פּאָר מאָל, לאָזט זיך אַראָפּ לעבן טיש און שיסט נאָך אַ קליינער פּאוזע אַרויס:)

י אַ נ ק ל :

מ׳קריכט מיר אין די הענט אַריין!... מ׳קריכט!... אויב מען וועט אָבער אַריינקריכן... אויב מען וועט אַריינקריכן... אין דר׳ערד וועט אַלץ אַוועק!.. (קיינער ענטפערט ניט. קליינע פאוזע. ער קריכט מיט זיינע בליקן פון איינעם אַף דעם אַנדערן און שניידט זיך אַריין אין לאַטוטניק) לאַטוטניק!...

ל אַ ט ו ט נ י ק:

ווּ־ווּ־וואָס ווילסטו?

י אַ נ ק ל :

אהער גיי!

ל אַ ט ו ט נ י ק:

אַף וואָס דאַרפסטו מיך?

י אַ נ ק ל :

אין דיין מאַמעס צענואָפטע גערעדים אַריין!...

ל אַ ט ו ט נ י ק:

אַ־אַ־אַף וואָס דאַרפסטו מיך?

י אַ נ ק ל :

איך וועל דיר דיינע קישקעס אַרויסרייסן!.. (קלאַפּט זיך אין ברוסט) כ׳וויל ניט מ׳זאָל מיר אַהער קריכן, געהערט? (גיט לאַטוטניקן אַ פייער, אַז יענער פאַלט פון די פיס).

ל אַ ט ו ט נ י ק:

ווּ־ווּ־וואָס ווּ־ווּ־ווילסטו פון מיר? ווּ־ווּ־וואָס האָסטו צו מיר? (הויבט זיך אויף) ווּ־ווּ־אָס...

י אַ נ ק ל :

(קלאַפּט זיך אין ברוסט) ס׳איז יאַנקלס!... יאַנקלס איז דאָס!... קיי־נער טאָר אַהער ניט קריכן!... געהרגעט וועט יענער ווערן!... (רוקט זיך צום לאַטוטניק מכבוד צו זיין אים נאָך עטלעכע מאָל. דער לעצטער טראָגט זיך אָפּ באַצייטנס שטאַמלענדיק: „וואָס ווילסטו פון מיר?”, „וואָס האָסטו צו מיר?”) אַף שטיקער וועל איך צעשניידן יעדערן, וואָס וועט קריכן אַהער!... (לאַטוטניק אָפּ. מלכה־דאָבע ווייזט זיך אָפּן וואַראַנ־דע, ווי זי וואָלט וועלן זען, וואָס דאָ טוט זיך. שפּייט אויס און צוריק אָפּ). אַ כאָליערע אין זייערע גערעדים אַריין!... (זעצט זיך) אַ כאָליערע!...

(אסתר קומט מיט אַ באַהאָר אַפן פלייצע. שטעלט דעם באַהאָר צום בוים).

א ס ת ר :

ס'רייסט אַף שטורם. לייב איז נאָך ניט געקומען, ר' קאָפל?

ק אָ פ ל :

ער איז, דאַכט זיך, בא זיין טאַטן...

א ס ת ר :

טאָמער קומט ער, זאָגט אים, אַז איך האָב ניט געהייסן מער פאָרן היינט...

ק אָ פ ל :

גוט. (אסתר אָפּ אַפן וואַראַנדע) אויך אַ פּאָר: זי — מיט לייבן. זי די גרויס, ווי אַן אַרבעס און ער — שפּאַרט אונטער דעם הימל... (פון טייך אַ פייף). וויפיל?

פ ו ן ט י י ך :

פיר!

ק אָ פ ל :

פיר קאָרניקעס! (אַלע, אויסער יאַנקלען, נעמען זייערע העק און באַהאָרעס און אָפּ אין שיפלעך אַפן טייך. פּאַוזע).

(קאָרניקעס קומען אָן אין שיפלעך פון טייך. פערלע קומט נאָך זיי אין איר שיפל מיט קאַנאַטן. די קאָרניקעס שטעלן איין די שיפלעך, וואַרפן אַרויף די באַהאָרעס אויף די פלייצעס און אָפּ מיטן ברעג לינקס. איין פערלע בלייבט. זי קריכט אַריין אין וואַסער מיט אירע הויכע שטיוול ביז די קני און טאַפּט עפּעס אין אונטערן־וואַסער־טייל פון שיפל, נאָכדעם נעמט זי אַ פּאָר בייגל קאַנאַטן אַפן אַקסל און וואַרפט זיי אַראָפּ אונטערן וואַראַנדע. באַמערקט יאַנקלען).

פ ע ר ל ע :

וואָס שוין צעדרייט?

י אַ נ ק ל :

איך וואָלט עפּעס וועלן... עפּעס, פאַרשטייסטו מיך,... עפּעס... — אַ כאָליערע אין זייערע גדערים אַריין!... נו, אָבער... אויב... (גיט אַ זעץ אין טיש) אין דר'ערד וועט אַלץ אַוועקגיין!...

פ ע ר ל ע :

געווען צו דער לויה?

יאַנקל:

פאַרבייגעגאַנגען...

פערלע:

פאַרשטאַנען. אַריינגעשאָלטן, מסתמא, אַ ביסל?

יאַנקל:

אין זייערע מאַמעס געדערים!...

פערלע:

פאַרשטאַנען. (פאַרטראַכטע פאַוזע). נו, מילא!.. קום העלף דעם אינ־סטרומענט אַרויסשלעפּן...

יאַנקל:

(גיט איר אַ כאַפּ אָן איין האַנט, די צווייטע אין די באַקעס) אָט זעגען מיר! זאָל זען — ווען עס ווילט זיך! אמת, אַלע אמת!... קיינעמס טריבעכס עסק!... אַלע קענען אויספּגרן!.. אַלע!... אַלע!...

פערלע:

מ׳קען דערזען...

יאַנקל:

איך וויל אַלע זאָלן זען!.. איך האָב זיי אַלעמען אין דר׳ערד!...

יאַנקל:

ביסט דאָך משוגע!..

יאַנקל:

אַלעמען אין דר׳ערד!... אַלעמען!... איך וויל אַלע זאָלן זען!... אַלע!...

פערלע:

(פאַרשטאָפּט אים מיטן האַנט דעם מויל און באַפרייט זיך פון אים) מ׳וועט זיך דאָך צונויפלויפן...

יאַנקל:

איך האָב זיי אַלעמען אין דר׳ערד!...

פערלע:

ביסט שוין אפילו געמעכט: מ׳וועט שוין באַלד ניט קענען באַהאַלטן, אפילו אַז מ׳וועט וועלן...

יאַנקל:

(צעעפנט ברייט די אויגן) וו־וו־וואָס?

פּ ע ר ל ע:

דאָס, וואָס דו האָסט געהערט...

י אַ נ ק ל:

(קוקט אַ ווײַלע אַף איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, נאָכדעם גיט ער איר אַ כאַפּ אײַנדערהויך און דרייט זיך מיט איר, משוגע פאַר גליק) פּערלע!... פּערלעצקע!... אין דר׳ערד, אַלע אין דר׳ערד!... אין מיר איז איצט טויזנט יאַנקלס!... טויזנט יאַנקלס!... טויזנט יאַנקלס!... טויזנט!...

פּ ע ר ל ע:

דו ביסט משוגע!...

י אַ נ ק ל:

משוגע, משוגע, יאַנקל איז משוגע!... ווי האָסטו מיר דאָס פריער ניט געזאָגט? משוגע!...

פּ ע ר ל ע:

(פאַרשטאָפּט אים דעם מויל און באַפרייט זיך פון אים). דאָס גרויסע גליק, די שמחה!... ווען איך קען, וואָלט איך, דאַכט זיך, אײנאײנעם מיט די גערערים אוועקגעגעבן!... דאָס גליק!... דאָס גרויסע גלאָק!...

י אַ נ ק ל:

פּערלע, איך וויל דאָס ניט הערן!..

פּ ע ר ל ע:

געהערט. קום דעם אינסטרומענט אַרויסטראָגן. אַרויף מיט מזל אַף אַ שטיין. פאַרן לאָטוטניק אַרבעט...

י אַ נ ק ל:

מ׳וועט אַרויסטראָגן אָן דיר. (גייט צום שיפל) כאַ־כאַ־כאַ!.. אַ יאַנקעלע, אַ קליינער יאַנקעלע וועט זיין!... (נעמט אַ פּאָר בייגל קאַנאַטן אַפן פּלייצע) האַק נאָך! די גאַנצע טייך קענסטו מיר היינט אַרויספוואַליען — שלעפּ איך אַוועק! האַק נאָך! (זי לייגט קאַנאַטן אים אַפן פּלייצע) אַ כאָליערע אין זייערע גערערים!..

פּ ע ר ל ע:

וועט זיין גענוג.

י אַ נ ק ל:

האַק נאָך!...

פ ע ר ל ע:

(לייגט אַרויף נאָך אַ בייגל קאַנאַטן) וועט זיין געגוג.

י אַ נ ק ל:

האק נאָך, זאָג איך דיר! עס וואָלט זיך עפּעס וועלן... עפּעס וועלן די גאַנצע וועלט איבערקערן!... איי, וועט זיין אַ יאַטל, פּערלעצ־קע!... האק ארויף אַלץ!... (פּערלע וואַליעט אַרויף נאָך אַ פּאָר בייגל קאַנאַטן יאַנקלען אַפן פּלייצע). אַט־אַ־דאָ, באַם טייך, וועט ער ארומלויפן, דער ממזר, אַ כאָליערע אין זיינע פיסלעך אריין!... כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

פ ע ר ל ע:

(גיט אַף אים אַ וואָרף אַ פייערדיקן בליק) יאַנקל!.. (דאָס ווירקט. ער אָפּ מיט די קאַנאַטן צום וואַראַנדע. פּערלע נעמט צונויף די איבעריקע עטלעכע בייגל קאַנאַטן און אָפּ נאָך אים. אונטערן וואַראַנדע וואַרפן זיי דאָס אראָפּ. יאַנקל זעצט זיך אַף די קאַנאַטן).

י אַ נ ק ל:

קום אהער!

פ ע ר ל ע:

ד׳ווערסט מיך זען שפּעטער אין שטוב.

י אַ נ ק ל:

איך האָב זיי אַלעמען אין דר׳ערד!...

פ ע ר ל ע:

יאַנקל!

י אַ נ ק ל:

(גיט איר אַ כאַפּ צו זיך אַפן שויס און גראָבט זיך איין מיט זיינע ליפּן אין איר ליידנשאַפטלעך) פּערלע... פּערלעצקע!... אין דר׳ערד, אַלעמען אין דר׳ערד!... איך בין דאָך אַ גאַנץ אַנדערער געוואָרן, זינט דו האָסט מיך פון „דאָרטן" ארויסגעשלעפּט... אַ געזונט אין דיין קאָפּ אריין!...

פ ע ר ל ע:

יאַנקל, יאַנקעלע, שווייג... שריי ניט...

י אַ נ ק ל:

פּערלע... פּערלעצקע... (ס׳הערן זיך טריט).

פּערלע:

לאָז אָפּ!... מ׳גייט!... (באַפרייט זיך. אסתר אַראָפּ פון וואַראַנדע און אָפּ, באַמערקט זיי ניט). קום די שיפּל אַרויסציען. (גייען צו צום שיפּל. רופט) עי, קומט צולייגן אַ האַנט! (עס קומען עטלעכע קאַרניקעס. צווישן זיי לייב). און אָט איז אויך לייב! לייג צו האַנט!

לייב:

וואָס מיטאַמאָל?

פּערלע:

אַרויף אַף אַ שטיין.

לייב:

באַ דיר גייט עפּעס די לעצטע צייט מיט די פוטער אַראָפּ...

פּערלע:

מ׳פאַרגינט ניט, גייט עס מיט די געשמירטע אַראָפּ. לייג צו אַ האַנט און פרעג קיין קשיות ניט. זינט קינפּעטאָרינס האָבן גענומען שטאַרבן, ביסטו אַן איבערגעקערטער געוואָרן... נישקשה, שדים וועלן איר ניט נעמען!...

לייב:

קאָמאַנדעווע.

(אַלע נעמען זיך פאַר די זייטן פון שיפּל).

פּערלע:

(קאָמאַנדעוועט) אַ נעם! אַ־אַ־אוי!... (אַלע ווידערהוילן דעם זעלביקן אויס־געשריי, שלעפּן אַרויס די שיפּל אַפן ברעג און קערן איר איבער מיטן דעק אַרויף. פּערלע און יאַנקל באַטראַכטן דעם איינבראָך אין שיפּל).

(ס׳ווערט טונקעלער, דער ווינט פאַרשטאַרקט זיך. קאַרניקעס קומען פון טייך, שטעלן איין די שיפלעך, נעמען זייערע באַהאָרעס אַף די פּלייצעס און אָפּ: ווער — מיטן ברעג, ווער — צום וואַראַנדע. זעצן זיך אַף די בענק און אַפן לאַטוטניקס שיפּל. פאַררויכערן, קוקן אַפן הימל, אַפן טייך. יאַנקל — צו די קאַרניקעס. פּערלע אָפּ מיטן ברעג לינקס. פון טייך אַ פּייף).

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס:

— שפּעט!

— שטורמדיק!

— שטעלט זיך אין ברעג!

— שטורמדיק!

פ ו ן ט י י ך:

(ניט ווייט) איין קאָרניק!...

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס:

— היינט — ניט!

— שטורמדיק!

— מ׳קען ניט!

— דער וועג שווער קענטיק!

— דער ווינט וועט אַרויסרייסן פון וועג!

(פּריקאַזטשיק קומט).

פ ר י ק אַ ז ט ש י ק:

וואָס דרייט איר מיר אַ מח? איך דאַרף אַ קאָרניק! נישקשה, שדים וועלן אייך ניט נעמען!... לאָזט מיר אַראָפּ דעם פּליט!...

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס:

— מ׳קען ניט!

— זייט קיין יאָלד ניט!

— מ׳וועט אַרויף אַף אַ שטיין!

— מ׳וועט אייך צעשיטן דעם פּליט!

— אַז מ׳זאָגט — מ׳קען ניט!...

— אַ מאָדנער ייד דאָס איז!...

פ ר י ק אַ ז ט ש י ק:

איך קען דאָ ניט ליגן קיין דריי מעת־לעתן! וואָס עס זאָל ניט קאָסטן, דער פּליט מוז מיר אַראָפּגעלאָזט ווערן!...

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס:

— ער איז ניט קיין יאָלד, דער מלמד!

— איר האָט זיך ניט געהאָדעוועט אַף פּאַמונעצע־וואַסער?

— איר מוזט זיין פון די בעריעס!...
— ער האָט געמוזט זען אַ שטורם באַ דער מאַמען אונטערן פאַרטוך, דער האָן!...

פּריקאַזטשיק:

גייט צו אַלדי שווארץ יאָר! וואָס דרייט איר מיר אַ ספּאָדיק!... וואו שטורם? ווען שטורם? וואו האָט איר געזען אַ שטורם? עס וועט מאָרגן זיין אַ שטורם, דאַרף איך ניט זיצן און וואַרטן אַף אים? איך וויל פון קיין זאַך ניט וויסן! איך וועל פון דאַנען ניט אַוועקגיין, ביז וואַנען איר וועט מיר דעם פּליט ניט אַראָפּלאָזן!..

יאַנקל:

(נעמט דעם באַהאַר) קריך אַף די בערוועגעס! די הענט אַ ביסל פונאַנ־דערנעמען...

פּריקאַזטשיק:

יאַנקל איז אַ בראַט!

יאַנקל:

גיב עפּעס אַ גוטן קורקעדיקן! (דער פּריקאַזטשיק גיט אים אַ פּאַפּיראָס. ביידע פאַררויכערן. יאַנקל נעמט די האַק, רוקט זי אַריין אין רימען פון די הויזן און אַף מיטן פּריקאַזטשיק אַפן טייך).

(סקומען: דוד־בער, אברהם און עטלעכע עלטערע קאַרניקעס. מ'טראָגט זיי אַרויס אַנטקעגן וואַסער מיט אַ קוואָרט. זיי וואַשן אַלע די הענט, איידער זיי קומען צו צו דער קאַרניצקער סטאַנציע. דוד־בער לאָזט זיך אַראָפּ אַפן באַנק לעבן טיש, האַלט די נאַסע הענט אינדערהויך. די הענט ציטערן אים. אַלע געקומענע אויפגערודערט. האַלטן די נאַסע הענט אינ־דערהויך. דרייען זיך אַרום. דוד־בער זיצט אַ ווײַלע, נאָכדעם הויבט ער זיך אויף און אַף אַפן וואַראַנדע. אברהם, וואָס האָט זיך געהאַלטן באַ־זונדער — אַפּ. די קאַרניקעס, וואָס זענען דאָ געווען, גרופּירן זיך אַרום די געקומענע).

דאָ־געוועזענע קאַרניקעס:

— וואָס איז?
— ס'האָט עפּעס פּאַסירט?
— וואָס איז?
— ס'האָט עפּעס געטראָפן?

— עפּעס געטראָפן בא דער לויה ?
— ווי ער זעט אויס !..
— אים ניט צו דערקענען...

געקומענע קאַרניקעס:
— מ'האָט אים געשאָלטן...
— דעם גאַנצן וועג געשאָלטן...
— און אפן בית־עלמין געשאָלטן...

דאָ־געוועזענע קאַרניקעס:
איי־איי־איי, דוד־בער געשאָלטן !..

איינער פון די געקומענע:
אַז מען האָט איר אין קבר אַראָפּגעלאָזט, האָט אים איר טאַטע צום אָפענעם קבר צוגעפירט און געוויזן : „דו זעסט, דוד־בער ? — איבער דיר, איבער דיין שטוב, זענען צוויי נפשות פון דער וועלט אַוועק!... דאָס זאָג איך, אָט פאַר דער גאַנצער עדה און פאַר דעם, וואָס איבער אונדז.. דו האָסט אַן אייגענע טאָכטער... איך שילט ניט... אָבער געדענקען זאָלסטו — ער אויבן זעט און ווייסט אַלץ...". ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, די טרערן האָבן אים אָבער פאַרשטיקט און ער האָט מער גאָרנישט ניט געקענט אַרויסריידן...

מערערע:
איי־איי־איי !...

צווייטער פון די געקומענע:
אַ מינוט איז ער געשטאַנען איבערן אָפענעם קבר מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט אָפּגעווישט די טרערן און געהייסן דעם קבר פאַרשיטן. איר פאַרשטייט ? דוד־בער איז געשטאַנען בלייך, ווי אַ טויט. האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט. באַגלייט איר אין איר רו אריין, אויסגעהערט דודלס קדיש און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אהיים אַוועקגעשלעפּט... זיך קוים געבראַכט צו שלעפּן...

מערערע:
איי־איי־איי !...

(מלכה־דאָבע און דוד־בער קומען אַפּן וואַראַנדע).

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

(צו דוד־בערן) וואָס איז מיט דיר? זע ווי דו זעסט אויס!..

(די קאָרניקעס גייען זיך פונאַנדער פון די רעדלעך).

ד ו ד ־ ב ע ר:

(צו מלכה־דאָבען מיט כעס) גאָרנישט, גאָרנישט! וואָס ווילסטו האָבן פון מיר? גאָרנישט!..

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

וואָס גאָרנישט? זע, ווי דו זעסט אויס!...

ד ו ד ־ ב ע ר:

גאָרנישט!...

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

צו מיינע שונאימס קעפּ!... (אָפּ אינדערטיף פון וואַראַנדע).

(דוד־בער גייט אַראָפּ פון וואַראַנדע און לאָזט זיך אַראָפּ אַפן באַנק לעבן טיש. קליינע פּאוזע. פּערלע קומט, נעמט צונויף די רודער מיט די באַ־האָרעס, פון דעם אָרט, וואו איר שיפל איז פריער אין וואַסער געזעסן, שטעלט זיי אַרום בוים און גייט אַרויף אַף די טרעפּ פון וואַראַנדע).

פּ ע ר ל ע:

גיט מיר, שוויגער, אַ גלאָז קוואַס. אין האַלדז איבערגעטריקנט אַלץ... (קאָרניקעס ווארפן זיך דורך מיט קרומע בליקן אַף איר חשבון. מלכה־דאָבע דערלאַנגט איר אַ גלאָז קוואַס. פּערלע גייט אַראָפּ פון די טרעפּ, זעצט זיך אַף לאַטוטניקס שיפל, פּארלייגט אַ פוס אַף אַ פוס און טרינקט. דוד־בער קוקט פאַרשנד אַף פּערלען).

ד ו ד ־ ב ע ר:

וואָס אַזוי אומעטיק, פּערלע?

פּ ע ר ל ע:

ניטאָ פון וואָס פרייליך צו זיין.

ד ו ד ־ ב ע ר:

געווען צו דער לויה?

פּ ע ר ל ע:

ניט געווען.

ד ו ד ־ ב ע ר :
פאַרוואָס ?

פ ע ר ל ע :
ניט געוועזן קיין צייט.

ד ו ד ־ ב ע ר :
היינט געמעגט נעמען צייט. ס׳איז אפילו שווער צו קוקן אויף א יונגן אָפּגעבראָכענעם בוים, עס דערמאָנט אָבער, אַז יונגע זענען אויך פונם טויט ניט פאַרזיכערט...

פ ע ר ל ע :
דאָס ווייס איך אַזוי אויך.

ד ו ד ־ ב ע ר :
דאָס ווייסטו, זאָגסטו ?

פ ע ר ל ע :
דאָס ווייס איך. מ׳קען זיין יונג, געזונט און שטאַרק און — ליגן טיף אין דר׳ערד באַגראָבן... (קליינע פּאוזע). אָפּן בית־עלמין ליגן, איז נאָך נישקשה !... אָט, אַז מען ווערט באַגראָבן אַזוי ווי איך בין באַגראָבן, איז שוין איין מאָל באַגראָבן !... אַ מאַן... אַ קינד... נו, — און עפּעס אַ סך גליק ? פּערלע איז איבערן קאָפּ אין צרות און האָט נאָך דעם קאָפּ ניט אַראָפּגעלאָזט: אַרבעט נאָך, מאַטערט זיך, איז דאָס קשה: נאָך ניט באַשאָטן !..

ד ו ד ־ ב ע ר :
קיינער וויל דיך ניט באַשיטן. איך האָב געזאָגט, אַז דו האָסט געמעגט צוגיין היינט. זען, הערן. און הערן האָסטו געמעגט. ווייל מ׳רעדט וועגן דיר, וועגן מיין שטוב... און מ׳רעדט ניט קיין גוטעס... מ׳רעדט ניט קיין שיינעס... מ׳שילט, מ׳שילט ביטער...

פ ע ר ל ע :
איך קען קיינעם דעם מויל ניט פאַרמאַכן.

ד ו ד ־ ב ע ר :
איז דאָס אמת ?

פ ע ר ל ע :
וואָס אמת ?

ד ו ד ־ ב ע ר :
דאָס, וואָס מ'רעדט...

פּ ע ר ל ע :
צי לעב איך מיט יאַנקלען, דאָס ווילט איר וויסן?

ד ו ד ־ ב ע ר :
אדרבה, לאָמיר פון דיר הערן...

פּ ע ר ל ע :
וואָס עפּעס מיט יאַנקלען אַליין? איך לעב מיט אַלעמען! מיט דער גאַנצער טייך קאַרניקעס! באַ מיר זענען אַלע גלייך! אַ מאַן האָב איך אַ בעל־מיוחס, איז שוין דריי יאָר, ווי איך האָב אים צעמזיקט און אַרויסגעשליידערט פאַר פאַרגוואַלטיקן אַ שיקסע אויף די פּליטן... קיין גט — גיט ער ניט, אַ מאַן דאַרף איך, לעב איך מיט וועמען עס מאַכט זיך!.. וועמענס עסק איז — וואָס איך טו מיט זיך? איך פרעג עפּעס אַ סך, וואָס איר אַלע טוט מיט זיך? איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין רעכענונגען! אַלע רעכענונגען האָב איך מיט זיך און פאַר זיך!.. (גייט אַרויף אויף די טרעפּלעך פון וואַראַנדע) נאָ'ט אייך, שווּיגער, די גלאָז. (מלכה־דאָבע נעמט פון איר די גלאָז). מיין שטיפער איז ניט געווען?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע :
געווען מיט דיין מאַמען ניט לאַנג.

פּ ע ר ל ע :
ער איז געווען אין חדר?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע :
געווען.

(מיטאַמאָל).

א י נ י ק ע ק אָ ר נ י ק ע ס :
— יאַנקל אַרויס פון וועג!...
— אַרויס פון וועג!..

(אַלע גיבן אַ קער זייערע קעפּ אָפּן טייך. קוקן אָנגעשטריינגט).

וועג — אַ געשלענגלטע שטראָם־סטיעזשקע צווישן די פּאַראַהע־שטיינער.
דער איינציק־מעגלעכער וועג אין פּאַראַהעס פאַר פּליטן, שיפלעך, לייוועס א. א.

ש ט י מ ע ן פ ו ן ד י ק אַ ר נ י ק ע ס:

— אַרויס!

— טראָגט אַף די שטיינער!

— טראָגט!

— ער נעמט מיט כח!

— טראָגט!

— ער אַרבעט, ווי אַ שד!

— באַ די שטיינער!

— פאַרפאַלן!

— אפשר נאָך ניט...

— אַף די שטיינער!

— פאַרפאַלן!

— אַף די שטיינער!

— פאַרפאַלן!

(אָנגעשטריינגטע פאַוזע, נאָכדעם פון אַלעמען, אויסער דוד־בערן און פערלען).

— אַרויף!

(פון טייך אַ ווייטער קראַך און אַ רעטונגס־רוף. די קאַרניקעס גיבן זיך אַ וואָרף צו די באַהאָרעס מיט קולות: „שיפלעך!").

ד ו ד ־ ב ע ר:

(מיט שטאָלענער קאַלטקייט) איך היים ניט! קיין איין שיפל וועט ניט אָפּגיין פון ברעג! ווען ס׳איז באַשערט, וועט בלייבן לעבן!..

(די קאַרניקעס בלייבן פאַרגליווערט אין זייערע ערטער. פערלע פילט איר לאַגע. אַ קליינער קאַמף מיט זיך, גיט זיך אַ וואָרף צום בוים, כאַפּט אַ באַהאָר מיט רודער, שפרינגט אריין אין דער ערשטער בעסטער שיפל און אַפּ אַפּן רעטונגס־רוף).

ד ו ד ־ ב ע ר:

(ציטערנדיק) דערלאַנגט... דערלאַנגט שיפלעך... (לאָזט זיך אַראָפּ אַפּן באַנק). ניט געגלויבט... ניט געוואָלט גלויבן...

(די קאַרניקעס רירן זיך ניט פון אָרט).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

צווייטער אַקט.

די בינע.

אַ חדר אין פּערלעס שטוב. צוויי קליינע פענצטער אַפן טייך אַרויס. אַ טיר לינקס — אין שלאָף־חדר; צוויי טירן רעכטס: איינע צום קיך, די צווייטע — צום דרויסן אַרויס. אַ טיש, עטלעכע שטולן, אַ קאַנאַפּע, אַ געשיר־שרענקל. פאָרהאַנקעס אַף די פענצטער, ווילדע גראָזן אין טעפּ. אַפן דיל אויסגעשאָטן אַ זעמדל. זויבער. אַף אַלץ איז אויסגעגאָסן אַ דאָרפישקייט, אַ גראָבע אָבער געזונטע שיינקייט.

נעענטער צום אָוונט.

זלאַטע — אַן עלטערע יידענע אין וואַסער־שטיוול, בעלמע אַף דער רעכטער אויג. טראָגט אַ גרויסן רונג קאַנאַטן אַפן אַקסל פון קיך אין דרויסן אַרויס. קוים וואָס זי שלעפּט זיך. טראָגט אַרויס און קומט צוריק.

(חיה קומט).

ח י ה:

פערלע איז נאָך ניט געקומען?

ז ל אַ ט ע:

ניטאָ נאָך.

ח י ה:

זי איז נאָך גאָרניט געווען?

ז ל אַ ט ע:

האָט זיי די שיפל דערלאַנגט — איז זי נאָך ניט געקומען... איי־איי!

ח י ה:

זי פאַרשטייט, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן...

ז ל אַ ט ע:

איי־איי, דערלעבט...

ח י ה:

מ׳גייט ארום איבערגעקערטע. אַ קלייניקייט, אַ שפּילכל!.. זיי האָבן היינט באַטאָג געכאַפּט יאַנקלען אָפּן טייך, האָבן זיי איינע די אַנדערע שיעור ניט צעקוילעט. אָף די הערצער איז דאָך אַזוי ביטער!.. מ׳זאָל זיי ניט אָפּטאָן קיין מעשה. פאַר איר האָט מען נאָך מורא צוליב דוד־בערן, אָבער אים וועלן זיי אַוועקלייגן, ווי אַ סנאָפּ. האָבן מיר צו אים געפּרוואווט ריידן — ס׳ווילט זיך פאַרכאַפּן. איינט רייד צו אים, רייד!..

ז ל אַ ט ע:

דערלעבט...

ח י ה:

אַז פערלע וועט קומען, זאָלסטו איר זאָגן, אַז דוד־בער האָט איר גערופן.

ז ל אַ ט ע:

אָף וואָס דאַרף ער איר?

חיה:

אַף וואָס דאַרף ער איר? פּאַר יאַנקלען אַרט אים ווייניק, אָבער פּאַר איר אַרט אים. ער האַלט איר פּאַר זיינע אַ קינד... און אסתר איז שוין אויך אַרוים פון די פריע חדשים... ס'איז אַ שפּילכל?

זלאַטע:

דערלעבט...

חיה:

אַ נס וואָס קאָפּל איז נאָך אַ שטיקל מענטש. וועסטו איר זאָגן?

זלאַטע:

זאָגן. דערלעבט...

מיידעלע:

(אין טיר) באָבע, דער זיידע רופט.

חיה:

איך גיי גלייך, טאָכטערקע. (אָפּ).

(זלאַטע אָפּ אין קיך. פּערלע קומט).

זלאַטע:

(פון קיך) ווער איז דאָרטן?

פּערלע:

איך. (וואַרפט אַרויס די האַק דורכן קיך־טיר, זעצט זיך אַפּן קאַנאַפּע, וואַרפט אַראָפּ די וואַסער־שטיוול, טוט אָן שליוירעס און אָפּ אין קיך. באַלד קומט זי צוריק, אויסגעטאָן די אַרבעטס־קורטקע, אָפּגעוואַשן, ווישט זיך). יאַנקל ניט געווען?

זלאַטע:

(קומט) נאָך ניט. וואו ביסטו געווען?

פּערלע:

געגעבכטיקט באַ שלמהן אַף דער אונטערשטער סטאַנציע. זיך ניט געקענט אויפהויבן אַנטקעגן שטורם. ערשט היינט אינדערפרי אַרויפגעריסן זיך...

זלאַטע:

ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. וואָס דאָ טוט זיך, וואָס דאָ טוט זיך!...

פ ע ר ל ע:

איך ווייס.

ז ל אָ ט ע:

ד׳וועסט עפּעס עסן? דו האָסט דאָך, מסתמא, גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל פון נעכטן אָן. די ליפּן באַ דיר צעטריקנט געוועןֿ...

פ ע ר ל ע:

מירן וואַרטן אַף יאַנקלען. (זלאַטע זיפצט אָפּ שווער, קליינע פּאַוזע).

ז ל אָ ט ע:

וואָלט יאַנקל ניט געוועןֿ אין שטוב, וואָלט אפשר צו דעם ניט גע־קומען...

פ ע ר ל ע:

(באָם פענצטער פאַרטראַכט) ד׳האָסט עפּעס געזאָגט?

ז ל אָ ט ע:

כ׳זאָג: וואָלט יאַנקל ניט געוועןֿ אין שטוב, וואָלט אפשר צו דעם ניט געקומען...

פ ע ר ל ע:

קען זיין.

ז ל אָ ט ע:

אפשר וואָלט נאָך איצט, פערלעצקע, ניט געוועןֿ שפּעט?...

פ ע ר ל ע:

שפּעט.

ז ל אָ ט ע:

ווו־וו־וואָס?

פ ע ר ל ע:

שפּעט קלוג צו ווערן...

ז ל אָ ט ע:

פון מיין בויך... פון מיין בויך... אַף דער עלטער דערלעבט...

פ ע ר ל ע:

כ׳וויל זאָלסט אויפהערן!... איך וועל אַליין פאַר אַלץ באַצאָלן!.. זיך אַרויסגעגעבן מיט דעם קאָפּ, איז — אַרויסגעגעבן! אפשר וועט אַזוי בעסער זיין! עס מוז דאָך ווען עס איז נעמען אַ סוף!...

(באַ זלאַטען באַהאַלטענע טרערן. אָפּ אין קיך. פּערלע שפּאַנט דורך אַ פּאָר מאָל איבערן חדר, גיט אַ טרייסל מיט איר קאָפּ האָר, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּטרייסלען פון זיך אַלע שווערע געדאַנקען, און אָפּ אין קיך. יאַנקל קומט. אָנגעטאָן ווי אין ערשטן אַקט, אַ רעקל איבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, אַ האַק פון הינטן אין דעם הויזן־רימען פאַרשטעקט, אַ פּאַפּיראָס אין די ציינער פאַרביסן. איז אָנגעלאָדן מיט פייער. וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם רעקל, וואַרפט אַרויס די האַק דורכן קיך־טיר, די הוט — אַף אַ שטול און ציט זיך אויס אַפן קאַנאַפּע. פּערלע קומט. גרייט צום טיש, שטעלט בראַנפן, גלעזלעך).

פּ ע ר ל ע:

וואָס איז שוין?

י אַ נ ק ל:

גאָרנישט.

פּ ע ר ל ע:

דו זעסט מיר אויס מאָדנע היינט. (יאַנקל ענטפערט ניט. ליגט אַ ווײַלע, נאָכדעם הויבט ער זיך אויף, שפּאַנט צו צום טיש, גיסט אָן אַ פּאָר גלעזלעך בראַנפן און קערט אריין). דאַרפסט מער ניט טרינקען. (יאַנקל גיסט אָן נאָך אַ גלעזל און קערט ווידער אַריין). מיר דיר איז עפּעס היינט ניט גלאַט. דיין טרינקען געפעלט מיר ניט. (יאַנקל ענטפערט ניט). וועט זיין גענוג צו טרינקען. (נעמט צו די בראַנפן פון טיש. יאַנקל ציט זיך אויס אַפן קאַנאַפּע. פּערלע זעצט זיך צו צו אים). וואָס איז יאַנקל? (יאַנקל ענטפערט ניט. ליגט אַ ווײַלע, נאָכדעם הויבט ער זיך אויף מיט אימ־פּעט, טוט אָן דעם רעקל, דרייט אַרויף די הוט אַפן פּאַטילניצע און גיט זיך אַ לאָז צום טיר). וואוהין איז דאָס?

י אַ נ ק ל:

ערגעץ ניט.

פּ ע ר ל ע:

(צוימט אים איבער דעם וועג) ד׳וועסט ערגעץ ניט גיין, יאַנקל!...

י אַ נ ק ל:

לאָז! איך וועל זיי ווייזן!.. אַף אַן אָרט אוועקלייגן!..

פּ ע ר ל ע:

ד׳וועסט איצט ערגעץ ניט גיין! מירן גיין עסן!..

יאַנקל:

לאָז מיך!...

פערלע:

יאַנקל, וועסט ערגעץ ניט גיין! דו טאָרסט ניט גיין און וועסט ניט גיין!...

יאַנקל:

(קלאַפּט אין ברוסט) אַהער קריכן מעגן זיי?... אַהער קריכן מעגן זיי?... (מיט אויפגעצאָרנטן ציטער אין קול) אַהער — מעגן זיי?...

פערלע:

מיר איז אויך ביז דאַנען, אָבער אַז דו וועסט גיין, וועט זיין איבערן קאָפּ. כ'וועל ניט לאָזן!..

יאַנקל:

(קלאַפּט מיטן פויסט אין טיש) אין זייערע מאַמעס געדערים אַריין!... צו זיך מיך פאַררופן... קאָפּעלע, משהלע, ישראלקע, מלכה־דאָבעלע, חיהלע... — געלט... אַ מיידל... מתנות... אַף וואָס דאַרף איך אַ ווייבל?... קען קריגן אַ מיידל!.. פון דאַנען זאָל איך אוועקגיין... דאָס — אַרויסרייסן און זיי אַוועקגעבן!... איך בין יאַנקל! יאַנקל בין איך!.. איך וויל ניט מ'זאָל מיר אַהער קריכן!...

פערלע:

(ווי פאַרזיך) אָט וואוהין זיי ציילן... אָט וואוהין...

יאַנקל:

אַלץ וועט יאַנקל פאַרקויפן, אָבער דאָס וועט ער ניט פאַרקויפן!.. (זעצט זיך אַפּן קאַנאַפּע) אַ כאָליערע אין זייערע געדערים אַריין!.. (פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס מיט ציטערנדיקע הענט פאַר אויפרעקונג).

פערלע:

אָט וואוהין...

יאַנקל:

געלט... נקבות... מתנות... אַ כאָליערע!.. מיטן האַק אין טיש אַ פייער געטאָן!... זייער גליק, וואָס זיי זענען שטום געוואָרן!... דאָס איז אָבער גאַרנישט — די קעפּ געדאַרפט צעשפּאַלטן!...

פ ע ר ל ע:

(גיט אַ טרייסל מיט איר קאָפּ האָר) ע, אַראָפּגעשליידערט פון זיך אַלץ און — אין די הענט אַריין! (רופט דורכן טיר) מאַמע — צום טיש עסן! יאַנקל, — עסן!

ז ל אַ ט ע:

(קומט) אַף וואָס דאַרפסטו מיך?

פ ע ר ל ע:

גיי וואַש זיך עסן!

ז ל אַ ט ע:

כ'וויל ניט. אָן עין הרע זאַט...

פ ע ר ל ע:

(אָנגעצונדן) איך דערצייל דיר עפּעס אַ סך צי איך וויל עסן, צי ניט? גיי וואַש זיך עסן! עס האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט!.. (זלאַטע אָפּ. פּערלע דערלאַנגט צום טיש עסן).

י אַ נ ק ל:

אַ כאָליערע אין זייערע געדערים אַריין!... (זעצט זיך צום טיש. זלאַטע קומט, ווישט די הענט אָן קלייד).

פ ע ר ל ע:

וואו איז יאָסל?

ז ל אַ ט ע:

שפּילט זיך באַם ברעג מיט די קינדער.

פ ע ר ל ע:

ער האָט עפּעס געגעסן?

ז ל אַ ט ע:

ניט לאַנג צוריק אין שטוב געווען. (זלאַטע און פּערלע זעצן זיך צום טיש. אַלע עסן. שווייגן). דאָ איז חיה געווען...

פ ע ר ל ע:

איז זי געווען.

ז ל אַ ט ע:

דוד־בער האָט איר געהייסן, זי זאָל דיך שיקן צו אים, אַז דו וועסט קומען...

פ ע ר ל ע:

געזען איר. (פּאוזע). געווען לאַטוטניק די שיפל פּאַרריכטן?

ז ל אַ ט ע:

ער וויל ניט.

פ ע ר ל ע:

פאַרוואָס?

ז ל אַ ט ע:

מיט איבערגעקערטע מחות גייט מען ארום...

פ ע ר ל ע:

מילא. יאָסל געווען אין חדר?

ז ל אַ ט ע:

דער רבי האָט אים געשיקט אַהיים.

פ ע ר ל ע:

געשיקט אַהיים?

ז ל אַ ט ע:

ער וויל דעם קנעלונג ניט אָנווערן...

פ ע ר ל ע:

וועט יאָסל אין חדר ניט גיין.

ז ל אַ ט ע:

איי־אַיי!... (זיפצט אָפּ).

פ ע ר ל ע:

דער שמיד געבראַכט דעם יאַקער?

ז ל אַ ט ע:

געבראַכט.

פ ע ר ל ע:

גוט אָפּגעשמידט?

ז ל אַ ט ע:

געבראַכט ניט קיין פּאַרריכטן... ער וויל ניט, זאָגט ער, די פּרנסות...

פ ע ר ל ע:

איז ניט.

(יאַנקל הויבט זיך אויף פון טיש, שפּאַנט דורך אַ פּאָר מאָל און ציט זיך אויס אַפן קאַנאַפּע. זלאַטע הויבט זיך אויף פון טיש און אָפּ אין קיך. פּערלע נעמט אַראָפּ פון טיש. יאַנקל הויבט זיך אויף פון קאַנאַפּע און לאָזט זיך צום טיר).

וואוהין, יאַנקל?

יאַנקל:

ערגעץ ניט...

פּערלע:

איך וויל ווּיסן וואוהין דו גייסט.

יאַנקל:

וועל גיין אָנהאָקן האָלץ...

פּערלע:

וואָס אין מיטן דערינען?

יאַנקל:

עס ווילט זיך... עס וואָלט זיך עפּעס וועלן... עפּעס... (זי זאָגט אים גאָרנישט. ער אָפּ. פּערלע ראַמט אויף דעם חדר. עס הערט זיך אַן אכזריות־דיקער האַלץ־שפּאַלטן. פּערלע אָפּ אין קיך).

(עס קומען: מלכה־דאָבע, חיה און עטלעכע ווייבער, נאָכדעם: לייב און פינף קאָרניקעס פון זיין עלטער, אַ פּאָר ווייבער, משה און ישראל. צולעצט: קאָפּל, אברהם און דוד־בער. זעצן זיך אַרום טיש און אַפן קאַנאַפּע. דוד־בער — אויבנאָן).

דוד־בער:

(צו קאָפּלען) ד'וועסט אַריבערגיין צום מלמד און ד'וועסט אים הייסן שיקן נאָך יאָסלען אין חדר אַריין... ד'וועסט אים זאָגן, אַז איך האָב אַזוי געהייסן. אַז ניט, וועט ער בּאַ מיר בלייבן אָן אַ ביסן ברויט...

קאָפּל:

ער איז שוין לאַנג דאָס ווערט געוועזן...

ערשטער קאָרניק:

ער ניט שולדיק. די פישער מיט די קאָרניקעס גענומען די קינדער אוועקנעמען פון אים...

דוד־בער:

(גיט אַ קלאַפּ אין טיש) דוד־בערס קינדער שיקט מען ניט אהיים! פרעגן דאַרף מען דוד־בערן איידער מ׳טוט אַזאַ זאַך! דוד־בער לעבט נאָך! קיינער וועט ניט טאָן, וואָס אים ווילט זיך!.. אַז עס טרעפט אַן אומגליק, אַ צרה — קומט מען צו דוד־בערן, מען מען דוד־בערן פרעגן איידער מען טוט אַפּ אַזאַ זאַך!... און די קאַרני־קעס מיט די פישער זאָלסטו אָנזאָגן, אַז זיי וועלן אָנהויבן צו פּראַ־ווען שטיק, וועל איך זיי, ווי הינט, פון ברעג אַראָפּטרייבן!...

קאָפּל:

וועל זיי זאָגן.

דוד־בער:

פּערלע!...

פּערלע:

(קומט פון קיך. מיט אָנשטעל) ס׳פּאַרא געסט! גאָר ניט געהערט ווי איר זייט אַריינגעקומען!...

דוד־בער:

פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צו מיר, אַז איך האָב געהייסן?

פּערלע:

(מיט געמאַכטער גוטמוטיקייט) און מיט וואָס האָט זיך דאָס מיין שטוב אַזוי פאַרזינדיקט, אַז מ׳טאָר ניט אַריינקומען צו מיר? אַן סכנה, אַז מ׳קומט אַריין, אַז מ׳דאַרף מיך. (פאַרענטפערט זיך) איך האָב זיך געפילט ניט איבעריקס גוט. אפשר וועט איר טרינקען אַ גלאָז טיי? (צום קיך־טיר) מאַמע, מאַך אַ גלאָז טיי! (מ׳קוקט זיך איבער. פּערלע — צום שרענקל נאָך גלעזער).

דוד־בער:

מען דאַרף ניט.

פּערלע:

וועט דער פעטער טרינקען, לייב, אברהם. ר׳ אברהם איז דאָך גאָר אַ זעלטענער גאַסט. און פאַרוואָס זאָלט איר ניט טרינקען, שוועה? (שטעלט גלעזער צום טיש).

ד ו ד ־ ב ע ר:

װעגן דעם װעלן מיר אַן אַנדערש מאָל ריידן. איך װיל װיסן, פּערלע, װאָס װעט זיין?...

פּ ע ר ל ע:

װאָס װילט איר, שװער, ס'זאָל זיין?

(יאַנקל אין טיר).

ד ו ד ־ ב ע ר:

כ'װיל ס'זאָל נעמען אַן עק, פּערלע!

פּ ע ר ל ע:

צו װאָס זאָל נעמען אַן עק?

ד ו ד ־ ב ע ר:

איך װיל, אַז צװישן דיר און יאַנקלען זאָל נעמען אַן עק!..

י אַ נ ק ל:

(שפּרינגט צו װילד צום טיש און פּייערט אין אים אַריין מיטן פויסט) ניטאָ קיין עק! צװישן פּערלען מיט יאַנקלען װעט ניט זיין קיין עק!... אין דר'ערד איז דער עק!.. אַף אַלעמאָל אין דר'ערד!.. קיינעמס טריבעכם עסק, װאָס צװישן יאַנקלען מיט פּערלען איז!.. קיינעמס טריבעכם עסק!.. (אין זיין קול איז װילדקייט מיט כחדיקער אָנגעשפּאַנט־קייט). אַהער געקומען איצט? אין דר'ערד װעט אַלץ אַװעק!...

(אַלע אויסער דוד־בערן שפּרינגען אויף אויפגעקאָכטע).

ק ו ל ו ת:

— אַרויס פון דאַנען!

— אַרויס פון דאַנען!

— נואף!

— נואף!

— אַרויסװאַרפן אים!

— אַרויסשלײדערן אים!

— דעם טויט מאַכן אים!

— ער איז נאָך גערעכט!

— נאָך װייניק געקראָגן היינט!...

(שליסן זיך נעענטער אַרום אים).

י אַ נ ק ל:

(ווילד) אין דר'ערד וועט אַלץ אַוועק! (כאַפּט אַ שטול, גיט אים אַ הויב אויף אינדערהויך און איז גרייט צו דערהרגענען יעדן איינעם, וואָס וועט זיך דערנעענטערן צו אים) אין דר'ערד' וועט אַלץ אַוועקגיין!..

ד ו ד ־ ב ע ר:

שאַ! שאַ! לייב — זעץ זיך! קאָפּל — זעץ זיך! אברהם — זעץ זיך! און דו — זעץ זיך! און דו — זעץ זיך אויך! אַלע — זעצט זיך!

ק ו ל ו ת:

— ער איז נאָך גערעכט!

— פון אַ קנעפּל אויסגאַב קומט אים נאָך!

— ער בעריעט זיך נאָך, דער שיינער שאָם!

— ער מיינט מ'וועט אים קוקן אין צאָן!

— אַ מגפה אין זיין טריפהנער נשמה אַריין!

ד ו ד ־ ב ע ר:

שאַ! זעצט זיך! (אַלע צעזעצן זיך, אויפגערודערט, אַרויסוואַרפנדיק פון זיך אָפּגעריסענע פראַזן. יאַנקל לאָזט אַראָפּ דעם שטול) און דו (צו יאַנקלען) אויב דו ווילסט זיצן ווי אַ מענטש, נעם אַ שטול און זעץ זיך; טאָמער ניט, וועל איך הייסן מען זאָל דיך אַרויסוואַרפן פון דאַנען...

י אַ נ ק ל:

ווער וועט מיך אַרויסוואַרפן פון דאַנען?

ל י י ב א ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס, ו ו אָ ס מ י ט א י ם:

מיר וועלן דיך אַרויסשליידערן פון דאַנען!

פ ע ר ל ע:

(שפּרינגט צו צו יאַנקלען און פאַרשטאָפּט מיט איר האַנט זיין מויל) יאַנקל!

י אַ נ ק ל:

(באַפרייט זיין מויל פון איר האַנט) ווער?

ל י י ב א ו ן ד י ק אָ ר נ י ק ע ס, ו ו אָ ס מ י ט א י ם:

מיר וועלן דיר טויט מאַכן דאָ אַף אַן אָרט!

פ ע ר ל ע:

(לאָזט יאַנקלען ניט ריידן) גענוג! (צו אַלעמען) טומלט ניט, ליאַרעמט

ניט, שרייט ניט! (צו יאַנקלען) יאַנקל — גענוג! ווייסטו וואָס? גיי אַרויס אַף אַ ווײַלע פון דאַנען.

יאַנקל:

(באַפרייט זיין מויל) וועל ערגעץ ניט גיין! וואָלט וועלן זען!...

פערלע:

(לאָזט אים ניט ריידן) יאַנקל, איך וויל דו זאָלסט אַרויסגיין פון דאַנען...

יאַנקל:

איך גיי ערגעץ ניט!

פערלע:

יאַנקל, פאָלג מיך... (שושקעט אים געשיקט אין אויער אריין).

יאַנקל:

אין זייערע מאַמעס געדערים אַריין!.. אַן עק געקומען מאַכן!.. עס וועט ניט זיין קיין עק!... (פאָלגט פערלען און גייט אַרויס. פערלע פאַר־מאַכט הינטער אים די טיר).

מלכה־דאָבע:

נישקשה, איר פאָלגט ער...

פערלע:

יאָ, מיך פאָלגט ער, שוויגער!...

מלכה־דאָבע:

אָנגעווארעמט די פיאַטעס, איז מען ווי טייבעלעך געוואָרן...

פערלע:

אָנגעווארעמט די פיאַטעס! נו, וואָס האָט איר נאָך צו זאָגן?

אברהם:

זי רעדט נאָך, די חצופה, די פאַסקודסטווע!...

פערלע:

ווער האָט נאָך וואָס צו זאָגן? (קוקט אַף אַלעמען, אויסער דוד־בערן, וואַרט אימיצער זאָל נאָך עפּעס זאָגן).

דוד־בער:

(האַקט איבער) זאָל זיין גענוג! איך וויל ויסן, פערלע, וואָס וועט זיין?...

פ ע ר ל ע :

וואָס ס'וועט זיין, שווער, ווייס איך נים. מיינע קאַרטן, ווי איר זעט, זענען אויפגעדעקטע. עס איז אמת: איך לעב מיט יאַנקלען!... נאָך מער: מיר זענען שוין צו ווייט אַוועק!.. איך זע נים, ווי אַזוי עס קען איצט נעמען אַן עק...

(קליינע פארגליווערטע פאוזע).

ד ו ד ־ ב ע ר :

פערלע, ס'מוז נעמען אַן עק!

פ ע ר ל ע :

איר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל זיך אַליין אַ מעסער אין האַרצן אַריינזעצן, אָבער איך האָב אַף דעם אויך עפּעס צו זאָגן!.. צי איך האָב שוין איבער זיך גאָר אינגאַנצן קיין דעה נים? איך וויל נאָך לעבן!... אויב דאָס איז אַן עבירה — נו, איז געזינדיקט!... מ'וועט פאַר מיינע עבירות קיינעם נים שמייסן, און פאַר מיר בעט איך קיינעם נים דאגהנען!...

א ב ר ה ם :

(שפרינגט אויף) מען טאָר נים! מען טאָר נים! מען ווערט געשטראָפט! מען ווערט געשטראָפט!...

ד ו ד ־ ב ע ר :

(איינגעהאַלטן) ביסט נים גערעכט, פערלע! ביסט נים גערעכט! וואָס דיר געפעלט, אָדער געפעלט נים — אַרט מיך נים! דאָס אַרט קיינעם נים! איך וויל ס'זאָל נעמען אַן עק!...

פ ע ר ל ע :

(שפאַנט דורך צעטראָגן איבערן חדר נאָכדעם אַנטשלאָסן) ס'קען קיין עק נים נעמען, שוועה! עס קען נים! עס קען נים, ווייל... איך בין שוין נים אַליין... (שווערע פאוזע). די איינציקע זאַך, וואָס איר קענט און זייט מחויב צו טאָן איצט, איז מיר העלפן פון אייער חיימען קריגן אַ גט. איך בין אים גרייט ביזן לעצטן העמד אוועקצוגעבן! איר, שוועה, ווייסט, אַז דאָס אַלץ: פון דער שטוב — ביזן לעצטן פאַדים, האָב איך אַליין אויפגעהאָרעוועט! און שוועה געהאָרעוועט! איר ווייסט די האָרעוואַניע! איך גיב אים אַלץ אַוועק — אַט זענען אַלע עדות — נאָר זאָל ער מיך פרייַלאָזן! ווען ווייטער

מיט אים לעבן, קען קיין רייד ניט זיין!... דאָס איז די איינ־ציקע זאַך, וואָס איר קענט און זייט מחויב צו טאָן! איר מער ווי אַן אַנדערער: איר האָט מיך צונויפגעפּענטעט מיט אייער חיימען און געלאָזט ווי אַ שיפל אָן אַ באַהאַר דורך די פּאַראַהעס! איר האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּרי ער איז!... איר האָט אפשר געמיינט גוט: וועל אים איבערמאַכן, וועלן זיך איינלעבן... איך האָב אים ניט געקענט איבערברעכן... ניט געקענט שווער!.. (דערשלאָגענע פּאַוזע). און איצט — ווי אַ בלוטיקע וואונד זיצט ער מיר דאָ!...

דוד־בער:

אַזוי ווייט האַלט דאָס... אַזוי ווייט... (קליינע פּאַוזע). גוט, כ'וועל דאָס טאָן. אָבער ביז דו וועסט קריגן פון חיימען דעם גט, מוז אי־בערגעריסן ווערן מיט יאַנקלען!.. ד'וועסט, קאַפּל, זען אַן אָרט פאַר יאַנקלען...

פּערלע:

ער האָט ניט וואוהין צו גיין! אַרויסגעריסן פון זאַלמענס שיינק, וועל איך אים מער אַהין צוריק ניט לאָזן!...

אברהם:

(שפּרינגט אויף) מ'טאָר ניט! מ'טאָר ניט! חצופה!...

קאַפּל:

מ'טאָר ניט!... מ'טאָר ניט!... און איך האָב ניט געוואָלט גלויבן!.. זיך געריסן מיט אַלעמען!...

מערערע:

חצופה! אשת־אישניצע! פּאַסקודסטווע! מ'טאָר ניט!...

פּערלע:

(מיט ציניש־ווייטיקדיקן סאַרקאַזם) צדיקים אין אויסגעשמאַלצענע פּעלצן!.. אָן דער ברכה אונטער די פיר פלעקער זענען מיר נעבעך ניט גענוג כשר פאַר אייך! ניט גענוג כשר פאַר אייך, צאַ־ד־דיקים!... (ענדערט דעם טאָן). אָן אייער ברכה זענען מיר קיין לעבעדיקע מענטשן ניט? האָבן גאָר אינגאַנצן קיין דעה ניט איבער זיך?

קולדות:

— שווייג!

— פאַרשטאָפּט איר דעם מויל!..

— דעם מויל פאַרמאַך !..
— פּאַסקודסטווע !...
— אשת־אישניצע !...
— אשת־אישניצע !...
— אשת־אישניצע !...
— חצופה !...
— חצופה !...

ד ו ד ־ ב ע ר :
(איינגעהאַלטן) שאַ ! שאַ ! שאַ !

פ ע ר ל ע :
(מיט ציטער אין קול) איר דאַרפט צו אַן אשת־אישניצע ניט קומען ! זי וועט אייך אַלץ איינס ניט פאָלגן ! איר האָט דאָך אַנדערע וועגן! אַנדערע, בעסערע וועגן ! איר קענט דאָך יאַנקלען אָנבאָטן אַ מיידל, געלט!.. טוט ווייטער דאָס! פאַרדינט אַ מצוה! פערלע טאָר ניט לעבן! אונטער דער חופּה, פאַר איינע הוצאות, אויך די נשמה־ליכט אָנגעצונדן און די מצבה־ברעטל אוועקגעשטעלט !... איר האָט אָבער אַ טעות ! פערלע וועט אייך ניט לאָזן לעבעדיקערהייט איבער זיך קיין מצבות שטעלן !.. פערלע וועט שטיין איינע אַליין אנטקעגן אַלעמען, אויב עס וועט נויטיק זיין !...

ד ו ד ־ ב ע ר :
(אָנגעצונדן אָבער איינגעהאַלטן) איר טאָרט ניט זיין אונטער איין דאָך מער ! (גייט ביסלעכווייז אַרויס פון די כלים) מען טאָר ניט ! און איך וועל ניט דערלאָזן ! איך וועל איבערשניידן !.. כל זמן איך לעב, וועט מיין שטוב קיין קללה ניט זיין !.. (רואיקער) דו ביסט גערעכט, אַז דו מאָנסט, מ׳זאָל דיר העלפן פון חיימען קריגן אַ גט, אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אָבער כל זמן דו האָסט אים ניט — טאָר מען ניט !.. (גייט ווייטער ביסלעכווייז אַרויס פון די כלים) אַ גאַנצער ברעג מיט יידן וועט ניט שטיין אין סכנה איבער אייך !... קיינער איז ניט שולדיק, וואָס איר פּאַסקודיעט זיך !.. איך וועל מאַכן אַ סוף !.. באַ מיר בעריעט מען זיך ניט ! איך וועל אייך, בעריעס, אַף קייטן אַוועקזעצן און דאָרטן וועט איר זיך חכמענען !...

אַז אַף מיינע אויגן וועלן ליגן שערבלעך, וועט איר טאָן, וואָס איר וועט וועלן !...

פ ע ר ל ע :

וואָס ווילט איר, שווער ? איבערשניידן קענט איר מער ניט ! איצט קענט איר נאָר באַגראָבן !...

ד ו ד ־ ב ע ר :

איך וועל באַגראָבן ! איך וועל באַגראָבן ! דאָס, וואָס טאָר ניט זיין אינאיינעם, וועט אינאיינעם ניט זיין !... דו וועסט בא מיר פאַר־טריקנט ווערן אין סקלעפּ, ווי א צוויג אַף א קייט !..

פ ע ר ל ע :

איר האָט זיך גענומען פאַרן גראָב־אייזן. איר ווילט באַגראָבן און דוקא לעבעדיקערהייט !... (שפּאַנט דורך דעם חדר צערודערט, גיט מיט־אַמאָל אַ טרייסל מיט איר קאָפּ האָר, און גיט אַ שאַרפן קער צו אַן אַרויס־גאַנג). איר האָט מיר געלאָזן איין אויסוועג, שווער ! א בימזערער וועג, א ווייטיקדיקער וועג !.. קיין סקלעפּן וויל איך ניט !... גענוג שווער זענען אָט־די קייטן (פירט אַרום אַלעמען מיטן פינגער) אָן דעם סקלעפּ!... איר ווילט יאַנקל זאָל מיט מיר ניט זיין אונטער איין דאַך, — גוט. ער וועט ניט זיין... אָבער איך וויל... נו, ניט וויכטיק.. (גייט אַרום צערודערט). איר וועט אפשר טרינקען א גלאָז טיי ?

ד ו ד ־ ב ע ר :

(הויבט זיך אויף. אַלע נאָך אים) דו וועסט, קאָפּל, אַריבערגיין צום מלמד וועגן יאָסלען. און וועסט זען אַן אָרט פאַר יאַנקלען... און אַן אָרט זאָלסטו זען...

פ ע ר ל ע :

אַן אָרט וועל איך פאַר אים זען...

ד ו ד ־ ב ע ר :

איך האָב בא קיינעם איצט גאָרנישט ניט געפרעגט ! (צו קאָפּלען) ד'האָסט געהערט, קאָפּל ?

ק אָ פּ ל :

וועל אַריבערגיין... וועל זען...

(אַלע גייען צום טיר. אָפּ. איין פערלע בלייבט פאַרגליווערט).

פ אָ ר ה אַ נ ג).

ד ר י ט ע ר אַ ק ט.

אין דריי מיט אַ האַלב
חדשים אַרום

ד י ב י נ ע.

ווי אין צווייטן אַקט. ס'פילט זיך, ווי דער חדר וואָלט ניט אויפגעראַמט געוואָרן עטלעכע טעג. אַף אַלץ איז אויסגעגאָסן אַן אומעטיקייט.

הערבסטיקער דרויסן. אַרום האַלבן טאָג.

ז ל אָ ט ע:

(באַם פענצטער. ווישט מיטן פאַרטוך די אויגן) מסתמא אזוי באַשערט...

(קליינע פּאוזע. חיה קומט).

ח י ה:

(מיט פאַרווײנטע אויגן) אזאַ יונגע בוים, אזאַ יונגע בוים!...

ז ל אָ ט ע:

גאָט ווייס דעם אמת... מסתמא אזוי באַשערט...

ח י ה:

איי, זלאַטעלע, ניטאָ קיין כּחות... (ווישט טרערן און זעצט זיך אַנטקעגן זלאַטען) אזאַ בוים, אזאַ בוים... דריי מעת־לעת צו קינד געגאַנגען און ניט געקענט האָבן. ס'פאַר אַן אומגליק!.. ס'פאַר אַן אומגליק!... אזאַ גאָלדענע קינד — ליגט דאָס צווישן ליכט, באַלד וועט מען עס צונעמען און אַף אַלעמאָל אין דר'ערד באַהאַלטן... שטיינער דאַרפן קלאָגן... (ווישט טרערן).

ז ל אָ ט ע:

איי־איי־איי... (ווישט טרערן).

ח י ה:

איינט וואָלסו אַ קוק געטאָן וואָס דאָרטן טוט זיך: דעם אַלטן איז ניט צו דערקענען... זיין לעצטע קינד... פון חיימען האָט ער זיך דאָך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט...

ז ל אָ ט ע:

וואָס מאַכט ער?

ח י ה:

דריי מעת־לעתן זענען דאָך אירע קולות צום הימל געגאַנגען... מען האָט אין שול תהלים געזאָגט; מלכּה־דאָבע האָט דעם בית־עלמין געמאָסטן, קברים איינגעריסן... איז ער דאָך צו איר אין חדר ניט אַריינגעגאַנגען. אַז מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אַז עס איז נאָך אַלעמען, איז ער אַריין צו איר, אַרויסגעציטערט „ברוך דין אמת", זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ אָנגענומען און אַפּן פענצטער זיך אַראָפּ־געלאָזט... און אזוי זיצט ער...

ז ל אַ ט ע:

איי־איי־איי...

ח י ה:

איי, זלאַטעלע, ניטאָ קיין כחות... ליב שטייט באַ איר בעט, ווי אַן אָפּגעקוילעטער, דער טאַטע שטייט באַ דער אַנדער זייט אַ פּאָר־קלעמטער, זיין מאַמע מיט די שוועסטער ליגן אַרום בעט... זי איז דאָך באַ אַלעמען געווען ווי איין אויג אין קאָפּ... איין מלכה־דאָבע וויינט ניט — זי רעדט; אָבער איר ריידן, איר ריידן... ניטאָ קיין כחות... (נעמט זיך צונויף) וואו איז פּערלע?

ז ל אַ ט ע:

איז עפּעס ניט אינגאַנצן.

ח י ה:

זי האָט זיך געראַפט אָפּקערן אַף דער הייסער רגע... מ׳גייט אַרום איבערגעקערטע... מ׳זאָגט, אַז זי איז שולדיק אין אַלץ... וואָלסט הערן וואָס עס טוט זיך... מ׳זאָל איר נאָר ניט דערזען...

ז ל אַ ט ע:

יונגע בוימער שטאַרבן און מיר אַלטע הורבות לעבן... איך הער, איך ווייס... וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק? דו ווייסט דאָך... זי איז נעבעך, חושך ווי די ערד... זינט מ׳האָט זיי מיט גוואַלט פונאַנדער־געריסן, איז זי דאָך ניט צו דערקענען... געבליבן ווי אַ געבראָכענע שיפל...

ח י ה:

ווי אַ געבראָכענע שיפל... וואָס טראָגט מען דאָרטן, זלאַטעלע? אין די אויגן איז פינצטער, אַז איך זע די וועלט ניט... (קוקן דורכן פענצטער).

ז ל אַ ט ע:

מ׳טראָגט די טהרה־ברעט...

ח י ה:

וועט באַלד זיין די לויה. מ׳דאַרף גיין. איי, זלאַטעלע, אַזאַ יונג בוים... ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן אַף אַזאַ אומגליק?... ניטאָ קיין כחות...

זלאַטע:

אזא אומגליק...

היה:

איז וואו זעט מען פּערלען?

זלאַטע:

כ'ווייס? — האָט זיך ניט לאַנג צוריק, דאַכט זיך, אַרויסגעשלעפּט אפן הויף...

חיה:

וועל איך איר גיין זען... (הויבט זיך אויף און גייט צום טיר. פּערלע קומט פון שלאָף־חדר. שטאַרק צעחושכט. אין די הויכע חדשים). דו ביסט גאָר דאָ?

פּערלע:

וואו דען זאָל איך זיין? מ'קען דאָך לעבעדיקערהייט אין דער ערד ניט אַריינקריכן... (לאָזט זיך אַראָפּ אַפן קאַנאַפּע). אַן אומגליק מיט אַ לעבעדיקן מענטשן, מומע: — די ערד איז אפילו פאַר אים אויך פאַרשלאָסן...

חיה:

ד'האָסט זיך געדאַרפט אָפּ אַ ווײַלע אָפּקערן, פּערלעצקע... מ'גייט אַרום איבערגעקערטע... מ'זאָל דיך, זאָל גאָט אויסהיטן, ניט דער־זען...

פּערלע:

איך קען זיי די אויגן ניט פאַרמאַכן. ביז היינט האָב איך דאָס ניט געקענט, און היינט, אַז איך בין ניט געזונט, האָף איך שוין אפילו אַף דעם ניט...

היה:

אָבער, פּערלעצקע, גאָט איז מיט דיר!.. קער זיך כאָטש אָפּ אַף דער הייסער רגע... נו, כאָטש ביז נאָך דער לויה... זיי קענען נאָך, חלילה...

פּערלע:

זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן. עס דאַרף דאָך ווען עס איז נעמען אַ סוף... (האַלט זיך מיטן האַנט פאַר די שלייפן). זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן....

זלאַטע:

אפשר וואָלסטו זיך, פערלעצקע, טאַקע אָפגעקערט אַף דער הייסער רגע? אפשר איז חיה גערעכט...

פערלע:

מאַמע, זאָל זיין געגוג!... פון מיינע, מיט אייגענעם שוויס אָנגע־האָרעוועטע, פיר ווינקעלעך וואוהין זאָל איך גיין? אַז זיי וועלן דאַרפן, וועלן זיי דאָך מיך אַליין איינס געפינען!.. זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן...

היה:

איי, דיין איינגעשפּאַרטקייט, דיין אייזערנע איינגעשפּאַרטקייט... (אָפּ).

פערלע:

האָב געוואָלט זען צום לעצטן מאָל אסתרן, זיך אויסוויינען פאַר איר. זי ווייס דאָך, אַז איך בין ניט שולדיק. דאָ איז דאָך אַזוי פיל אָנגעקליבן... אַזוי פיל!... גיי איך דאָך ניט. ווייניק האָבן זיי מיך באַגראָבן? קיין גט — ניט, און זייעריקעס האָבן זיי דאָך אויך אויסגעפירט: איינגעבראָכן אי יאַנקלען, אי פערלען. יאַנקל איז שוין ניט באַ פערלען מער, יאַנקל איז שוין באַ זאַלמענען... נו, און פערלע? ע, ניטאָ וואוהין צו גיין, ניטאָ נאָך וואָס צו גיין... ניטאָ צוליב וואָס צו באַהאַלטן זיך!... (ווישט טרערן, וואָס האָבן זיך באַ איר אַרויסגעקייקלט).

זלאַטע:

מסתמא איז אַזוי באַשערט... (אָפּ).

(פערלע הויבט זיך אויף, און האַלטנדיק זיך באַ די שלייפן, גייט זי אַרויס אין שלאָף־חדר. קליינע פּאַוזע. יאַנקל קומט, שיכור, זעצט זיך אַפן קאַנאַפּע און רייסט די האַלדז־טיילן פון זיין העמד, ווי אים וואָלט געשטיקט).

יאַנקל:

פּ־פּ־פּערלע!... פּ־פּ־פּערלע!..

(פערלע קומט, בלייבט שטיין אין טיר, געפּלעפט).

ש־ש־שטיקט!... ש־ש־שטיקט דאָ!.. ניט דערקענט?... ש־ש־שיכור!... יאַנקל ז'ש־ש־שיכור!.. ש־ש־שיכורט!...

פ ע ר ל ע:

(נעמט זיך צונויף) איך ווייס דאָס.

י אַ נ ק ל:

ד־ד־דו וו־וו־ווייסט דאָס?...

פ ע ר ל ע:

כ׳ווייס דאָס.

י אַ נ ק ל:

ט־ט־טאָ וואָס קו־קוקסטו אַזוי?...

פ ע ר ל ע:

כ׳קוק ווי אַלעמאָל...

י אַ נ ק ל:

קוק ניט ווי אַלעמאָל!.. ש־ש־שטיקט דאָ!.. אָט־אָ־דאָ! (רייסט פון זיך די האַלדז־טיילן פון דער העמד) קו־קום אַהער...

פ ע ר ל ע:

אָט בין איך.

י אַ נ ק ל:

נעענטער אַהער...

פ ע ר ל ע:

(שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אָן טיש, מיטן פּנים אַנקעגן יאַנקלען) נו?

י אַ נ ק ל:

(גיט אַ ריס אָפּ דעם גאַנצן פאַרנטייטל פון זיין העמד, כאַפּט אַרויס אַ מעסער פון כאַליאַווע און רוקט אים פּערלען אין האַנט) נ־נ־נעם!.. (פּערלע נעמט דעם מעסער פון אים, ער אַנטבלויזט פאַר איר די ברוסט) ז־ז־זעץ אַריין!... געוועזן... באַ טמאות געוועזן!.. צוריק אַהין אַוועק!... זעץ אַריין!...

פ ע ר ל ע:

(מיט פאַרשטיקטן ציטער אין קול) וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן... (לייגט אַוועק דעם מעסער אָפּן טיש). זיץ אַ ווײַלע, אַז דו ביסט דאָ...

י אַ נ ק ל:

פּ־פּ־פּאַרקויפט... אַלץ פאַרקויפט דעם טייפל!... זעץ אַריין!...

י אַ נ ק ל:

זעץ זיך צו אַ ווײַלע... איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן...

יאַנקל:

(גיט אַ כאַפּ פון טיש דעם מעסער) אַליין אַריינזעצן אין דער טמאהשער נשמה!... (הויבט אויף דעם מעסער איבער זיין ברוסט. פּערלע פאַרכאַפּט אים זיין האַנט. אַ קורצער קאַמף. דער מעסער בלייבט באַ פּערלען. יאַנקל לאָזט זיך אַראָפּ אַפן קאַנאַפּע).

פּערלע:

געווען, איז געווען. וואָלסט געקומען באַ מיר פרעגן, וואָלט איך דיר אַליין געהייסן גיין... באַרואיק זיך, נאָכדעם וועלן מיר זיך דורכ־ריידן אַ ביסל. (זי גייט צו צום קיך־טיר און וואַרפט ארויס דעם מעסער. יאַנקל זיצט אַ ווילע, נאָכדעם הויבט ער זיך אויף און לאָזט זיך צום טיר. פּערלע פאַרצוימט אים דעם וועג). דאַרפסט זיך איצט ניט אַרומשלעפּן...

יאַנקל:

ב־ב־ברענט!... ב־ב־ברענט!...

פּערלע:

זעץ זיך. (יאַנקל זעצט זיך אַפן קאַנאַפּע) וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן... ד'האָסט זיך געדאַרפט נעמען אין די הענט, יאַנקל... זיך אַרויסרייסן פון זאַלמענס שיינק און ווערן צוריק אַ שטיקל מענטש. וואָס געווען, איז געווען... איך ווי איך, דו דאַרפסט ניט פאַרלאָרן גיין... ווער צוריק אַ שטיקל מענטש... ס'וועט זיך געפינען אַ מיידל, ד'וועסט חתונה האָבן... ד'וועסט פאַרגעסן אַף אַלץ... איר האָלט האָבן... און אַמאָל נאָך גליקלעכער זיין ווי מיט מיר...

יאַנקל:

(גיט זיך אַ וואַרף צום טיר) ש־ש־שטיקט!... ש־ש־שטיקט!...

פּערלע:

יאַנקל!... (פּרואווט אים ווידער פאַרצוימען דעם וועג. ער רייסט זיך אַרויס און אַפּ. פּערלע בלייבט שטיין באַם טיר, גיט עטלעכע מאָל צערודערט אַ זיפץ דורך מיט אירע פינגער די האָר, גייט צו צום שרענקל, גיסט אָן בראנפן און טרינקט דורשטיק. זלאַטע קומט. קוקט דערשראָקן אַף פּערלען).

זלאַטע:

גאָט איז מיט דיר, פּערלעצקע... וואָס טוסטו?...

פּ ע ר ל ע:

גאָרנישט, מאַמע. די כּחות אַ ביסל אָפּגעלאָזן... זיך אונטערשטאַרקן אַ ביסל... (שטעלט אַוועק די גלאָז און אָטעמט שווער) צו וואָס האָסטו מיך, מאַמע, געבראַכט אויף דער וועלט? צו וואָס? צי דען האָסטו אַזוי פיל גליקלעכעס געפונען אַרום זיך?...

ז ל אַ ט ע:

וואָס איז דיר, פּערלעצקע?

פּ ע ר ל ע:

גאָרנישט, מאַמע... אַ ביסל כּחות פעלן פאַר דאָס אַלץ... ניט וויכטיק...

ז ל אַ ט ע:

דו פילסט ניט גוט?

פּ ע ר ל ע:

גוט, מאַמע... גאָרנישט... (שפּאַנט איבערן חדר. זלאַטע ווישט טרערן). (אַ קאָרניק קומט).

ק אָ ר נ י ק:

דוד־בער געהייסן זאָלסט גיין אהין.

פּ ע ר ל ע:

אהין? אויף וואָס דאַרף ער מיך?

ק אָ ר נ י ק:

מ'האָט איר מטהר געווען... געהייסן דיך רופן...

פּ ע ר ל ע:

איך בין ניט געזונט.

ק אָ ר נ י ק:

אַן עולם וואַרט, אַ מת וואַרט...

פּ ע ר ל ע:

איך גיי. (וואַרפט אַרויף אַ טיכל אויפן קאָפּ, גייט צו ביזן טיר, שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ, רייסט אַראָפּ די טיכל פון קאָפּ און גיט אַ וואָרף אויפן קאַנאַפּע). איר וועט אים זאָגן, אַז פּערלע וועט היינט ערגעץ ניט גיין!

ק אָ ר נ י ק:

זאָלסט ניט ערגער מאַכן... (אָפּ. קליינע פּאַוזע).

פ ע ר ל ע:

(צו דער מאַמען) גיי רוף יאַנקלען! ד'וועסט אים זאָגן, אַז איך האָב געהייסן גלייך קומען אַהער!...

ז ל אַ ט ע:

פערלעצקע, טאָכטערל, גאָט איז מיט דיר...

פ ע ר ל ע:

גיי ברייננ יאַנקלען אַהער!...

ז ל אַ ט ע:

פערלע, פערלעצקע... אַף וואָס דאַרפסטו אים איצט? איצט!.. מ'קען נאָך דערזען...

פ ע ר ל ע:

(מיט ווילדקייט) אין בעט אַריין וועלן מיר גיין!...

ז ל אַ ט ע:

(מיט טרערן) פערלע, פערלעצקע...

פ ע ר ל ע:

ברייננ אים!... (שטופּט אַרויס זלאַטען נאָך יאַנקלען און שפּאַנט ווילד) אין בעט אַריין!.. אין בעט אַריין!.. (צעשיט מיט ווילדקייט אירע האָר און רייסט פון זיך אַראָפּ די בלוזקע) אין בעט אַריין!.. אין בעט אַריין!..

ח י ה:

(לויפט אַריין צעמישט פאַר שרעק) אַיי, פערלעצקע, מ'טראָגט אַהער!.. די מיתה אַהער!... אַיי, פערלעצקע, באַהאַלט זיך ערגעץ!.. גאָט איז מיט דיר!.. אַיי, רבונו של עולם!.. באַהאַלט זיך ערגעץ... באַ־האַלט זיך ערגעץ... דוד־בער געהייסן טראָגן אַהער...

ז ל אַ ט ע:

(פאַלט אַריין צעשראָקן) מ'טראָגט אַהער!.. וואָס ווילן זיי? גאָט... פערלע... מ'טראָגט אַהער!... וואָס ווילן זיי... וואָס ווילן זיי... וואָס האָבן זיי צו אונדז...

(פערלע גיט אַ טרייסל מיט איר קאָפּ האָר, ווי זי וואָלט זיך וועלן אויפ־מונטערן. שטייט אַ ווײַלע, ווי צעמישט. נאָכדעם גיט זי זיך אַ וואָרף אין שלאָף־חדר. אָפּ. אַרום שטוב קולות. חיה און זלאַטע טראָגן זיך אַרום

איבערן שטוב צעמישטע, אַרויסשרייענדיק פון זיך פאַרשיידענע אָפּגע־ריסענע ווערטער. אַרום שטוב די קולות שטאַרקער. מ'זעט דורך די פענצטער אַ מיתה און אַ מיינגע קעפּ. עס עפנט זיך די טיר, מ'טראָגט אריין די מיתה, מ'שטעלט איר אין מיטן חדר. אַ פולע שטוב מיט עולם. צווישן אים: אברהם, דוד־בער, לייב, קאָפּל, לייזער, לאַטוטניק, מלכה־דאָבע, משה, ישראל. דוד־בער שטאַרק געענדערט. ווייבער מיט פאַר־ווייגטע אויגן, מענער אויפגערעקטע, צרודערטע).

צ ע ר י י צ ט פ ו ן ע ו ל ם:

— דאָ ליגט דאָס קניפּעלע פון אַלע צרות!...

— געדאַרפט מיט דער ערד אויסגלייכן!...

— א קליינקייט — אַן אשת־אישניצע!...

— אַמאָל האָט מען פאַרשטיינט אַזעלכע ווייבעלעך!...

— אַ קליינישקייט!...

— געזאָגט, מסרה געווען!...

— מיר אַלע זענען שולדיק!...

— געדאַרפט לאַנג אַ שטיין אַפן האַלדז און אין די פאַראָהעס אריינוואַרפן...

— כל זמן דאָס וועט ארומגיין, וועלן מיר אַלע זיין אין סכנה...

— דעם מת צו איר אין בעט!...

— דעם מת צו איר אין בעט אַוועקלייגן!...

— צו איר אין בעט!..

— צו איר אין בעט!..

(אין דער זעלביקער צייט הערן זיך אויך קולות פון עולם, וואָס אַרום שטוב).

ד ו ד ־ ב ע ר:

(מיט אַ קול ווי פון אַ קבר) זלאַטע, וואו איז פערלע?

ז ל אָ ט ע:

איך ווייס ניט... וואָס האָט איר צו איר... וואָס...

א ו י פ ג ע ק אָ כ ט פ ו ן ע ו ל ם:

— זי ווייס ניט!...

— וואָס הייסט, זי ווייס ניט?...

— זי האָט זיך באַהאַלטן...

ק אָ ר נ י ק:

נאַר וואָס געווען דאָ!...

א ו י פ ג ע ק אָ כ ט פ ו ן ע ו ל ם:

— זי איז דאָ!...

— זי איז דאָ!...

— וואו איז זי?...

— וואו איז זי?...

ד ו ד ־ ב ע ר:

(צום עולם) איך האָב באַ קיינעם גאָרנישט ניט געפרעגט!.. (ס'ווערט שטיל) זלאַטע, הייס פּערלען אריינגיין!...

פּ ע ר ל ע:

(קומט פון שלאָף־חדר, צוריק אָנגעטאָן אין בלוזקע, פארשפּילעט) איך האָב זיך ערגעץ ניט באַהאַלטן... אָט בין איך...

א י י נ י ק ע פ ו ן ע ו ל ם:

— אָט איז זי!...

— די אשת־אישניצע!...

— דער אומגליק!...

— די צרה!...

ד ו ד ־ ב ע ר:

שאַ! (אַלע ווערן שטיל). פּערלע, אַהער גיי...

פּ ע ר ל ע:

אָט בין איך. (גייט צו) נו?

ד ו ד ־ ב ע ר:

אָט־אָ־דאָ, לעבן איר, וויל איך הערן פון דיר: דו האָסט געלעבט מיט יאַנקלען.... פון דעמאָלט אָן?....

פּ ע ר ל ע:

(פאַרביסן) יאָ, געלעבט!... וואָס ווילט איר נאָך וויסן?

(אָנגעצונדענע באַוועגונג צווישן עולם. זלאַטע גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ).

ז ל אַ ט ע:

ניט אמת!.. ניט אמת!... ניט אמת!..

פּ ע ר ל ע:

(נאָך מער פאַרביסן) יאָ געלעבט!..

ז ל אַ ט ע:

ניט אמת! ניט אמת! ניט אמת!...

ד ו ד ־ ב ע ר:

אמת... אמת.. — אין סקלעפּ!... אַף קייטן!.. גענוג געשטראָפט געוואָרן!.. מער טאָר קיינער ניט ליידן!...

א י י נ י ק ע פ ו ן ע ו ל ם:

(גיבן אַ נעם פּערלען) קום!..

פּ ע ר ל ע:

(באַפרייט זיך פון זיי) מיר גייען. (גייען אַרויס מיט איר. באַלד דערהערן זיך אירע ווייטיקדיקע קולות פון דרויסן, ווי מ׳וואָלט איר אכזריותדיק גע־שלאָגן).

ז ל אַ ט ע:

(גיט זיך אַ וואָרף צום טיר מיט ביטערן געוויין) וואָס טוט איר?... וואָס טוט איר?... צוויי נפשות!... ס׳איז דאָך אַ ליגן!... אַ ליגן!...

ד ו ד ־ ב ע ר:

(וויל עפּעס זאָגן, נאָר באַ אים קומען אַרויס אָפּגעריסענע ווערטער) אברהם... קאָפּל... לייזער... לייב...

(פּ אָ ר ה אָ נ ג).

פ ע ר ט ע ר אַ ק ט.

אין אָוונט פון דעם
זעלביקן טאָג

ד י ב י נ ע.

פערלעס שלאָף־חדר. שפּעט אין אָוונט. אַ קליינער פייער אין קעראָסין־לעמפּל. אָסענדיק. שטורם יאָמערט אין די פאַראָהעס.

פערלע ליגט אין בעט אין קאָמפּרעסן.

זלאַטע, חיה.

שטאַרק אָפּגעשוואַכטער קרעכצען פון פערלען.

ז ל אַ ט ע:

(באַוואַשנדיק זיך מיט טרערן) און פאַרוואָס? פאַרוואָס? זיי זענען דאָך מער אינאיינעם ניט געווען...

ח י ה:

ווי די האַרץ האָט מיר געזאָגט.... געבעטן זיך בא איר, זי זאָל זיך אָפּקערן...

ז ל אַ ט ע:

מיט די שטיוויילעס אין די געדערים, אין די געדערים... אין זי־בעטן... צוויי נפשות אומגעבראַכט...

ח י ה:

נאָך ווייניק, האָט מען יאַנקלען אויך צעקוילעט... איבערגעקערט האָבן זיי זיך...

ז ל אַ ט ע:

און פאַרוואָס? פאַרוואָס? ס'איז דאָך אַ ליגן!... דו ווייסט דאָך... אַז חיים האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן איר אַ גט, און זי האָט דער־זען, אַז אַלץ איז פאַרשפּילט פאַר איר, האָט זי דאָך אַלע כּחות אוועקגעלייגט, יאַנקל זאָל אָן איר פאַרגעסן... כאָטש איר איז דאָס אַזוי טויטוויי געווען... ער איז דאָך בא איר אַזוי טייער און ליב געווען...

ח י ה:

די באַשערטע פאַר געווען...

ז ל אַ ט ע:

כאַוואַלטן זיי זיך שוין בעסער קיינמאָל ניט צונויפגעטראָפן... (פאַר־לע עפנט די אויגן). וואָס איז, טאַכטערל?

פ ע ר ל ע:

(קוים וואָס מ'קלייבט פונאַנדער) נ־נ־ניט... ג־ג־גוט...

ז ל אַ ט ע:

אפשר ווילסטו עפּעס, פּערלעצקע?

פ ע ר ל ע:

(ווייזט שוואַך מיטן קאָפּ אַף עפּעס) וו־וו־וואָס ל־ל־ליכטיק... ד־ד־דאַרף ש־ש־שוין נ־נ־ניט מ־מ־מער... (חיה דרייט אַראָפּ דעם לעמפּל. פּערלע פאַרמאַכט צוריק די אויגן. זלאַטע און חיה שטייען אַ ווײַלע לעבן בעט, נאָכ־דעם וואַרפט חיה אַרויף די פּאַטשיילע אַף זיך)

ז ל אַ ט ע:

וואוהין גייסטו אוועק?

ח י ה:

גיין כאַפּן אַ קוק אַף יאַנקלען. ניטאָ אפילו ווער עס זאָל אים אַ ביסל וואַסער דערלאַנגען... פאַר אים אַרט דאָך גאָר קיינעם ניט... (אָפּ. קליינע פּאוזע).

(דוד־בער קומט אין זאָקן. קוים וואָס ער שלעפּט זיך אַף אַ שטעקל. שלעפּט זיך צו צום בעט, קוקט זיך איין אין פּערלען און לאָזט זיך נאָכדעם אַראָפּ אַף אַ שטול לעבן טישל).

ד ו ד ־ ב ע ר:

(נאָך קליינער שווערער פּאוזע) שלעכט, זלאַטע, שלעכט... געזעסן שבעה — זיצט זיך ניט. אַן אומשולדיקע, האַ? אַן אומשולדיקע... עס זיצט זיך ניט... שרעקלעך!....

ז ל אַ ט ע:

(ווישט טרערן) אומשולדיקע מיינע...

ד ו ד ־ ב ע ר:

שרעקלעך!... פּאַראַהעם... אַרום און אַרום פּאַראַהעם... אַ גרויסער קאָרניק דאַרף מען זיין.... אַ גרויסער קאָרניק דאַרף מען זיין צו זען דעם וועג!... געקומען צו זיך אַ ביסל?

ז ל אַ ט ע:

פריער האָט זי יאַנקלען געמאָנט, נאָכדעם האָט זי וועגן דעם אויך אויפגעהערט צו דערמאָנען...

ד ו ד ־ ב ע ר:

יאַנקלען.... וואו איז ער?

ז ל אַ ט ע:

ליגט באַ היהן. קאָפּל האָט אים קוים פון זייערע הענט אַרויסגע־ראַטעוועט...

ד ו ד ־ ב ע ר:

יאַנקל... (אָפּ).

(פּאַוזע. יאַנקל קומט צו קריכן. די ברוסט שטאַרצט אַרויס, די קליידער אַרומגעפּליקט. אַלע אַנטבלויזטע קערפּער־טיילן — צעשלאָגן, באַדעקט מיט פאַרטריקנטן בלוט; די האָר מיט פאַרטריקנטן בלוט צונויפגעפּעכט. דער פּנים צעמזיקט און פאַרשוואָלן. ער שלעפּט זיך צו צום בעט, לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני, לייגט אַרויף זיינע הענט אַף פּערלען. פּערלעס אויגן טרעפן זיך מיט זיינע. קוקן זיך אָן אַ ווײַלע. יאַנקל וויל עפּעס אַרויסריידן, נאָר מער ווי די ווערטער „פּערלע, פּערלעצקע" קומען ניט אַרויס באַ אים. פּערלעס אויגן פאַרמאַכן זיך. ער הויבט זיך אויף שלעפּט זיך צו צום וואַנט און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן דיל מיט אָפּגע־ריסענע ווערטער „פּערלע, פּערלעצקע").

ז ל אַ ט ע:

אַ ביסל וואַסער, יאַנקעלע? (יאַנקל ענטפערט ניט) איי, קינדער, קינ־דער, וואָס האָט איר געהאַט צו אונדזערע אַלעמענס יאָרן? (טראָגט אים צו אַ קוואָרט מיט וואַסער. ער שטייסט אָפּ).

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

(פון צווייטן חדר די קאָפּ) נו, רבונו של עולם!.. ניט געוואָרן פון שטוב. אַרויסגעגאַנגען און ניט געוואָרן... (קומט אַריין. זי איז שטאַרק געבראָכן). אפשר דאָ געוועזן?

ז ל אַ ט ע:

ווער?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

מיין דוד־בער. נו, שטראָפסטו, נו שטראָפסטו...

ז ל אַ ט ע:

ער איז דאָ נאָר וואָס געוועזן.

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

געלויבט איז דער אויבערשטער.

ז ל אַ ט ע:

געקומען, געזעסן אַ ווײַלע און אַוועקגעגאַנגען.

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

אַוועקגעגאַנגען... ווײַטער אַוועקגעגאַנגען... נו, שטראָפּסטו, רבונו של עולם...

ז ל אַ ט ע:

ד׳וועסט זיך אפשר לאָזן, יאַנקעלע, אַרומוואַשן אַ ביסל?

י אַ נ ק ל:

ד־ד־דאַרף ניט...

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

ער איז גאָר דאָ?

ז ל אַ ט ע:

געבראַכט זיך צו שלעפּן אויף אַלע פיר... וואָס זאָל איך טאָן?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

מ׳זאָל ניט דערזען...

ז ל אַ ט ע:

כ׳האָב דערהערט, אַז מ׳גייט, האָט זיך מיר אָפּגעריסן דאָס האַרץ...

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

ס׳זאָל כאָטש קיינער ניט אָנגיין. איז וואו גייט מען אים זוכן? וואָס מאַכט פּערלע?

ז ל אַ ט ע:

איי, מלכה־דאָבעלע, — מיר חורבות לעבן און זיי... (קען מער ניט ריידן).

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

געוואָלט גיין אַהער... זען... העלפן... אפשר קענען מיר דאָך שוין ניט העלפן.. קען איך דאָך פון אים ניט אָפּטרעטן אויף אַ מינוט. רעדט עפּעס, קען איך אים ניט פאַרשטיין... דאָס שטייט ער באַם פענצטער און קוקט אין חושך, ווי ער וואָלט עפּעס דאָרטן וועלן געפינען, דאָס הייסט ער גיין זאָגן תהלים, און דאָס לאָזט ער זיך צום טיר — ער וועט גיין!.. וואָס גיין? וואוהין גיין? ער וועט גיין!... קען מען אים לאָזן? פאַר זיינע יאָרן... האָט ער זיך דאָך אַרויסגעריסן... איי, זלאַטעלע...

(ס׳דערהערן זיך טריט. זלאַטע פאַרשטעלט מיט זיך יאַנקלען. ס׳קומען: אברהם און עטלעכע קאָרניקעס מיט לאַמטערנעס).

א ב ר ה ם:

נו, ער איז דאָ?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

געוועז און אַוועקגעגאַנגען...

א ב ר ה ם:

וואוהין?

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

גאָט ווייס...

א ב ר ה ם:

(דערזעט יאַנקלען) זע, ער איז גאָר דאָ? וואָס טוט ער דאָ?

ז ל אַ ט ע:

אַף אַלע פיר געקומען צו קריכן...

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

אברהם...

א ב ר ה ם:

(מיט ציטער אין קול) ווייניק צרות? ווייניק אומגליק נאָך געבראַכט אַף אַלעמען? נאָך קרבנות דאַרפן זיי?... א שטיין אַפן האַלדז גע־דאַרפט אָנטאָן...

ז ל אַ ט ע און מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

(מיט געבעט) ש־ש־שאַ... אברהם... אברהם... האָט רחמנות... ש־ש־ש...

א ב ר ה ם:

נאָך ווייניק?... אַרויס פון דאַנען!...

ז ל אַ ט ע:

וואָס האָט איר צו די קינדער...

מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

אברהם... אברהם...

א ב ר ה ם:

אַרויס פון דאַנען!.. מ׳טאָר ניט!...

י אַ נ ק ל:

ש־ש־ש־ש־שאַ.... ש־ש־ש־ש־שאַ...

(די קאַרניקעס גיבן אַ נעם יאַנקלען, שלעפּן אים און שלאָגן אים. די ווייבער פּרואוון ניט דערלאָזן, זיי ווערן אָבער אָפּגעשטופּט פון די קאַר־ניקעס. יאַנקל ווייזט אַרויס אַ מוראדיקן ווידערשטאַנד, גיט זיך מיטאַמאָל אַ ריס אַרויס, כאַפּט ארויס אַ מעסער און פאַרמעסט צו שניידן).

י אַ נ ק ל:

כ׳וועל ש־ש־שניידן!...

(די קאַרניקעס אַנטוואָפענען אים און שלעפּן אים צום טיר. באַם טיר קלאַמערט ער זיך איין ווי אַ קלעשטש. די קאַרניקעס ברעכן אים).

א ב ר ה ם:

נייע צרות!... אַרויס פון דאַנענט!.. מיט אַ מעסער נאָך!..

ז ל אַ ט ע און מ ל כ ה ־ ד אָ ב ע:

(בעטן זיך) אברהם... אברהם... גאָט אין הארצן...

(פּערלע מיט אויסגעשטאַרצעטע אויגן, מיט בלישטשעדיקע וואָלפיכע־פייערן און צונויפגעשטשירעטע ציין, מאַכט גוואַלדיקע אָנשטריינגונגען זיך אויפצוהויבן. עפּעס געלינגט איר דעם אויבערשטן טייל אויפצוהויבן, זי גיט אָבער אַרויס אַ מאָדנעם ווייטיקדיקן גאַרגל און פאַלט אַפּן קישן. דוד־בער אין טיר).

ד ו ד ־ ב ע ר:

פאַרוואָס איז דאָס? פאַרוואָס?

א ב ר ה ם:

ווייטער באַ דער צויג!.. ווייניק נאָך...

ד ו ד ־ ב ע ר:

(אויפגעדראָהעט) לאָזט אָפּ! לאָזט אים אָפּ!... אַזוי וועסטו טאָן באַ זיך אַף יענער זייט טייך!... (די קאַרניקעס לאָזן אָפּ יאַנקלען. דער לעצ־טער צוריק אַף זיין פריערדיקן אָרט — אַפּן דיל). איך בין געגאַנגען נאָך אים. ניט געפונען. גוט וואָס ער איז דאָ. זאָל דאָס אויך קיין מניעה ניט זיין...

אברהם:

וואָס טוסטו? ווייניק נאָך? וואָס טוסטו?

דוד־בער:

(זעצט זיך אָפּן שטול. אָטעמט שווער). מיר ווייסן גאָרנישט!.. גאָר־נישט!... מיר ווייסן גאָרניש!...

אברהם:

נאָך ווייניק געשטראָפט... נאָך ווייניק... נאָך לעבנס אין סכנה שטעלן...

דוד־בער:

קום, וועל דיר ווייזן... (פירט צו אברהמען צום פענצטער) דו זעסט? א הימל — הויך־הויך... און פינצטער... זעסט — פינצטער?.. קיין איין שטערנדל ניט. און ער — הינטער אים, אויבן, הויך, גאָר הויך... און אונטן פּאַראָהעס: א שמאָלער וועג־פּאַס צווישן שטיי־נער... שפּיציקע שטיינער... ניט קיין קלאָרער, ניט קיין גלייכער וועג... און מיר אזעלכע קליינינקע... אזעלכע בלינדע... וואו קענען מיר וויסן?... מיר ווייסן גאָרנישט!... איך נעם אָפּ זיך! איך בין א זקן... א זקן בין איך... מיט א גרויסן חשבון אָפּ די פּלייצעס... און מיט אזא חשבון דאַרף איך אהין קומען... א שווערע משא... גאָרנישט לאָז איך נאָך זיך דאָ... פאַרזינדיקט. ניט מיטן גלייכן וועג געגאַנגען!... וועט זיין א ביסעלע שווערער, אָדער עפּעס גרינ־גער... (שטילער) זיי האָבן אינאיינעם ניט געלעבט מער... פאַר־שטייסט? (העכער) ניט פאַר וייערע זינד, פאַרשטייסט? פאַר אונד־זערע!.. פאַר אונדזערע!..

(פּערלע מאַכט עטלעכע פאַרדעכטיקע באַוועגונגען).

די ווייבער:

איי, זי איז פאַרביי!.. זי איז פאַרביי!..

(אַלע גיבן זיך אַ וואָרף צום בעט).

דוד־בער:

(שטעלט צו אַ פעדער צו פּערלעס נאָז). ט־ט־טויט...

(זלאַטע פאַלט צו צום בעט).

י אַ נ ק ל:

(שלעפּט זיך צו מיט גוואַלטיקער אָנשטריינגונג צום בעט און מיט טראַגישן יאָמער) פּערלע... פּערלעצקע... (לאָזט זיך אַראָפּ צונויפגעדרייט אַפן דיל) פּערלע... פּערלעצקע...

ד ו ד ־ ב ע ר:

(קוקט מיט צעשראָקענע, ברייט־צעעפנטע אויגן אַף זיינע הענט). אברהם... אברהם... אב־ב־ברהם... בלוט... ב־ב־בלוט... פון די הענט...

(ציטערט אינגאַנצן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

ניו יאָרק, יאַנוואַר 1923.

ענגלישע ווערטער אין דעם בוך:

א

אַ קען — אַ קאַן
איי לאַוו יו סאָ — איך ליב דיך אַזוי
איי'ל טריי מיי בעסט — איכ'ל טאַן
אַלץ וואָס איך קען
איי'ל טריי — כ'וועל זיך סטאַרען
אָ־קעי — גוט
איי נאָו איט — איך ווייס עס
איים סאָרי — ס'פאַרדריסט מיך
אוו קאָורס — פאַרשטייט זיך
אַפּוינטמענט — אָפּמאַך צו טרעפן זיך
איי דאָנט נאָו — איך ווייס ניט
איי ריעלי דאָנט נאָו — איך ווייס באמת ניט
איי סאָו מייסעלף — איך האָב אַליין געזען
איי דאָנט קער — מיך אַרט ניט
איי סי — איך זע
איט דאָז נאָט מין עי טהינג — עס מיינט גאָרנישט.
איי האָופּ — נאָט — איך האָף, אַז ניט
אַור קאלום — אונדזער קאָלאָנע
איי דו — איך טו
איף יו וואָנט יור מאָני, פּייט פאָר איט — אויב איר ווילט אייער געלט, קעמפט צו קריגן עס.
איז דהאָט קליר — איז דאָס קלאָר
אריינצוקעטשן — אריינצוכאַפּן
איי דאָנט טהינק סאָו — איך בין ניט באַ דער זעלביקער מיינונג
איי וואוד בי גלעד טו נאָו — איך וואָלט זיך געפילט גליקלעך צו וויסן
אַפּסטערז — אַרויף טרעפּ, אויבן

אַרגומענט — צעווערטלונג
איי וואָנט טו סי הים — איך וויל אים זען
אויסגעטרימטעקייט — אויסגעפּוצטקייט
אָפּיס — קאָנטאָר
אַטרעקשאָן — אַטראַקציע
איי פּריפּויר טו סים הים עלאָון — איך וויל אים זען אויג אָף אויג
איי לאָוו יו סאָו מאָטש — איך ליב דיך אַזוי שטאַרק
איי אונדערסטענד — איך פאַרשטיי
אַפּאַרטמענט — אַ דירה
איי האָופּ יו בעליוו מי — איך האָף, אז דו גלויבסט מיר
איי בעג יור פּאַרדן — איך בעט אַנט־שולדיקונג
אַבדזשעקשאָנס — צוריקווייזונגען
איט איז עי לאַי — עס איז אַ ליגן
אַריינגעמופט — אַריינגעקליבן זיך אין אַ נייער דירה

ב

בילדינג־טרעיד — בויאונג־פאַך.
בילדינגס — בנינים
ביזי — פאַרנומען
בלעימען — באַשולדיקן
באַי — בחור
ביודי־פּאַרלאָר — סאַלאָן פאַר שיינקייט
ביודיפול — זייער שיין
באטלערס — מענער דינערשאַפט
באט — אָבער
בעליווד יו — געגלויבט דיר
בעיבי־באַי — אַ אינגעלע

בלעקמעילן — באַשמוציקן פאַר דער
געזעלשאַפט
בילס — חובות
באַנק־אַקאַונטס — געלט רעכענונגען
אין די בענק
ביי דהי וועי — פאַרבייגייענדיק, בדרך
אגב
בעיבי — קינד
בעסטאַרדס — מערזאַווצעס
בענקראָפּסי — באַנקראָט

ג

גאַלן — 4 קוואָרט
גיוו אַז עי טשאַנס, קאַמראַדס — גיט
אונדז אַ מעגלעכקייט, חברים
געזאָלין סטיישאַן — גאַזאָלין סטאַנציע
גראָסערי — קאָלאָניאַל קראָם
גלעד — עס פרייט מיך
גוד־ביי — אַ גוטן
גוירל — אַ מיידל
געקידנעפּט — געכאַפּט, כדי אַרויס־
צופּרעסן געלט.
געסעטלט — געשליכטעט
גוד איוונינג — גוטן אָוונט
געט אַוט — אַרויס.
גראַנד־פלאָר — אונטערשטער עטאַזש

ד

דעפּאָזיטאָר — איינער, וואָס האַלט
געלט אין אַ באַנק
דעיט — אַ באַשטימטע צייט צו טרעפן
זיך.
דענס — טאַנץ
דיסגאַסטינג — אַנטוישונג
דיער — טייער־ער־רע
דאַרלינג — טייער־ער־רע
דעמאָנסטרעישאַן — דעמאָנסטראַציע
דזשאַסט דהי סעים — אַלץ איינס
דעמאָנסטרעיט אַגעינסט די ראָבערי —
דעמאָנסטרירט אַנטקעגן דער רויב־
בעריי
דזשאַסט אין צייט — פּונקט אין צייט
דאָנטוּשיו דער — זאָלסט ניט וואָגן
דהעי׳ל קיל הים — זיי וועלן אים
אָוועקהרגענען
דאָנטוּשיו אונדערסטענד — צי דען פאַר־
שטייסטו ניט
דו איט פאָר מי — טו דאָס פאַר מיר
דיוואָרס־קעיס — אַ גט־פּראָצעס

ה

הו קערס — וועמען גייט עס אָן
העט — אַ הוט
האַו אר יו — וואָס מאַכט איר
היר ווי אַר — אָט זענען מיר דאָ
הו קערס — וועמען אַרט עס
הי דאַז נאַט לאַיק מי — איך געפעל
אים ניט
הי דאַז נאַט וואָנט יו אין די פעמילי
— ער וויל דיך ניט אין דער
משפחה
האַנימון — האָניק חודש
האָט אַ וועלט מיט נירוו — אַ וועלט
מיט דרייסטקייט
הו ז׳דהאַט גוירל — ווער איז די
מיידל
הי איז קרעיזי — ער איז משוגע
האַו איז שי — ווי איז זי
האַו יו פיל, דיער — ווי פילסטו, טייי־
ערע
האָלד־אַפּ — רויבעריי
היי־עדיוקיישאַן — הויכע בילדונג
הורעי — הוראַ

הירדהעי אַר — אַט זענען זיי
האַו קען יו לאַוו הים — ווי קענסטו אים ליבן

ו

ווינדאָו — פענצטער
ווהאַט איז די דיפערענס — וואָס איז דער אונטערשייד
וואַנס ענד פאָר אָל — איין מאָל פאַר אַלעמאָל
ווהאַט איז די האַרי — וואָס איז די היילעניש
וועל — גוט
וויש יו לאַק — ווינש אייך גליק
ווהאַי — פאַרוואָס
ווהאַט דו יו וואָנט — וואָס ווילסטו
ווהאַי נאַט — פאַרוואָס ניט
ווילעדזש — דאָרף
וואוד נאַט איט בי וואָנדערפול — וועט עס ניט זיין וואונדערלעך?
ווהאַט איז אָל אַבאַוט — וואָס קומט דאָ פאָר
ווהאַט דו דהעי וואָנט — וואָס ווילן זיי
וואָטשן — אויפפאַסן.
ווהאַט איז שי טאָקינג אַבאַוט — וואָס רעדט זי
וויל יו טעיק עי סיט — זיצט
ווהאַי דיד יו לאַי טו מי אָל דהי טאַים — פארוואָס האָסטו מיר געלאַיגט די גאַנצע צייט.
ווהאַי דיד יו דו דהאַט טו מי — פאַר־וואָס האָסטו דאָס מיר געטאָן
וועריאימפּאָרטענט — זייער וויכטיק
ווהער איז שי — וואו איז זי

ט

טרעין — צוג.
טשוירטש — אַ קלויסטער
טשאַנס — געלעגנהייט

טשעין־סטאָרס — פאַרצווייגטע קאָמפּאַ־ניע קראָמען
טהענק יו — אַ דאַנק
טו דהי העל — צום טייפל
טהענקס — אַ דאַנק
טרימינג — צוגעפּוצטקייט
טהענק יו וועריו מאַטש — איך דאַנק דיר זייער
טאַנץ־האָל — טאַנץ־זאַל
טאָקד טו מי אַגען — האָט ווידער גע־רעדט צו מיר
טריי ענד געט איט — ווייז אַ קונץ און קריג עס.
טהאַטס אָל — דאָס אַלץ
טעריבל פילינג — אַ שרעקלעכער גע־פיל
טשאַפּל פון אונדערטייקער — אַ שול־מעטיקער זאַל, וואו די באַערדי־קונגס־קאָנטאָרן האַלטן דעם טויטן פאַר דער לויה
יו וועלקאַם — ביטע זייער
יו נאָו — דו ווייסט
יור האַזבענד — דיין מאַן
יו ריעלי מין איט — דו מיינסט עס באמת
וואוד יו בעליוו איט — וואָלסט עס גע־גלויבט?
יו'ל געט יור מאָני — אירט קריגן אייער געלט
יו מין איט — דו מיינסט עס

ל

ליטל נאַטהינג — אַ קליינישקייט
לאַודספּיקער — הויך־ריידער
לוקס לאַיק — קוקט אויס אזוי
לאָיער — אַדוואָקאַט
לאַין — אַ רייע
לעטס דענס — לאָמיר טאַנצן

לעטס מעיק דהעם עי סורפרייז — לאָמיר זיי מאַכן אַ סורפריז

לאָוו־סטאָרי — אַ ליבעס־געשיכטע

לעטס גאָו — לאָמיר גיין

לוק — קוק

מ

מירעקל — אַ נס

מיוזיק — מוזיק

מאַשין־ראַיד — אַ פאַרגעניגן אַרויס־פאָר אין אַן אויטאָמאָביל.

מאַדל — מאָדעל

מאַשין־גאַן — מאַשין־ביקס

מעריעדזש — חתונה

מעי בי יו אַר ראַיט — קען זיין, אַז דו ביסט גערעכט

מ׳מאַרטשט — מ׳מאַרשירט

מאַ — מאַמאַ

נ

נעמען קער — אַכטונג געבן

נוירווס — נערוון

נעווער מאַינד — ס׳מאַכט ניט אויס

נוירס — באַרימהאַרציקע שוועסטער

נאָ מאָר — מער ניט

נאָוטס — וועקסלען

נאַק־אַוט — ווען איין צד אין באָקס־קאַמף ברייגנט מיט איין קלאַפּ דעם צווייטן צד צו אַ נידערלאַגע.

נעיטשורעלי — נאַטירלעך

נאַטהינג סיריעז — ניט געפערלעך

נאָט לאָוו — ניט ליבע

נאָ יוז — קיין זאך וועט ניט העלפן

נאָט הוירט — ניט צעשלאָגן

נייס באָי — אַ גוט קינד

סיינס — שילדן

סעקשאָן — טייל שטאָט

סטיישאָן — סטאַנציע

סאַם שפיל — איין מאָל אַ שפיל

סיטי־האָל — שטאָט פאַרוואַלטונג

סאָולאָנג — צום ווידערזען

סורפרייז — אַ סורפריז

סאַמטהינג לאַיק דהאַט — עפעס ענ־לעכעס

סוקסעס — דערפאָלג

סיק ענד טייערד — קראַנק און איינ־געמאַטערט

סאָרי — מיך פאַרדריסט

ספיקינג — רעדט

סאַם דעמאָנסטריישאָן — איין מאָל אַ דעמאָנסטראַציע

סיטי־אָפישלס — שטאָט אָנגעשטעלטע

סאַם העדיק — איין מאָל אַ קאָפּווייטיק

סוויטהאַרד — ליבע, ליבער

סמאַרט — קלוג,

סאַם גוירל — איין מאָל אַ מיידל

סאַם בעיבי — איין מאָל אַ חברהטע

ע

עי גוירל אנדער דהי טרעין — אַ מיידל איז אונטערן צוג

עווריטהינג ז׳פיין — אַלץ איז פיין, אין בעסטער אָרדנונג

עי לאַט טו טאָק — אַ סך צו ריידן

עקספיריענס — דערפאַרונג

עי סיט, פליז — זיצט

עי לאַט אָוו פאַן — אַ סך פאַרגעניג;

עי ראָן אַן אָל דהי בענקס — אַן אָנ־געלאָף אַרויסצוכאַפּן די געלט פו די בענק

עפטער אָל — נאָך אַלעמען
עקסידענט — אומגליקספאַל, צופאַל
ענד האָו העפּי פּאָפּ ענד מאָם וויל בי — און ווי גליקלעך פּאַפּאַ און מאַ־מאַ וועלן זײַן
עוועריבאָדי — יעדער איינער

פ

פעמילי — פאַמיליע
פאָרגעט איט — פאַרגעס עס
פלאָרס — עטאַזשן
פיונעראל — לויה
פרעים־אָפּ — רויבעריי
פייט — קאַמף
פראָם טאָפּ טו דהי באָטם — פון אויבן ביז אַרונטער
פייטינג־גלאָווס — הענטשיקעס מיט וועלכע מען שלאָגט זיך אין באָקס־קאַמף.

פ

פּאָקעט־בוק, — אַ טייסטער, אַ פּריוו־ענשע האַנט־בייטל
פּראָפעשאָן — פּראָפעסיע
פּיקטשורס — בילדער
פּליז, דאָנט געט עקסיידעד — זיי ניט צערודערט
פּאַרטי — וועטשערינקע, פּאַרטיי
פּליז, סטאָפּ — זיי אַזוי גוט און הער אויף
פּול — פּראָטעקציע
פּוירפעקט ראַיט ענד אָנעסט — זייער גערעכט און יושרדיק
פּור פּיפל — אָרעמע באַפעלקערונג, אָרעמע מענטשן

פּובליסיטי — אַדווערטײַזמענט
פּראָפּאָזישאָן — אַ פאָרשלאָג
פּאָיזן — גיפט
פּלענטי — איבערגענוג .

צ

צוגעפּיקסט — צוגעפּראָוועט

ק

קאָנער — ראָג פון גאַס, ווינקל
קעש — מזומן
קוואָדער — 25 סענט
קאָונטעס — גראַפיניע
קען יו אימאַדזשין — קענסטו זיך פאָרשטעלן ?
קרוקס — שווינדלער
קלאָב — אַ פּאָליצייסקע דובינקע
קאָלעדזש — הויך־שול
קאָורט— געריכט
„קאָל" — אַן אָפּרוף אין טעלעפאָן
קאָלום — קאָלאָנע

ר

ראָודס — וועגן
ראַיט — ריכטיק
רום — חדר
ראָטן — פּאַסקודנע
רי׳עלי — אמת.
רומקע — אַ חדרל
ריטש — רייך

ש

שאַראַפּ — פאַרמאַך דיין פּיסק
שאָק — אַ איבערראַשנדער קלאַפּ
שור — זיכער